בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# דֶער קְוַואל פוּן אֶמוּנָה

שֵׁיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים, גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדֻשַּׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֶמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער,
וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת וִוי אַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם

## סֵדֶר בְּרֵאשִׁית תשע"ג לפ"ק

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַדוֹנֵנוּ מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

### רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים,
אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא
אוּן מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

© כל הזכויות שמורות

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

גרפיקה עיצוב ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** 05276-27127

# מַפְתֵּחַ

1) וָואס אִיז נֵייעֶס .............. 1

2) אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן............ 41

3) דֶער טִיר אִיז אָפֶען............ 83

4) אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן............ 127

5) אַ גוּטֶע וָואךְ............... 163

6) דוּ וֵוייסְט וָואס דוּ פַארְמָאגְסְט ? ! 201

7) אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת............ 247

8) עֶס וֶועט דִיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן.. 293

9) אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן............ 333

10) זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.............. 379

11) קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ....... 409

עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעגְרֶעדְט פַאר אִים, אַז עֶר בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף רוּחָנִיוּת, אוּן עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, פְרֶעגְט אִים רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: גַשְׁמִיוּת הָאסְטוּ שׁוֹין? הָאסְט פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח?! עֶנְטְפֶערְט עֶר: נֵיין, דָאס אַוַודַאי נִישְׁט! זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: דוּ בֶּעט נָאר אוֹיף גַשְׁמִיוּת, אוּן נִישְׁט אוֹיף רוּחָנִיוּת; וַוייל גַשְׁמִיוּת שְׁפִּירְסְטוּ; אַז דוּ בִּיזְט שׁוּלְדִיג חוֹבוֹת, אוּן דִי בַּעֲלֵי חוֹבוֹת לוֹיפְן דִיךְ נָאךְ וְכוּ׳, אוּן עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער. אָבֶּער אוֹיף רוּחָנִיוּת הַאלְטְסְטוּ דָאךְ נִישְׁט דֶערְבֵּיי, וֶועגְן דֶעם זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה וָואס דָאס דְרִיקְט דִיךְ, מִמֵילָא וֶועט זִיךְ צוּם סוֹף עֶפֶּענֶען דַיין הַארְץ, אוּן דוּ וֶועסְט שׁוֹין קֶענֶען בֶּעטְן אַלֶעס וָואס עֶס פֶּעלְט דִיר. קוּמְט אוֹיס אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף בֶּעטְן אוֹיף דֶעם וָואס עֶס פֶּעלְט אִים, אוּן וָואס עֶס דְרִיקְט אִים בֶּאֱמֶת. אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַז עֶס פֶּעלְט אִים אֱמוּנָה, זָאל עֶר דָאס בֶּעטְן, דָאס אִיז דֶער אֱמֶת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

(קוּנְטְרֵס: אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה)

בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# וָואס אִיז נַייעֶם ?!

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער,
וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת וִויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָּארְכְטִיגֶער רֶבִּי,
דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט,
וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים
פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְּמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַ וֶועג פוּן זִיךְ בַּאנֵייעֶן יֶעדְן טָאג יֶעדֶע שָׁעָה אוּן יֶעדֶע רֶגַע. אִיךְ בִּין אַ נֵייעֶ מֶענְטְשׁ, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקֶר תְּשׁוּבָה, וְוי דִי חַזַ"ל זָאגְן בַּיי אָדָם הָרִאשׁוֹן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה כ"א סִימָן ו'), אוֹיף דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ד', כ"ב) "וְעַתָּה פֶּן יִשְׁלַח יָדוֹ", מְלַמֵד שֶׁפָּתַח לוֹ הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פֶּתַח שֶׁל תְּשׁוּבָה 'וְעַתָּה', אֵין 'וְעַתָּה' אֶלָא תְּשׁוּבָה, שֶׁנֶאֱמַר (דְבָרִים י) "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹהֶיךָ" וְגוֹ'. "וְעַתָּה" מֵיינְט "פוּן יֶעצְט", דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט גֶעעֶפְנְט פַאר אָדָם הָרִאשׁוֹן אַ טִיר פוּן תְּשׁוּבָה, וָואס פַּארַא טִיר? "זָאלְסְט וִויסְן אָדָם: וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט!". וָואס דָאס מֵיינְט "וְעַתָּה - פוּן יֶעצְט"; 'אֵין וְעַתָּה אֶלָא תְּשׁוּבָה' "וְעַתָּה" מֵיינְט "תְּשׁוּבָה". דָאס הֵייסְט, "פוּן יֶעצְט אָן קוּם צוּרִיק צוּ מִיר" - זָאגְט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**(אשר בנחל באידיש חלק א' מכתב ב)**

# וָואס אִיז נֵייעֶס ? !

## א.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין אַ אוֹיסְנַאם דֶערְהוֹיבֶּענֶע נַאכְט, דִי עֶרְשְׁטֶע לֵיל שִׁשִּׁי פוּן דֶעם יָאר, אוּן אַז מִיר וֶועלְן הָאבְּן דִי זְכִיָּה, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין נָאךְ דָאס יָאר תשע״ג, צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה וָואס מִיר וַוארְטְן שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג. אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פַּרְשַׁת וַיֵּרָא דַף קי״ט ע״א), אוֹיף דֶעם יָאר.

## וָואס אִיז נֵייעֶס ?!

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זי״ע פְּלֶעגְט נָאכְזָאגְן פוּן זַיין גְרוֹיסְן רֶבִּי׳ן, דֶער גְרוֹיסֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי״ע: ׳מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט דִי צַייט׳. שְׁפֶּעטֶער הָאט דָאס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זי״ע מַסְבִּיר גֶעוֶוען, אַז דָאס מֵיינְט: מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה. רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, קְרִיאַת הַתּוֹרָה, הֲלָכָה ו׳): יֶעדְן טָאג נֶעמְט חַיּוּת פוּן אַ חֵלֶק פוּן דִי פַּרְשָׁה, דֶערְפַאר אִיז דִי פַּרְשָׁה אַיינְגֶעטֵיילְט אִין זִיבְּן חֲלָקִים, וַוייל יֶעדְן טָאג צִיעֶט חַיּוּת פוּן זַיין חֵלֶק.

חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח ע״ב): **לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פָּרָשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר** וְכוּ׳, אַ מֶענְטְשׁ זָאל יֶעדֶע וָואךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ. וֶוערְט גֶע׳פַּסְקֶ׳נְט אוֹיף דֶעם (שׁוּלְחָן עָרוּךְ אֹרַח חַיִּים, סִימָן רפ״ה, סְעִיף ג): **׳מִיּוֹם רִאשׁוֹן וָאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּיבּוּר׳**, פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי נֵייעֶ סֶדְרָה. וַוייל יֶעדֶער וָואךְ צִיעֶט זַיין חַיּוּת פוּן דִי סֶדְרָה פוּן דִי וָואךְ,

## וָואס אִיז נֵייעֶס ?!

און יֶעדְן טָאג עֶקְסְטֶער צִיעֶט זַיין חַיוּת פוּן זַיין חֵלֶק פוּן דִי פַּרְשָׁה, וֶועגְן דֶעם קֶען מֶען טְרֶעפְן אִין דִי פַּרְשָׁה פוּן יֶענֶעם טָאג, אַלֶע נֵייעֶס וָואס עֶס קוּמְט פָאר, און דָאס אִיז דִי אִידִישֶׁע נֵייעֶס. און דָאס אִיז יֶעדֶעס יָאר נֵיי כָאטְשִׁיג מִיר הָאבְּן שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵים זַיין גַאנְץ חֲמִשָׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, פוּן **בְּרֵאשִׁית** בִּיז **לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל**, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן אִיז דָאס יֶעדֶעס יָאר פְרִישׁ און נֵיי.

און אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם '**שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם**', אִיז דָאס אַ סְגוּלָה אוֹיף אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים (בְּרָכוֹת שָׁם), און נָאכְדֶערְצוּ אַז מֶען לֶערְנְט רַשִׁ״י, אִיז דָאס אַ סְגוּלָה אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם, אַזוֹי וִוי צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט: דֶער רַמָ״א זָאגְט (שׁוּלְחָן עָרוּךְ אֹרַח חַיִּים סִימָן רפ״ה סְעִיף ב): '**וִירֵא שָׁמַיִם יוֹצֵא יְדֵי שְׁנֵיהֶם**'. קוּמְט אוֹיס אַז אוֹיב מֶען לֶערְנְט רַשִׁ״י אִיז עֶס אַ סְגוּלָה אוֹיף יִרְאַת

שָׁמַיִם. אוֹיךְ פוּן הֵיילִיגְן בֶּעלְזֶער רָב רֶבִּי יִשָּׂכָר דוֹב זי״ע, זָאגְט מֶען נָאךְ, אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט: 'אִין דֶעם טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ״י, וֶועט מֶען נִישְׁט זִינְדִיגְן'.

## ב.

דֶער עִנְיָן פוּן זִיךְ בַּאנַייעֶן שְׁטֶענְדִיג, הָאבְּן מִיר מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן רמז): **'חִידוּשׁ כָּמוֹנִי לֹא הָיָה בָּעוֹלָם'**, אַזַא חִידוּשׁ וִוי אִיךְ בִּין אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן אֵיינֶע פוּן דִי פְּשָׁטִים אוֹיף דֶעם אִיז, אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶער זַאךְ פוּן 'הִתְחַדְשׁוּת', שְׁטֶענְדִיג זִיךְ אוֹיפְצוּפְרִישְׁן אוּן בַּאנַייעֶן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שפד): נִישְׁט נָאר אַ תּוֹרָה אִיז בַּיי מִיר נַייעֶס, נָאר אֲפִילוּ אַ וָוארְט בַּיי מִיר אִיז נַייעֶס, אוּן נִישְׁט נָאר אַ וָוארְט נָאר

## וָואס אִיז נֵייעֶס ?!

אֲפִילוּ אַ אָטֶעם אִיז בַּיי מִיר נֵיי מַמָּשׁ. אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁפִּירְן אַזַא חַיּוּת, אַז אַ יֶעדֶע רֶגַע בַּאנֵייט עֶר זִיךְ, וָואלְט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרָאפְּגֶעפַאלְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, בָּשָׂר וְחָלָב, הֲלָכָה ד׳): רֶעדְט אַרוּם וִוי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מְחַדֵּשׁ זַיין, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אוּן אוֹיף וָואס עֶס גֵייט זַיין, וַוייל יֶעדֶע מִינוּט אוּן יֶעדֶע רֶגַע אִיז אַלֶעס אִינְגַאנְצְן נֵיי, בְּרֶענְגְט עֶר פוּנֶעם אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ (עֵץ חַיִּים, הֵיכָל אָדָם קַדְמוֹן, שַׁעַר א, עֲנַף ה, דַּף טו): דִי וואוּנְדֶער פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע טוֹישְׁן זִיךְ אַלֶע וֶועלְטְן! [אִין אַ טָאג אִיז דָא פִּיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה, אִין יֶעדֶע שָׁעָה אִיז דָא זֶעכְצִיג מִינוּט, קוּמְט דָאס אוֹיס טוֹיזֶענְט פִּיר הוּנְדֶערְט פֶערְצִיג מִינוּט, אִין יֶעדֶע מִינוּט אִיז דָא זֶעכְצִיג סְקוּנְדֶעס, קוּמְט אוֹיס אַז אִין אֵיין טָאג אִיז דָא זֶעקְס אוּן אַכְצִיג טוֹיזֶענְט אוּן פִּיר הוּנְדֶערְט (86,400) סְקוּנְדֶעס! וָואס אִין יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע

## וָואס אִיז נַייעֶס ?!

וֶוערְט דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה גֶעטוֹישְׁט.] אוּן דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין תִּיקוּנֵי זֹהַר (תִּיקוּן כב, דַף סה ע״א): ׳לְבוּשָׁא דְלָבִישׁ בְּצַפְרָא, לֹא לָבִישׁ בְּרַמְשָׁא׳, כַּבְיָכוֹל דִי לְבוּשִׁים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אָן אִינְדֶערְפְרִי, טוּט עֶר נִישְׁט אָן בַּיינַאכְט. [כָאטְשִׁיג עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן אַ לְבוּשׁ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ נִישְׁט קַיין גוּף, אוּן הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם דְמוּת, אוּן מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם הַשָּׂגָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז, וַוייל מִיר זֶענֶען גַשְׁמִי, אוּן וִוי קֶענֶען מִיר פַארְשְׁטֵיין רוּחְנִיוּת?! נָאר כְּדֵי מִיר זָאלְן קֶענֶען הָאבְּן עֶפֶּעס אַ יְדִיעָה אִין אֱלֹקוּת, בַּאנוּצְן מִיר זִיךְ מִיט אַזֶעלֶעכֶע לְשׁוֹנוֹת].

קוּמְט אוֹיס אַז דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה וָואס מִיר זֶעהְן, וָואס דָאס הֵייסְט ׳עוֹלָם הָעֲשִׂיָּה׳, דִי גַאנְצֶע גְלָאוֹ״ב וָואס בַּאשְׁטֵייט פוּן זִיבְּן בִּילְיָאן מֶענְטְשְׁן, מִיט לֶענְדֶער אָן אַ שִׁיעוּר, מִיט אַלֶע סָארְטְן חַיוֹת, אוּן בִּילְיֵ בִּילְיַארְדְן

# וָואס אִיז נֵייעֶס ?!

בֵּיימֶער מִיט בְּלֶעטֶער, וָואס קַיין אֵיין בְּלֶעטְל זֶעהְט נִישְׁט אוֹיס ווִי דֶער צְוֵוייטֶער, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְדֶעם דִי גְרָאזֶעלֶעךְ, פוּן דִי גַאנְצֶע כַּדוּר הָעוֹלָם, וָואס קַיין אֵיינְס זֶעהְט נִישְׁט אוֹיס ווִי דִי אַנְדֶערֶע, וָואס דָאס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע 'נִפְלָאוֹת הַבּוֹרֵא', אוּן וַוייטֶער וָואס מִיר זֶעהְן, דִי זוּן מִיט דִי לְבָנָה, מִיט בִּילֵי בִּילְיָאנֶען שְׁטֶערְן, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כַּבְיָכוֹל הַאלְט חֶשְׁבּוֹן, אוּן גֶעט אַ נָאמֶען פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְן שְׁטֶערְן, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קמז, ד): **'מוֹנֶה מִסְפָּר לַכּוֹכָבִים לְכֻלָּם שֵׁמוֹת יִקְרָא'**, אוּן דָאס אִיז נָאר ווִיפִיל דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זֶעהְן, אוּן אֲפִילוּ אִין דֶעם הָאבְּן מִיר נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רכה): אַז אַלֶעס וָואס דִי פָארְשֶׁערְס זֶענֶען פַארְנוּמֶען צוּ פָארְשְׁן אִיז נָאךְ קוֹים דִי אָנְפַאנְג פוּן דִי וֶועלְטְן, אוּן אֲפִילוּ בַּיי דֶעם זֶענֶען זֵיי גוּט צוּמִישְׁט, אוּן אִין קַבָּלָה וֶוערְט דָאס אַלֶעס

## וָואס אִיז נַייעֶס ?!

אָנְגֶערוּפְן אִין אֵיין וָוארְט: 'עוֹלָם הָעֲשִׂיָּה'. יֶעצְט שְׁטֶעלְט זִיךְ פָּאר וָואס עֶס אִיז דָא אִין 'עוֹלָם הַיְצִירָה', דִי אַלֶע מַלְאָכִים וָואס אִיז נָאר דָא, וָואס מֶען קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם, נָאכְדֶעם דִי הֶעכֶערֶע עוֹלָמוֹת 'עוֹלָם הַבְּרִיאָה' אוּן 'עוֹלָם הָאֲצִילוּת', וָואס דָאס אַלֶעס אִיז נָאר אַ לְבוּשׁ כַּבְיָכוֹל פַארְן אֵין סוֹף. [מִיר זֶענֶען קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ, אוּן מֶען אִיז נָאר מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן, אוּן מֶען קְרִיגְט זִיךְ אַרוּם, אוּן וֶוען מֶען זֶעהְט אוֹיף דֶער עֶרְד אַ מוּרִישְׁקֶע, טְרַאכְט מֶען: עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ אַ רַחֲמָנוּת, אַזוֹי קְלֵיינְטְשִׁיג, זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (מִשְׁלֵי ו, ו): לֵךְ אֶל נְמָלָה עָצֵל, גֵיי צוּ דִי מוּרִישְׁקֶע, אוּן לֶערְן זִיךְ פוּן אִיר. וַוייל אַ מוּרִישְׁקֶע וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען יֶענֶעמְס אַ זַאךְ (דְבָרִים רַבָּה ה, ב).

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ אִינְגֶל הָאבּ אִיךְ דָאס גֶעוָואלְט בַּאטְרַאכְטְן, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן וִוי מֶען גִיסְט אוֹיס וֵוייץ, אוּן אַ מוּרִישְׁקֶע קוּמְט אוּן כַאפְּט אַ וֵוייצְל, אוּן זִי

## וָואס אִיז נַייעֶס ?!

טְרָאגְט דָאס, אִינְמִיטְן רוּהְט זִי זִיךְ אַלְץ אָפּ, אוּן זִי לֵייגְט אַרָאפּ דִי וַוייץ, הָאט גֶעקֶענְט דוּרֶעכְגֵיין אֲפִילוּ הוּנְדֶערְט מוּרִישְׁקֶעס, אוּן וִוי נָאר זֵיי הָאבְּן עֶס גֶעגֶעבְּן אַ שְׁמֶעק אוּן גֶעשְׁפִּירְט אַז דָאס וַוייצְל אִיז שׁוֹין אֵיינֶעמְס, הָאבְּן זֵיי דָאס אָפְּגֶעלָאזְט. אוּן אוּנְז דִי גְרוֹיסֶע בַּעֲלֵי שֵׂכֶל, אוּן גְרוֹיסֶע עוֹבְדִים, וְכוּ׳, וֶוען עֶס קוּמְט יֶענֶעם אָפְּצוּטוּעֶן, פְּרֶעגְט מֶען נִישְׁט קַיין שְׁאֵלוֹת, אוּן שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט פוּן נֶעמֶען יֶענֶעמְס גֶעלְט, רַחֲמָנָא לִצְלָן.]

פִירְט דָארְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אוֹיס, אַז פוּן דֶעם קֶען מֶען זִיךְ אַרוֹיס לֶערְנֶען דָאס עִנְיָן פוּן הִתְחַדְּשׁוּת, וִוי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְחַדֵּשׁ זַיין, כָאטְשִׁיג אַ מִינוּט פְרִיעֶר הָאט עֶר גֶעטוּעֶן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּעֶן, אִיז אָבֶּער דִי יֶעצְטִיגֶע מִינוּט אוּן סֶקוּנְדֶע שׁוֹין אִינְגַאנְצְן נֵיי, אוּן אִיךְ בִּין שׁוֹין נִישְׁט דֶער זֶעלְבֶּער מֶענְטְשׁ, אָבֶּער דָאס צוּ בַּאוַוייזְן אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט אַז יֶעדֶער גֵייט אַרוּם צוּבְּרָאכְן אוּן צוּשָׁאסְן, אוּן עֶס גֵייט

## וָואס אִיז נַייעֶס ?!

אַזוֹיפִיל אִיבֶּער, וָואס דָאס אַלֶעס נֶעמְט זִיךְ וַוייל עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ שׁוֹין אַלְט אִין זַיין מַצָּב.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן נ״א): אַלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין, נִישְׁט קַיין אַלְטֶער חָסִיד, נִישְׁט קַיין אַלְטֶער צַדִיק, נִישְׁט קַיין אַלְטֶער בַּעַל עֲבֵירָה, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַלְט; נָאר שְׁטֶענְדִיג נֵיי אוּן פְּרִישׁ. אוּן דָאס אִיז דֶער וֶועג וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט.

דֶער הֵיילִיגֶער מַלְבִּי״ם זי״ע אִיז קוֹדֶם גֶעוֶוען רָב אִין שְׁטָאט בּוּקַארֶעסְט, אוּן דָארְטְן הָאבְּן דֶעמָאלְטְס גֶעוואוֹינְט דִי גְרֶעסְטֶע לֵיצִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים, אִין עֶס פְּלֶעגְט דֶעמָאלְטְס אַרוֹיסְקוּמֶען דָארְט צְוֵויי צַייטוּנְגֶען, ׳הַבּוֹקֶר׳ אוּן ׳הַשַּׁחַר׳, וָואס הָאבְּן גֶעהֶעצְט אוּן לֵיצָנוּת גֶעמַאכְט פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן פוּן דִי אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִצְלַן, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער מַלְבִּי״ם אִיז גֶעוֶוען אַ

## וָואס אִיז נֵייעֶס ?!

שְׁטַארְקֶע קֶעמְפֶער קֶעגְן דִי אַלֶע זַאכְן, אוּן הָאט נִישְׁט נָאכְגֶעלָאזְט בְּשׁוּם אוֹפָן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען הָאט אִים גֶע׳רוֹדֵפְ׳ט, וַוייל אַז אֵיינֶער וִויל זִיךְ נִישְׁט בֵּייגְן, הָאט מֶען אִים פַּיינְט, אוּן מֶען רוֹדֵפְ׳ט אִים,

[אָבֶער דֶער דֶרֶךְ הָאבְּן מִיר מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן דִי צַדִיקִים: בַּיי אִידִישְׁקֵייט אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, וִוי זִיךְ בֵּייגְן! דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֶר זי״ע הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (שַׁאֲלוֹת וּתְשׁוּבוֹת חֲתַם סוֹפֶר: אֹרַח חַיִּים סִימָן כ״ח; ק״ל; קמ״ח; אֶבֶן הָעֶזֶר חֵלֶק ב סִימָן כ״ט; וְעוֹד): **׳חָדָשׁ אָסוּר מִן הַתּוֹרָה׳**. מִיר הָאבְּן אַ אוֹיסְגֶעטְרָאטֶענֶעם וֶועג פוּן אוּנְזֶערֶע טַאטֶעס אוּן זֵיידֶעס, אוּן עֶלְטֶער זֵיידֶעס, אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג דַארְף מֶען זִיךְ פִירְן, אוּן נִישְׁט גֵיין אוֹיף נֵייעֶ וֶועגְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף יֶעדְן פְּרַט, סֵיי אִין לְבוּשׁ, סֵיי אִין אוֹיפִירוּנְג, אוּן סֵיי בַּיים זִינְגֶען, אוּן זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז דוּרֶעךְ דֶעם וֶועט מֶען מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

## וָואס אִיז נֵייעֶס ?!

פַארְקֶערְט, מֶען דַארְף זַיין שְׁטָאלְץ מִיט דִי צְוֵויי פֵּיאוֹת, אוּן דִי בָּארְד, וְכוּ׳.

דֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן רֶבִּי מֵאִיר שְׁפִּירָא זַצַ״ל, הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: מֶען זֶעהְט אַז אִין אוּנְגַארְן אִיז גֶעבְּלִיבְּן דִי אִידִישְׁקֵייט, וַוייל אִין פְּרֶעשְׁבּוּרְג אִיז גֶעוֶועזְן דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֶר זי״ע, אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ שְׁנִיט, אַז מִיט גֶעמֵיינֶע מֶענְטְשְׁן אוּן אַפִּיקוֹרְסִים הָאט מֶען נִישְׁט צוּ טוּעֶן, אוּן נִישְׁט אוֹיפְקוּמֶען מִיט נֵייעֶ וֶועגְן; נִישְׁט וַוייט פוּן ׳פְּרֶעשְׁבּוּרְג׳ אִיז דֶער שְׁטָאט ׳פְּרַאג׳, וָואס דָארְט הָאט מֶען יָא אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט פְּשָׁרוֹת, אִיךְ וֶועל נָאכְגֶעבְּן אַבִּיסְל אוּן דוּ וֶועסְט נָאכְגֶעבְּן אַבִּיסְל, - הָאט עֶר אוֹיסְגֶעפִירְט - אַז מֶען זֶעהְט אַז אִין פְּרַאג אִיז נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן דִי הֶמְשֵׁךְ פוּן אִידִישְׁקֵייט, נָאר אַלְטֶע מַצֵיבוֹת פוּן הוּנְדֶערְטֶער יָארְן צוּרִיק פוּן גְדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל וָואס הָאבְּן דָארְטְן גֶעוואוֹינְט, אָבֶער אִין פְּרֶעשְׁבּוּרְג הָאט זִיךְ יָא גֶעצוֹיגְן דֶער הֶמְשֵׁךְ

## וָואס אִיז נֵייעֶס ?!

פוּן אִידִישְׁקֵייט, דוּרֶעכְן הֵיילִיגְן חַתַם סוֹפָר זי״ע אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן עַד הַיוֹם וֶועט וֵוייסְט נִישְׁט פוּנֶעם הֵיילִיגְן חַתַם סוֹפָר, וַוייל אַז מֶען גֵייט מִיט תְּמִימוּת, אִיז מֶען מַצְלִיחַ, אַזוֹי וִוי דֶער טֶבַע פוּן אַ אוּנְגַארִישֶׁער אִיד אִיז, אַז עֶר גֵייט גְרָאד, אוּן דָארְט הָאט מֶען מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ מַאכְן דֶער טֵיילוּנְג, אַז אוֹיבּ אִיז מֶען אַ נֶעעֶלָאג, הָאט מֶען מֶער גָארְנִישְׁט צוּטוּעֶן מִיט אִים].

אַמָאל הָאט אַ אִיד גֶעטְרָאפְן דֶעם הֵיילִיגְן מַלְבִּי״ם דֶער דֶעמָאלְטְסְדִיגֶער רָב פוּן שְׁטָאט בּוּקַארֶעסְט, וִוי עֶר קוּמְט אַרָאפּ פַּארְטָאגְס פוּן אַ הוֹיכְן גֶעבֵּיידֶע, בִּשְׁעַת זַיין פָּנִים אִיז אִינְגַאנְצְן רוֹיט אוּן פַּארְפְלַאמְט, פְרֶעגְט אִים דֶער אִיד: וָואס אִיז גֶעשֶׁען? עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים: קוּם מָארְגְן מִיט אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה פְרִיעֶר, וֶועסְט אַרוֹיף קוּמֶען מִיט מִיר אוֹיבְן אוֹיף דִי גֶעבֵּיידֶע, וֶועל אִיךְ דִיר זָאגְן. דֶער אִיד וַוארְט אוֹיס אוֹיף מָארְגְן, אוּן פַּארְטָאגְס גֵייט עֶר אַרוֹיף אוֹיבְן צוּזַאמֶען מִיטְן רָב, אוּן עֶר זֶעהְט וִוי

## וָואס אִיז נַייעֶס ?!

דֶער רָב שְׁטֵייט פַארְגַאפְּט אוּן קוּקְט וִוי אַזוֹי דִי זוּן קוּמְט אַרוֹיס אוּן שַׁיינְט צוּבִּיסְלֶעךְ אוֹיף, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ טַאנְצְן אוּן צוּ שְׁפְּרִינְגֶען אוּן עֶר וֶוערְט פַארְפְלַאמְט, פְרֶעגְט אִים דֶער אִיד: רֶבִּי, וָואס אִיז גֶעשֶׁען ?! זָאגְט עֶר אִים: זֶעהסְט נִישְׁט דֶעם חֶסֶד פוּן בַאשֶׁעפֶער, אַז דִי זוּן שַׁיינְט אוֹיף צוּבִּיסְלֶעךְ ?! וַוייל אַז דִי זוּן זָאל אוֹיפְשַׁיינֶען אוֹיף אֵיינְמָאל, וָואלְטְן מִיר אַלֶע בְּלִינְד גֶעוָוארְן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ בַּיינַאכְט, וֶוען עֶס וֶוערְט וֶוען אִין אֵיין מִינוּט פִינְסְטֶער, וָואלְטְן מִיר אַלֶע בְּלִינְד גֶעוָוארְן. אוּן וִוידֶער קוּק אִיךְ אוֹיף דֶעם חֶסֶד וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאנַייט יֶעדְן טָאג דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה פוּן דָאסְנַיי, אַזוֹיוִוי מִיר זָאגְן בַּיים דַאוֶוענֶען: 'וּבְטוּבוֹ מְחַדֵּשׁ בְּכָל יוֹם תָּמִיד מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית'. זָאל אִיךְ נִישְׁט טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן ?!

## וָואס אִיז נַייעֶס ?!

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם וִוי אַזוֹי אַ הֵיילִיגֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ יֶעדְן טָאג מוֹרָא׳דִיג אוֹיפְגֶעפְרִישְׁט אוּן בַּאנֵייט, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן הָאט מֶען אִים זֵייעֶר גֶע׳רוֹדֵף׳ט, אוּן מֶען הָאט אִים גֶע׳מַסֶר׳ט, אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז דִי רֶעגִירוּנְג הָאט אִים גֶעוָואלְט רַחְמָנָא לִצְלָן אוּמְבְּרֶענְגֶען, נָאר דֶער שַׂר רֶבִּי מֹשֶׁה מַאנְטִיפְיוֹרִי זַ״ל הָאט גֶע׳פּוֹעֵל׳ט מִיט גֶעלְט בַּיי דִי רֶעגִירוּנְג, אַז מֶען זָאל אִים נִישְׁט הַרְגֶ׳ענֶען נָאר מֶען זָאל אִים אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן שְׁטָאט, אוּן עֶר הָאט זֵיי מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז אַרוֹיסְוַוארְפְן אִיז עֶרְגֶער וִוי הַרְגֶ׳ענֶען, וַוייל הַרְגֶ׳ענֶען הָאט עֶר נָאר אֵיינְמָאל צַעַר, אָבֶּער אַ רָב אַז מֶען וֶועט אִים אַרוֹיסְוַוארְפְן מִיט בִּזְיוֹנוֹת, וֶועט עֶר שׁוֹין הָאבְן בִּזְיוֹנוֹת אַ גַאנְץ לֶעבְן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט זַיין לֶעבְן, אוּן מֶען הָאט אַזוֹי גֶעטוּעֶן, מֶען הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעוַוארְפְן פוּן שְׁטָאט נֶעבֶּעךְ מִיט בִּיזֵי בִּזְיוֹנוֹת, עֶרֶב שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג, כְּדֵי עֶר זָאל דַארְפְן מְחַלֵל שַׁבָּת זַיין, [אַזוֹי וִוי דֶעם הֵיילִיגְן

# וָואס אִיז נֵייעֶס ?!

בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי״ע הָאט מֶען אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶעוַואְרְפְן פוּן פִּינְסְק עֶרֶב שַׁבָּת,] מֶען הָאט אִים אַרַיין גֶעזֶעצְט אִין אַ מִיסְט וָואגְן [אַזוֹי וִוי הַיינְט אַ גַארְבִּיד״ש טְרָא״ק], אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג, אִיז גֶעוֶוען דָארְטְן אֵיינֶער פוּן דִי עֲשִׁירִים פוּן שְׁטָאט, מִיטְן נָאמֶען ׳זְשָׁאסֶעף׳, אַ גְרוֹיסֶער עַזוּת פָּנִים, קוּמְט עֶר צוּ, מִיט אַ חַזֶר׳ל, אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: רֶבִּי, אִיר פָארְט דָאךְ אַוֶועק יֶעצְט פַאר שַׁבָּת, דָא הָאט אִיר עֶפֶּעס צוּ עֶסְן אוֹיף שַׁבָּת! הָאט זִיךְ דֶער מַלְבִּי״ם אָנְגֶערוּפְן: יֶעצְט הָאסְטוּ שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן דֶעם שְׁטְרִיקְל! עֶס הָאט נִישְׁט גֶענוּמֶען לַאנְג אוּן אַ ווילְדֶער חַזִיר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן וַואלְד, אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעךְ פַארְצוּקְט פוּן אִים צְוֵויי קִינְדֶער, אוּן זֵיי צוּרִיסְן אוֹיף שְׁטִיקֶער אוּן נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אֲפִילוּ דִי בֵּיינֶער.

אוּן דָאס גֶעפוּנֶען מִיר בַּיי אַלֶע צַדִיקִים, אַזוֹיוִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי בְּרִיוו (סוֹף סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ) וָואס

## וָואס אִיז נֵייעֶס ?!

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֶלְעָזָר פוּן לִיזֶענְסְק, שְׁרַייבְּט וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן זַיין טַאטְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זי״ע, אִיבֶּער דִי מַחְלוֹקֶת אוֹיפְן הֵיילִיגְן בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי״ע וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען רָב אִין זֶעלֶעכָאוו, שְׁרַייבְּט עֶר: דָאס אִיז נִישְׁט קַיין נֵייעֶ זַאךְ, אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מֶען שׁוֹין אוֹיכֶעט גֶע׳רוֹדֵפְ׳ט, אוּן מֶען הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן דֶער הוּנְגֶער אִין לַאנְד כְּנַעַן, אַז דָאס אַלֶעס קוּמְט וֶועגְן דֶעם ׳מִין׳. שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר, אַבְרָהָם אָבִינוּ וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער ׳רֹאשׁ לְמַאֲמִינִים׳, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, זָאגְט מֶען נָאךְ אוֹיף אִים, אַז עֶר אִיז גָאר אַ מִין אוּן אַפִּיקוֹרָס?! בִּשְׁעַת זֵיי זֶענֶען דִי מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ נָאכְדֶעם וֶוען אַבִימֶלֶךְ הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְשֶׁעפֶּעט אִין שָׂרָה וְכוּ׳, הָאט עֶר נָאךְ גֶעהַאט טַעֲנוֹת צוּ אַבְרָהָם (בְּרֵאשִׁית כ, ט-יא): וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּהְן,

## וָואס אִיז נַייעֶס ?!

הָאסְט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף מִיר אַ גְרוֹיסֶע זִינְד! הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט 'אֲחוֹתִי הִיא', זִי אִיז מַיין שְׁוֶועסְטֶער?! אִין דִי צַייט וָואס עֶר אִיז דֶער מְנֻוָּול, און אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז מֶען זָאל אִים נִישְׁט הַרְגֶ'עֶנֶען, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶס נִישְׁט דָא דָארְט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם וְכוּ', און נָאכְדֶעם וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הִיט אִיר אָפּ, און עֶר בַּאקוּמְט זַיין עוֹנֶשׁ, שֶׁעמְט עֶר זִיךְ נִישְׁט צוּ קוּמֶען מִיט טַעֲנוֹת, און זָאגְן אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גָאר שׁוּלְדִיג?! נָאר אַזוֹי גֵייט דָאס.

בַּיי אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֶעפוּנְט מֶען אוֹיךְ (מְלָכִים א' יח, יז): אַחְאָב דֶער מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל הָאט אִים גֶעזָאגְט: 'דִי בִּיזְט אַ עֹכֵר יִשְׂרָאֵל', דָאס זֶעלְבֶּע גֶעפוּנְט מֶען אוֹיךְ אַז קֹרַח הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט קֶעגְן זַיין אֵייגֶענֶעם רֶבִּי'ן, וַוייל עֶר הָאט דָאךְ גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, און דָא זָאגְט עֶר: מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אַלֵיין אוֹיסְגֶעטְרָאפְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה (יְרוּשַׁלְמִי סַנְהֶדְרִין פֶּרֶק י, הֲלָכָה א), און הָאט

## וָואס אִיז נַייעֶס ?!

טַעֲנוֹת (בַּמִדְבָּר טז, ג): 'וּמַדוּעַ תִּתְנַשְּׂאוּ עַל קְהַל הֲוָיָ"ה', פַּארְוָואס משֶׁה רַבֵּינוּ הַאלְט זִיךְ גְרֶעסֶער פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל. אִין דֶער צַייט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס, אִיז מֵעִיד אוֹיף משֶׁה רַבֵּינוּ (בַּמִדְבָּר יב, ג): 'וְהָאִישׁ משֶׁה עָנָיו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה', משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער עָנָיו פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. אוּן עֶר אִיז בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט, דֶערְפַאר זָאגְן חַזַ"ל (יְרוּשַׁלְמִי סַנְהֶדְרִין פֶּרֶק י, הֲלָכָה א; בַּמִדְבָּר רַבָּה יח, ד): קֹרַח אִיז גֶעוֶוען אַ מִין אוּן אַן אַפִּיקוֹרָס.

אוּן אַזוֹי הָאט מֶען גֶעמַאכְט לֵיצָנוּת פוּן אַלֶע צַדִיקִים אִין יֶעדְן דוֹר, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא תּוֹלְדוֹת, א): בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ, אַז דִי לֵיצָנֵי הַדוֹר הָאבְּן גֶעזָאגְט: 'מֵאֲבִימֶלֶךְ נִתְעַבְּרָה שָׂרָה', דָאס אִיז נִישְׁט דַיין קִינְד סְ'אִיז פוּן אֲבִימֶלֶךְ. וָואס דָאס אִיז דָאךְ מוֹרָא'דִיגֶע בּוּשׁוֹת אַז מֶען זָאל אַזוֹי זָאגְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעדַארְפְט מַאכְן אַז יִצְחָק זָאל

## וָואס אִיז נֵייעֶס ?!

אוֹיסְזֶעהְן פּוּנְקְט וִוי אַבְרָהָם אָבִינוּ. אוֹיךְ בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ שְׁטֵייט (שְׁמוֹת רַבָּה נב, ב): דִי לִיצָנֵי הַדוֹר הָאבְּן גֶעזָאגְט: בֶּן עַמְרָם וֶועט דֶען קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן דֶעם מִשְׁכָּן?! קוֹדֶם הָאט דָאךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַ נָאמֶען, פַאְרוָואס דַארְפְּסְטוּ אִים רוּפְן בַּיים צְוֵוייטְן נָאמֶען? [אַמָאל הָאט מֶען גֶערוּפְן דֶעם צְוֵוייטְן נָאמֶען אוֹיפְן טַאטְן, 'בֶּן עַמְרָם'], וִוידֶער הָאט מֶען אִים חוֹשֵׁד גֶעוֶוען מִיט אֵשֶׁת אִישׁ, אַזוֹיוִוי דֶער תַּרְגוּם יוֹנָתָן זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (בַּמִדְבָּר טז, ד): 'וַיִּפֹּל עַל פָּנָיו', מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף זַיין פָּנִים. פוּן גְרוֹיס בּוּשָׁה. וַוייל מֶען הָאט אִים חוֹשֵׁד גֶעוֶוען רַחֲמָנָא לִצְלָן בְּאֵשֶׁת אִישׁ, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט (דְבָרִים ה, כח): 'וְאַתָּה פֹּה עֲמֹד עִמָּדִי', דוּ שְׁטֵיי דָא מִיט מִיר. אוּן אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעשֵׁיידְט, אוֹיף אִים זָאל מֶען אַזַאנְס זָאגְן?! אוּן נָאכְדֶעם בַּיי דָוִד הַמֶלֶךְ, הָאט מֶען גֶעמַאכְט פוּן אִים אַלֶע מִינֵי לֵיצָנוּת. אַזוֹיוִוי חַזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי מַסֶכֶת שְׁקָלִים,

## וָואס אִיז נֵייעֶס ?!

סוֹף פֶּרֶק ב): 'אֵין לְךָ דוֹר שֶׁאֵין בּוֹ לֵיצָנִים וְאֵין לְךָ דוֹר כִּלְצָנֵי דָוִד', אִין דֶעם דוֹר פוּן דָוִד זֶענֶען גֶעוֶוען דִי גְרֶעסְטֶע לֵיצָנִים. אוּן דִי זֶעלְבֶּע שִׂנְאָה אוּן לֵיצָנוּת קוּמְט פָּאר אִין יֶעדְן דוֹר, אוֹיף דִי אֱמֶת'דִיגֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, נָאר מִיט אַ אַנְדֶערְן שְׁלֵייעֶר. מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן אַז בִּזְיוֹנוֹת אוּן לֵיצָנוּת אִיז אַ בִּיטֶערֶער עֵסֶק, אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען אָדֶער מַאכְן בִּזְיוֹנוֹת פַּאר אַן עֶרְלִיכְן אִיד.

ג.

אַזוֹיוִוי עֶס הֵייבְּט זִיךְ יֶעצְט אָן דֶער נֵייעֶם יָאר, אוּן מִיר שְׁטֵייעֶן פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְרִישְׁן, אוּן אָנְפַּאנְגֶען פוּן יֶעצְט צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא כָאטְשׁ אַבִּיסְל, אָבֶּער עֶפֶּעס מוּז מֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין תֵּירוּץ: 'אִיךְ קֶען נִישְׁט', וַוייל

## וָואס אִיז נֵייעֶס ?!

פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי מֶען עֶסְט יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג פְּרִישְׁטָאג, מִיטָאג אוּן נַאכְטְמָאל וְכוּ׳, אוּן מֶען לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, נָאר מֶען עֶסְט מִיט אַ גוּטְן אַפֶּעטִיט, אוֹיבּ אַזוֹי פַּארְוָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט אַפֶּעטִיט, אַבִּיסֶעלֶע חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת, אַבִּיסְל גְמָרָא, וָואס דָאס אִיז דִי עֶסְן פַאר זַיין נְשָׁמָה ?! (עַיֵין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ח׳; שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן כ״ג). טַעֲנָה׳ט אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ: אִיךְ פַּארְשְׁטֵיי דָאךְ נִישְׁט וָואס אִיךְ לֶערְן ?! וֶועגְן דֶעם הָאבְּן מִיר אַ דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ע״ו), וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס, אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף נִישְׁט מֶער ווִי זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה אִין דִי רַייעֶ, אוּן זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן, אוּן מְמֵילָא וֶועט זִיךְ אִים צוּם סוֹף עֶפֶענֶען זַיין קָאפּ, אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין (עַיֵין שָׁם בַּאֲרִיכוּת).

בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז דֶער עִיקָר גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן יז; יח; יט; כג; כח; כט; וְעוֹד הַרְבֵּה). אוּן

## וָואס אִיז נַייעֶס ?!

אַזוֹי הֵייבְּט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָן דִי עֶרְשְׁטֶע תּוֹרָה אִין זַיין סֵפֶר (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן א): 'דוּרְךְ דִי תּוֹרָה וֶוערְט נִתְקַבֵּל אַלֶע תְּפִלּוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת, וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז מַמְשִׁיךְ אַ חֵן אוֹיפְן מֶענְטְשׁ' וְכוּ'. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן יט): אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי לִיגְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אוּן זֶענֶען שׁוֹין אַיינְגֶעוואוֹינְט אִין זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל, וֶועט דֶער כֹּחַ פוּן דִי תּוֹרָה זֵיי אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג נָאר סְתַּם צוּ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, נָאר מֶען דַארְף דָאס מְקַיֵים זַיין אוֹיךְ! אוּן מֶען דַארְף קוּקְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ: אוֹיבּ אִיז דָאס פַארְבִּינְדְן מִיט תּוֹרָה, אִיז דָאס קְדוּשָׁה, אוּן אוֹיבּ אִיז דָאס נִישְׁט פַארְבִּינְדְן מִיט תּוֹרָה, אִיז דָאס טוּמְאָה, אוּן מֶען דַארְף פוּן דֶעם אַנְטְלוֹיפְן. וֶועגְן דֶעם אַז מֶען וִויל

## וָואס אִיז נֵייעֶס ?!

זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף מֶען קוֹדֶם אַוֶועקְוַוארְפְן אַלֶע גוֹי'אִישֶׁע מִנְהָגִים, אוּן אַלֶעס וָואס הָאט אַ שַׁיְיכוּת מִיט גוֹי'אִישְׁקֵייט.

ד.

דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הֵייבְּט אָן דִי וָואךְ מִיטְן פָּסוּק: **בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ.** חַזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין דַף צא ע"ב): **'שָׁמַיִם' גֵייט אַרוֹיף אוֹיף רוּחְנִיוּת**, וָואס דָאס אִיז דִי נְשָׁמָה, אוּן **'אֶרֶץ' גֵייט אַרוֹיף אוֹיף גַשְׁמִיוּת** וָואס דָאס אִיז דֶער גוּף, אוּן דֶער זֶעלְבֶּער בַּאשֶׁעפֶער הָאט בַּאשַׁאפְן בֵּיידֶע, סֵיי דִי גוּף אוּן סֵיי דִי נְשָׁמָה. דִי נְשָׁמָה אִיז אַ חֵלֶק פוּן בַּאשֶׁעפֶער, וָואס יֶעדֶער אִיד הָאט אִין זִיךְ, נָאר פַארְוָואס שְׁפִּירְט עֶר דָאס נִישְׁט? ווייל דִי גוּף פַארְדֶעקְט דִי נְשָׁמָה, בִּפְרַט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט מִיט חַטֹאות נְעוּרִים, אוּן מִיט אַלֶע שְׁמוּץ רַחֲמָנָא לִצְלָן, וֶוערְט זַיין נְשָׁמָה מֶער פַארְדֶעקְט.

## וָואס אִיז נֵייעֶס ?!

אַזוֹיוִוי דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (פְּקוּדֵי דַף רל״ג ע״ב; פִּנְחָס דַף רכ״ז ע״א): אַז דֶער מֹחַ פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס דָאס אִיז דִי נְשָׁמָה, אִיז אַזוֹיוִוי אַ נִיסֶעלֶע, וָואס דִי פֵּירִי פוּן אִינֶעוֵוייניג אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַ שְׁוֶועֶרע הַארְטֶע שָׁאלַאכְטֶץ (קְלִיפָּה) פוּן דְרוֹיסְן, אוּן אַז מֶען ווִיל דָאס עֶסְן דַארְף מֶען קוֹדֶם גוּט קְלַאפְּן אוֹיף דִי הַארְטֶע שָׁאלַאכְטֶץ בִּיז מֶען עֶפֶענְט דָאס אוֹיף. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ ווִיבַּאלְד אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי פַארְגְרֶעבְּט אוּן פַארְשְׁמִירְט, זֶעהְט זִיךְ נִישְׁט אָן דִי נְשָׁמָה בַּיי אִים, אוּן וֶועגְן דֶעם אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער, אוּן עֶר פַּאלְט אַרַיין אִין אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת; אֵיינֶער פַּאלְט אַרַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עַצְבוּת, אֵיינֶער אִין אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, אֵיינֶער מוּז רֶעדְן אַסַאךְ, אוּן אֵיינֶער אִין כַּעַס רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ד): דִי פִיר תַּאֲווֹת קוּמְט פוּן דִי פִיר יְסוֹדוֹת וָואס יֶעדֶער

## וָואס אִיז נַייעֶס ?!

מֶענְטְש בַּאשְׁטֵייט פוּן דֶעם: 'עָפָר', 'מַיִם', 'רוּחַ', 'אֵש'. דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז: 'עָפָר'–עֶרְד, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּן אַ מֶענְטְש, וָואס פוּן דֶעם קוּמְט אַז דֶער מֶענְטְש אִיז בַּיי זִיךְ צוּבְּרָאכְן אוּן פוֹיל, אוּן לִיגְט אִין אַ דִיפְּרֶעשְׁ"ן, (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קפט). נָאךְ דֶער 'עֶרְד' קוּמְט 'מַיִם', וָואס פוּן דֶעם קוּמֶען אַלֶע תַּאֲווֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, סַיי 'תַּאֲווֹת נִיאוּף': אַ מֶענְטְש מוּז קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע אִשָּׁה, אוּן אוֹיף אַלֶע שְׁמוּץ, אוּן קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג אָנְזֶעטִיגְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַזוֹי אוֹיךְ 'תַּאֲווֹת אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה': אַ מֶענְטְש עֶסְט שְׁטֵייעֶנְדִיג, גֶעכַאפְּטֶערְהֵייט, אוּן פַארְגֶעסְט צוּ מַאכְן אַ פָאר-בְּרָכָה אָדֶער אַ נָאךְ-בְּרָכָה וְכוּ', אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט: אַ מֶענְטְש אִיז נָאר פַארְנוּמֶען מִיט גֶעלְט, אוּן זַיין גַאנְצֶע רֶעדְן אִיז נָאר פוּן גֶעלְט, אוּן נָאכְאַמָאל גֶעלְט וְכוּ'. נָאכְדֶעם קוּמְט 'רוּחַ': אַ מֶענְטְש מוּז הַאלְטְן אִין אֵיין רֶעדְן, אוּן עֶר רֶעדְט נֶעבֶּעךְ לָשׁוֹן הָרַע רְכִילוּת אוּן

## וָואס אִיז נֵייעֶס ?!

לֵיצָנוּת, אוֹיף דֶעם און אוֹיף יֶענֶעם, און אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר קֶען זֵיי נִיטְאַמָאל, און וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶען אִיד וָואס הָאט אִים גֶעהָאלְפְן און אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן בְּלָאטֶע. אוֹיף רוּחַ קוּמְט 'אֵשׁ': עֶס בְּרֶענְט אִין אַ מֶענְטְשׁ דִי כַּעַס, עֶר אִיז אַ אוֹיפְגֶערֶעגְטֶער מֶענְטְשׁ, און יֶעדֶע זַאךְ מַאכְט אִים נֶערְוֶועז, און פִירְט זִיךְ אוֹיף מִיט אַ רְצִיחָה צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, בִּפְרַט אִין שְׁטוּבּ.

דָאס אִיז דִי פִיר יְסוֹדוֹת וָואס אִיז דָא אִין יֶעדְן מֶענְטְשׁ, נָאר מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, מֶען זָאל דָאס נוּצְן נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. 'אֵשׁ': מֶען זָאל בְּרֶענֶען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. 'רוּחַ': רֶעדְן נָאר צוּם בַּאשֶׁעפֶער. 'מַיִם': מֶען זָאל גְלוּסְטְן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע גְלוּסְטֶענִישׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און צוּ אַלֶע מִצְוֹות, הָאבְּן אַ תַּאֲוָה דוּרֶעךְ צוּ לֶערְנֶען גַאנְץ תְּנַ"ךְ, גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, גַאנְץ תַּלְמוּד בַּבְלִי און יְרוּשַׁלְמִי, דוּרֶעכְלֶערְנֶען אַלֶע

## וָואס אִיז נַייעֶס ?!

מִדְרָשִׁים, וְכוּ׳. ׳עָפָר׳: זַיין פוּיל וֶועט עֶס קוּמְט צוּ טוּהְן אַן עֲבֵירָה. אוּן אַז אַ אִיד אַרְבֶּעט זִיךְ דָאס אוּיס, וֶועט אִים לַייכְטְן דִי פִּיר אוֹתִיוֹת פוּנֶעם שֵׁם הֲוָיָ״ה בָּרוּךְ הוּא, וָואס דָאס אִיז קֶעגְן דִי פִּיר יְסוֹדוֹת, (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן סז).

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ע״ט), בְּרֶענְגְט דֶעם זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (בְּרֵאשִׁית דַף כ״ז ע״א), אוּיף דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב, טו): **׳וַיִּקַח הֲוָיָ״ה אֱלֹקִים אֶת הָאָדָם, וַיַּנִּחֵהוּ בְּגַן עֵדֶן׳**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶענוּמֶען אָדָם הָרִאשׁוֹן אוּן אִים אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין גַן עֵדֶן. פְרֶעגְט דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, פוּן וואוּ הָאט עֶר אִים גֶענוּמֶען? עֶנְטְפֶערְט דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ: עֶר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן זַיינֶע פִּיר יְסוֹדוֹת, אוּן אִים אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן דִי תַּאֲווֹת וָואס קוּמֶען אַרוֹיס פוּן דִי פִּיר יְסוֹדוֹת, כְּדֵי - **׳לְעָבְדָהּ וּלְשָׁמְרָהּ׳**, עֶר זָאל מְקַיֵים זַיין אַלֶע תַּרְיַ״ג מִצְווֹת וְכוּ׳. קוּמְט אוֹיס אַז דֶער גוּף

## וָואס אִיז נַייעֶס ?!

פַארְדֶעקְט דִי נְשָׁמָה, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעט אוֹיס דֶעם גוּף, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז דֶער גוּף אִיז אוֹיכֶעט דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר מַאכְט אִיבֶּער דֶעם גוּף, אַז דָאס זָאל אוֹיךְ וֶוערְן אַ כְּלִי פַאר דִי נְשָׁמָה, אַזוֹי־וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן כ״ב): אוֹיפְן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה נח, ז): **וּמִבְּשָׂרְךָ לֹא תִתְעַלָּם**, זָאלְסְט נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן דַיין גוּף אֱלֹקוּת. דֶעמָאלְטְס זֶעהְט עֶר שׁוֹין אֲפִילוּ פוּן זַיין גוּף דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי־וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אִיּוֹב יט, כו): **וּמִבְּשָׂרִי אֶחֱזֶה אֱלֹקָי**, פוּן מַיין פְלֵיישִׁיגְן קֶערְפֶּער זֶעה אִיךְ אוֹיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶועגְן דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּן עֶר וֵוייסְט אַז וָואס עֶר זֶעהְט אוּן הֶערְט אוּן שְׁפִּירְט אוּן רֶעדְט אַלֶעס אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶעמָאלְטְס אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט אִין כַּעַס, אוּן עֶר רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, אוּן גְלוּסְט שׁוֹין נִישְׁט צוּ שְׁלֶעכְטְס, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין נִישְׁט צוּבְּרָאכְן. אוּן

## וָואס אִיז נֵייעֶס ?!

אֲפִילוּ עֶר הָאט נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע צָרוֹת, וֵוייסְט עֶר אַז דָאס קוּמְט אִים וַוייל עֶר הָאט גֶעבֶּעךְ אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר נֶעמְט דָאס אָן פַאר כַּפָּרוֹת עֲווֹנוֹת, אַז עֶר זָאל מִיט דֶעם אָפְּקוּמֶען, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים (אַגְרָא דְפִּרְקָא, אוֹת קכד): וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אִיבֶּער עֶפֶּעס אַ צָרָה, זָאל עֶר זָאגְן דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים כה, יח): **רְאֵה עָנְיִי וַעֲמָלִי וְשָׂא לְכָל חַטֹּאותָי.** אוּן דֶעמָאלְטְס אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אַלֶע עֲווֹנוֹת, וַוייל עֶר אַנֶערְקֶענְט אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, וַוייל מֶען גְלֵייבְּט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן עֶר הֶערְט מִיךְ אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ב), אִיז דָאס דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער תַּעֲנוּג, אוּן מֶען אִיז מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ אַלֶע יְשׁוּעוֹת, וֶועגְן דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן, וֶועט עֶר זֶעהְן אַז עֶר וֶועט

## וָואס אִיז נֵייעֶס ?!

גֶעהָאלְפְֿן וֶוערְן, אוּן אֲפִילוּ אַ מֶענְטְש זֶעהְט אַז עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט גֶעהָאלְפְֿן גֶעוָוארְן, זָאל עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן נָאר וַוייטֶער בֶּעטְן, אַזוֹיוִוי חַזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת דַף לב ע״ב): אוֹיף דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים כז, יד): קַוֵּה אֶל ה׳ חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל ה׳, אוֹיבּ אַ מֶענְטְש הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶועזְן, אוּן עֶר זֶעהְט אַז עֶר נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְֿן גֶעוָוארְן, דַארְף עֶר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן אוּן נִישְׁט מִיד וֶוערְן. אַ מֶענְטְש דַארְף זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק בַּיים בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַז עֶר זָאל נִישְׁט נָאכְלָאזְן בִּיז וִוילַאנְג דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים דָאס גֶעבְּן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן קב), פּוּנְקְט אַזוֹיוִוי אַ קְלֵיין קִינְד וָואס עַקְשֶׁנְ׳ט זִיךְ אַיין אוּן וֵויינְט אָן אוֹיפְהֶער בִּיז מֶען גֶעט אִים נָאךְ וָואס עֶר דַארְף.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי״ע הָאט אֵיינְמָאל בַּיים דַאוְונֶען זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי דִי וֶוערְטֶער: בּוֹרֵא רְפוּאוֹת, אוּן דָאס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט אֵיינְמָאל אוּן

## וָואס אִיז נַייעֶס ?!

נָאכְאַמָאל, אָן אַן אוֹיפְהֶער, אִיז מֶען אַריין צוּ זַיין רֶבִּי׳ן דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְש זי״ע, פַארְצֵיילְן אַז זַיין תַּלְמִיד אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין בַּיי: בּוֹרֵא רְפוּאוֹת, אוּן קֶען נִישְׁט גֵיין וַוייטֶער, הָאט זִיךְ דֶער גְרוֹיסֶער מַגִיד זי״ע אָנְגֶערוּפְן: מִן הַסְתָּם הָאט עֶר צוּגֶעזָאגְט פַאר אַ אִיד צוּ פּוֹעֵלְ׳ן אַ רְפוּאָה, אוּן עֶר זֶעהְט אַז עֶס אִיז דָארְטְן דָא שְׁוֶועֶרֶע דִינִים וְכוּ׳, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז מַיין ׳לֵוִי יִצְחָק׳ וֶועט דִיר נִישְׁט אָפְּלָאזְן, גֶעבּ אִים נָאךְ. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער אִיד אִיז אַוַודַאי גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט אַ יְשׁוּעָה. דָאס דַארְף אַ יֶעדֶער אִיד וִויסְן, נִישְׁט אָפְּלָאזְן אוּן נִישְׁט מִיד וֶוערְן צוּ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער דִי יְשׁוּעָה וָואס עֶר דַארְף.

אָבֶּער דֶער סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְש בֶּעט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז וַוייל עֶר וִויל שְׁלֵימוּת, עֶר וִויל קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַוְוקָא אִין פֶּעלְד, אוּן דַוְקָא אַ

## וָואס אִיז נֵייעֶס ?!

גַאנְצֶע שָׁעָה וְכוּ׳ מְמֵילָא קֶען עֶר דָאס נִישְׁט בַּאוַוייזְן, אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא מִיט אִים, אוּן יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע וָוארְט וָואס עֶר רֶעדְט צוּ אִים אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע הַצְלָחָה, אוּן עֶר קֶען שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְכַאפְּן נָאךְ אַ וָוארְט אוּן נָאךְ אַ וָוארְט, אוּן בֶּעטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף.

אוּן דָאס עֶרְשְׁטֶע דַארְף מֶען בֶּעטְן אוֹיף אֵיין זַאךְ – וָואס אוֹיבּ מֶען הָאט דָאס, הָאט מֶען שׁוֹין אַלֶעס – אוּן דָאס אִיז: שִׂמְחָה! וַוייל אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, הָאט מֶען שׁוֹין אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן, מְמֵילָא הָאט מֶען שׁוֹין תְּפִלָּה, אוּן מֶען לֶערְנְט שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועגְן דֶעם זָאל אַ מֶענְטְשׁ נָאר בֶּעטְן: ׳רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ׳! וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ צִיעֶט אִים צוּ עַצְבוּת, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אִים נָאכְדֶעם צוּ כַּעַס, אוּן כַּעַס בְּרֶענְגְט אִים צוּ מַחְלוֹקֶת, אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט קַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען, אוּן אַזוֹי צִיעֶט אֵיין

## וָואס אִיז נַייעֶס ?!

שְׁלֶעכְטֶע מִדָה דָאס אַנְדֶערֶע, וָואס אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועגְן דֶעם דִי עֶרְשְׁטֶע מִדָה אוֹיף וָואס מֶען דַארְף בֶּעטְן (עַיֵין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב), אִיז אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן עַצְבוּת.

### ה.

דֶער מֶדְרָשׁ דִי וָואךְ בְּרֶענְגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה א, טו): אַ מַחְלוֹקֶת צְוִוישְׁן שַׁמַאי אוּן הִלֵל; שַׁמַאי זָאגְט: דִי הִימְל אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן קוֹדֶם, הִלֵל זָאגְט: דִי עֶרְד אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן קוֹדֶם, זָאגְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי: אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף שַׁמַאי אוּן הִלֵל, וָואס הָאבְּן זֵיי אַזַא מַחְלוֹקֶת?! נָאר דִי הִימְל מִיט דִי עֶרְד אִיז אִינְאֵיינֶעם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, אַזוֹיוִוי אַ טָאפּ מִיט אַ דֶעקֶל. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס הָאט דָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אוֹיפְגֶעטוּעֶן? נָאר זֵייעֶר מַחְלוֹקָה אִיז גֶעוֶוען: שַׁמַאי הָאט גֶעהַאלְטְן אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף נָאר וֶועלְן

## וָואס אִיז נֵייעֶס ?!

׳רוּחָנִיוּת׳, וָואס דָאס אִיז ׳שָׁמַיִם׳; אוּן הִלֵל הָאט גֶעהַאלְטְן אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְש אִיז אִין ׳גַשְׁמִיוּת׳, וָואס דָאס אִיז ׳אֶרֶץ׳, אִיז עֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען דַארְף אִים פַארְשְׁטֵיין.

חַזַ״ל פַארְצֵיילְן (שַׁבָּת לא ע״א): אַ גוֹי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ שַׁמַאי אַז עֶר זָאל אִים מְגַייר זַיין, אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען נָאר ׳תּוֹרָה שֶׁבִּכְתַב׳, הָאט עֶר אִים אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ הִלֵל, אוּן הִלֵל הָאט אִים מְגַייר גֶעוֶוען, אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג הָאט עֶר אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי אוֹתִיוֹת א-ב-ג-ד אוֹיפְן סֵדֶר, דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְקֶערְט, ת-ש-ר-ק, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: רֶבִּי, אִיר הָאט מִיר דָאךְ נֶעכְטְן גֶעזָאגְט: א-ב-ג-ד אוּן הַיינְט זָאגְט אִיר מִיר פַארְקֶערְט?! הָאט אִים הִלֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט: נֶעכְטְן הָאסְטוּ מִיר גֶעגְלֵייבְּט, גְלֵייבּ מִיר הַיינְט אוֹיךְ! הָאסְט מִיר גֶעגְלֵייבְּט מִיט תּוֹרָה שֶׁבִּכְתַב, זָאלְסְטוּ מִיר גְלֵייבְּן אוֹיף תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה אוֹיךְ.

## וָואס אִיז נֵייעֶס ?!

נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ גוֹי צוּ שַׁמַאי עֶר זָאל אִים מְגַייר זַיין אוּן אִים אוֹיסְלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה וֶוען עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אֵיין פוּס, הָאט אִים שַׁמַאִי אַוֶועקְגֶעשְׁטִיפְּט מִיט אַ שְׁטֶעקֶן וָואס מֶען מֶעסְט בַּיים בּוֹיעֶן; אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ הִלֵל, הָאט עֶר אִים מְגַייר גֶעוֶוען אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: 'דְעָלָךְ סָנִי לְחַבְרָךְ לֹא תַעֲבִיד', וָואס דִי הָאסְט פַיינְט אַז מֶען טוּט פַאר דִיר, זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּעֶן פַאר אַן אַנְדֶערְן. דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אוּן דָאס אִיבֶּערִיגֶע אִיז נָאר אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף דֶעם, אוּן דָאס גֵיי לֶערְן.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז שַׁמַאי הָאט נָאר גֶעוָואלְט שְׁלֵימוּת אוּן רוּחְנִיוּת, אוּן הִלֵל הָאט גֶעהַאלְטְן, אַז וִויבַּאלְד דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן דָא אוֹיף דֶעם גַּשְׁמִיּוּת'דִיגְן וֶועלְט, דַארְף מֶען זִיךְ אַרָאפּ לָאזְן אוּן הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ זֵיי, קוּמְט אָבֶּער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אוּן זָאגְט אַז דֶער שְׁלֵימוּת אִיז צַאמְצוּשְׁטֶעלְן רוּחְנִיוּת

## וָואס אִיז נֵייעֶס ?!

מִיט גַשְׁמִיּוּת, וַוייל דָאס אִיז אֵיין זַאךְ אוּן עֶס גֵייט אִינְאֵיינֶעם.

דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער גִילוּי פוּן דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט (נָשֹׂא דַף קכ"ד ע"ב): אַז מִיט דֶעם סֵפֶר וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת. אוּן אוֹיף דֶעם אִיז גֶעבּוֹיעֶט דִי גַאנְצֶע כִּתְבֵי אַרִיזַ"ל, בִּיז נָאכְדֶעם אִיז גֶעקוּמֶען דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע, אוּן דָאס מֶער מַסְבִּיר גֶעוֶוען אוּן אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט, אוּן דָאס אִיז וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט: **בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִ"ם וְאֵת הָאָרֶ"ץ**, דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט בַּאשַׁאפְן גְלַייךְ בֵּיידֶע צוּזַאמֶען דִי הִימְל מִיט דִי עֶרְד, רוּחָנִיּוּת מִיט גַשְׁמִיּוּת (וְעַיֵּין בַּסֵּפֶר אוֹר הַגָנוּז שֶׁמְּגַלֶּה סוֹדוֹת הַתּוֹרָה עַל הַשֵּׁם הַקָדוֹשׁ אהו"ה, שֶׁהוּא הר"ת שֶׁל אֵ'ת הַ'שָּׁמַיִם וְ'אֵת הָ'אָרֶץ, וְהוּא גִימַטְרִיָא טוֹ"ב).

## וָואס אִיז נֵייעֶס ?!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְֿן אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק, און אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט מִתְפַּלֵל זַיין פַֿאר מִיר, וַוייל אִיךְ בִּין זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוַואךְ, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְֿן מֶען זָאל שׁוֹין אִינְאֵיינֶעם קֶעגְן גֵיין מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ אָמֵן.

~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

בעזהשי"ת

קונטרס

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

וָואס דָאס אִיז אַ וואונְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גָעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַּׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, ווִי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת ווִיאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָארְכְטִיגֶער רֶבִּי, דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנדֶערְלִיכֶע לִיכְט, וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוּילְן פוּן אִיהְם,

### רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יג, מִיּוֹם שֵׁנִי) אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ טוֹיבֶער בֶּעטְלֶער אוּן עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים, וָוארוּם עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט גָארְנִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט. וָוארוּם דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז פוּל מִיט חִסְרוֹנוֹת אוּן מִיט פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן וֶוער עֶס לֵייגְט זִיךְ אַרַיין הֶערְן אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת, אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען דֶעם אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער דִי לֶעבְּן. אִיבֶּערְדֶעם הָאט דֶער טוֹיבֶער בֶּעטְלֶער גֶעלֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט דִי חֶסְרוֹנוֹת פוּן דֶער וֶועלְט. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר אוֹיבֶּער: מִיש זִיךְ נִישְׁט אִין קַיין שׁוּם גֶעשֶׁעפְטְן וָואס גֶעהֶערְט נִישְׁט צוּ דִיר! גְלֵייבּ מִיר יֶעדֶע מֶענְטְשׁ הָאט זַיין פֶּעקְל פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן זַיין פֶּעקְל צָרוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, וָואס לוֹינְט זִיךְ אִים צוּ מִישְׁן אִין אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ אִים?

**(אשר בנחל באידיש חלק א׳ מכתב ס״ה)**

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

## א.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נא): 'אַ מֶענְטְש טָאר נִישְׁט זַיין אַלְט'; נִישְׁט קַיין אַלְטֶער לַמְדָן, נִישְׁט קַיין אַלְטֶער צַדִיק, נָאר מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי; און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שפ"ד): נִישְׁט נָאר אַ דִיבּוּר אִיז

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

בַּיי מִיר נֵיי, נָאר אֲפִילוּ אַ אָטֶעם (הָאעֶךְ) אִיז שְׁטֶענְדִיג בַּיי מִיר נֵיי. דָאס אִיז וָואס חַזַ״ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יד, ט): עַל כָּל נְשִׁימָה וּנְשִׁימָה תְּהַלֵּל קָהּ, אוֹיף יֶעדְן אֵיינְצִיגְן אָטֶעם זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאהָאפְטְן אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיז יֶעדֶער אָטֶעם אַ פְּרִישֶׁע אוּן נֵייעֶ זַאךְ.

אוּן דִי סִבָּה פַאְרוָואס אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, אוּן עֶר מַאכְט אָפּ: אִיךְ בִּין אַ שְׁלִי-מַזָל, פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין, אוּן עֶס וֶועט מִיר שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט לֶעבְטִיג זַיין; דָאס אִיז וַוייל עֶר וֶוערְט בַּיי זִיךְ אַלְט! אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ פְּרִישְׁט זִיךְ אוֹיף, אוּן עֶר אִיז בַּיי זִיךְ שְׁטֶענְדִיג נֵיי, אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, גֵייט אִים שׁוֹין דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן גָאר אַנְדֶערְשׁ.

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע אִיז מַסְבִּיר (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, תְּפִילִין, הֲלָכָה ה, לח): אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כג, א): וַיִּהְיוּ חַיֵּי שָׂרָה מֵאָה שָׁנָה, וְעֶשְׂרִים שָׁנָה, וְשֶׁבַע שָׁנִים, שְׁנֵי חַיֵּי שָׂרָה, און רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיף דֶעם: וֶועגְן דֶעם שְׁטֵייט יֶעדֶעס מָאל עֶקְסְטֶער דָאס וָוארְט 'שָׁנָה', אוּנְז צוּ לֶערְנֶען, אַז בַּיי דִי הוּנְדֶערְט יָאר, אִיז זִי גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי בַּיי דִי צְוָואנְצִיג יָאר וְכוּ', און בַּיי דִי צְוָואנְצִיג יָאר, אִיז זִי גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי בַּיי דִי זִיבְּן יָאר וְכוּ'; דָאס קוּמְט אוּנְז צוּ לֶערְנֶען, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייעֶן, אָנְצוּהֵייבְּן שְׁטֶענְדִיג פוּן אָנְהֵייב, וִוי עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַארְגַאנְגֶענְהֵייט.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, און זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ, אַז עֶר אִיז נֶעבֶעךְ זֵייעֶר מִיאוּס דוּרְכְגֶעפַאלְן, און עֶר אִיז שׁוֹין אַרוּם גֶעפָארְן צוּ פַארְשִׁידֶענֶע צַדִיקִים, אָבֶּער עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן מְיוּאָשׁ גֶעוָוארְן, וַוייל אֵיין צַדִיק הָאט אִים גֶעזָאגְט, עֶר זָאל

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

פַאסְטְן אַזוֹיפִיל תַּעֲנִיתִים, אוּן אַן אַנְדֶערֶער צַדִיק הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַנְדֶערֶע שְׁוֶוערֶע תִּיקוּנִים, אוּן עֶר קֶען דָאס נִישְׁט נָאכְקוּמֶען, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: וָואס דַארְפְּסְטוּ דִי אַלֶע זַאכְן, חַזֶר דִיר נָאר אַיין דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים ב, ז): 'אֲנִי הַיּוֹם יְלִדְתִּיךָ', אִיךְ בִּין הַיינְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַזַא מִין תְּמִימוּת, אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט טַאקֶע גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן.

אוּן אַז מֶען לֶעבְּט אוֹיף אַזַא וֶועג, קֶען מֶען הָאבְּן אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַצְלָחָה אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיוּת; לְמָשָׁל: אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אוֹיף אַ נַייעֶ סְטָא"ר, אוּן עֶר הָאט אִינֶוועסְטִירְט אִין דֶעם אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן עֶר וַוארְט עֶס זָאלְן קוּמֶען קָאסְטוּמֶערְ"ס אוּן אַיינְקוֹיפְן, דַארְף עֶר הָאבְּן גֶעדוּלְד, אוּן עֶס שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְרִישְׁן אוֹיף פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי וֶועגְן, אוּן זִיךְ מְחַדֵשׁ זַיין, וֶועט עֶר זֶעהְן אַז בַּיים סוֹף וֶועט עֶר הָאבְּן הַצְלָחָה.

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ בְּרוּחָנִיוּת; אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, אוּן זָאגְן: 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל פְּרוּבִּירְט, אוּן עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט', נָאר עֶר זָאל זִיךְ יֶעדֶעס מָאל אוֹיפְרִישְׁן אוּן בַּאנֵייעֶן, דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט (עֵץ חַיִים, הֵיכָל אָדָם קַדְמוֹן, שַׁעַר א, סוֹף עֲנַף ה): מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וִוי אַזוֹי דֶער בַּאשֶׁעפֶער בַּאנֵייט שְׁטֶענְדִיג דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן אִין יֶעדֶע סְקוּנְדֶע וֶוערְן גֶעטוֹישְׁט אַלֶע וֶועלְטְן, בְּרֶענְגְט עֶר אַ רְאִיָה, מֶען זֶעהְט אַ קִינְד וָואס וֶוערְט גֶעבּוֹירְן אִין דִי מִינוּט, גֵייט אִים גוּט זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אוּן ווִידֶער אַ קִינְד וָואס אִיז גֶעבּוֹירְן אַ מִינוּט שְׁפֶּעטֶער, גֵייט אִים נֶעבֶּעךְ שְׁלֶעכְט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן; דָאס אִיז וָואס דֶער דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (תִּיקוּנֵי זֹהַר, תִּקוּן כ"ב, דַף סה עָמוּד א): **לְבוּשָׁא דְלָבִישׁ בְּצַפְרָא לֹא לָבִישׁ בְּרַמְשָׁא**, כַּבְיָכוֹל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט שְׁטֶענְדִיג נֵייעֶ לְבוּשִׁים; כָאטְשׁ בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ קַיין שׁוּם אוֹיסְזֶעהְן אָדֶער גֶעשְׁטַאלְט, אוּן מִיר קֶענֶען דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

דֶערְפַאר בַּיי יֶעדֶער תְּפִלָּה פוּן דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, הָאט אַ מֶענְטְשׁ אַן אַנְדֶערְן מֹחַ (פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר הַתְּפִלָּה, פֶּרֶק ז). אוּן מֶען קֶען זִיךְ דָאס אִיבֶּערְצֵייגְן, וַוייל מֶען זֶעהְט אַז בַּיי יֶעדֶע תְּפִלָּה, הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נַייעֶ 'מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת', [כָּאטְשִׁיג פַארְן מֶענְטְשׁ דַאכְט זִיךְ, אַז עֶר הָאט אִינְזִין דָאס דַאוֶוענֶען, אָבֶּער אַז עֶר זָאל גוּט קוּקֶען, וֶועט עֶר זֶעהְן אַז עֶר אִיז פוּל מִיט מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל): אַלֶע מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת קוּמֶען אָן בַּיים דַאוֶוענֶען. מֶען קֶען אַמָאל זֶעהְן אַ מֶענְטְשׁ דַאוֶוענְט זֵייעֶר לַאנְג, אוּן עֶר שָׁאקְלְט זִיךְ אוּן וַוארְפְט זִיךְ, אָבֶּער דָאס קוּמְט וַוייל עֶר טְרַאכְט אַלֶע שְׁטוּתִים אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אִינְזִין צוּ הָאבְּן 'פֵּירוּשׁ הַמִּלּוֹת', גֵייט אִים דָאס דַאוֶוענֶען מִיט אַ זִיסְקֵייט. דֶער הֵיילִיגֶער שַׂר

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְז זי״ע הָאט גֶעזָאגְט: אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִינְזִין דָאס גַאנְצֶע דַאוֶונֶען, וָואס עֶר זָאגְט, קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ ׳רוּחַ הַקוֹדֶשׁ׳.

אֵיינֶער הָאט זִיךְ אַמָאל בַּאקְלָאגְט פַאְרן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אַז עֶר פְּלָאגְט זִיךְ זֵייעֶר אַרוּם מִיט מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת בַּיים דַאוֶונֶען, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: נֶעמְט מֶען דָאס אָן פַאר ׳כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת׳; וַוייל דָאס זֶענֶען זַיינֶע עֲווֹנוֹת, נָאר עֶס קוּמְט אָן בַּיי דַאוֶונֶען (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תק״צ).]

אוֹיךְ זֶעהְט דָאס אַ מֶענְטְשׁ בְּחוּשׁ, וֶוען עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית; עֶס אִיז נָאךְ אִינְדֶערְפְרִי, עֶר אִיז מַמָשׁ יֶעצְט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, קֶען עֶר גְרִינְגֶער אִינְזִין הָאבְּן וָואס עֶר דַאוֶונְט. אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דַאוֶונֶען מִנְחָה; אִינְמִיטְן טָאג, אוּן עֶס אִיז אִינְמִיטְן אַרְבֶּעט וְכוּ׳, אִיז עֶר שׁוֹין מִיד, אָדֶער פַארְיָאגְט, מְמֵילָא

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

הָאט עֶר יֶעצְט אַן אַנְדֶערְן מֹחַ. און בַּיי מַעֲרִיב; וֶוען עֶר קוּמְט שׁוֹין אַהֵיים, נָאךְ אַ גַאנְצֶער טָאג, פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט אוֹיךְ גָאר אַן אַנְדֶערְן מֹחַ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אָנְגֶעוָוארֶענְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ס"ו; לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ה; מח; חֵלֶק ב' סִימָן פ"ד): צוּ דַאוֶוענֶען מִיט אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ; טְרַאכְט אַ מֶענְטְשׁ, אַז דָאס מֵיינְט: עֶר דַארְף שְׁרֵייעֶן און זִיךְ וַוארְפְן, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ע"ב): עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס עֶס קוּמְט זֵיי אַרַיין בַּיים דַאוֶוענֶען נַארִישֶׁע מַחְשָׁבוֹת און פַּאנְטַאזְיֶעס, און עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט צוּ וַוארְפְן דֶעם קָאפּ אַהֶער און אַהִין, וַוייל דִי מַחְשָׁבוֹת גֵייעֶן אוֹיךְ מִיט, אַהֶער און אַהִין. נָאר וָואס דֶען מֵיינְט 'תְּפִלָּה בְּכֹחַ'? מְקַשֵּׁר זַיין דִי 'מַחְשָׁבָה' צוּם 'דִיבּוּר', טְרַאכְטְן וָואס מֶען זָאגְט אַרוֹיס פוּן מוֹיל; וָואס צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן שְׁטַארְקֶע כּוֹחוֹת און אַייזֶערְנֶע

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

נֶערְווֹן, וַוייל דִי טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַז עֶר דַאוֶועןְט אֵיין זַאךְ, אָבֶּער זַיין מֹחַ טְרַאכְט גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

אֵיינֶער הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זי"ע: אֶפְשָׁר אִיז אַ גוּטֶע עֵצָה אַז אִיךְ זָאל דַאוֶוענֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל, אַזוֹי וֶועל אִיךְ פָּטוּר וֶוערְן פוּן מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת?! הָאט אִים רֶבִּי נָתָן זַ"ל גֶעעֶנְטְפֶערְט: דַאוֶוען עֶנְדֶערְשׁ שְׁטַייטֶער. וַוייל אַז דוּ וֶועסְט דַאוֶוענֶען שְׁנֶעל, קֶענְסְטוּ הָאבְּן אֵיין לַאנְגֶע 'מַחְשָׁבָה זָרָה', פוּן אָנְפַאנְג דַאוֶוענֶען בִּיזְן סוֹף, אוּן זִיךְ נִיטְאַמָאל כַאפְּן! אָבֶּער אַז מֶען דַאוֶוענְט שְׁטַייטֶער קֶען מֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנֶען, אוּן זִיךְ כַאפְּן אַז מֶען אִיז פַארְקְרָאכְן.

דִי זֶעלְבֶּע זֶעהְט מֶען, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט יֶעדְן טָאג יֶעדֶע שָׁעָה אוּן יֶעדֶע רֶגַע, אַנְדֶערֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס צוּבְּרֶעכְן אִים, אַז עֶר טוֹיג נִישְׁט, אוּן עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן עֶס וֶועט שׁוֹין פוּן אִים גָארְנִישְׁט זַיין, וֶועגְן

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּן שָׂרָה אִמֵּנוּ אַז וֶוען זִי אִיז גֶעוֶוען אַלְט הוּנְדֶערְט יָאר אִיז זִי נָאךְ גֶעוֶוען אַזוֹי יוּנְג וִוי בַּיי דִי צְוָאנְצִיג יָאר, אוּן בַּיי דִי צְוָאנְצִיג אִיז זִי גֶעוֶוען אַזוֹי פְלִינְק וִוי בַּיי דִי זִיבְּן יָאר, וָואס דָאס אִיז דִי מוֹרָא׳דִיגֶע מִדָה פוּן זְרִיזוּת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵין סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת זְרִיזוּת, סִימָן א): אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְלִינְק, קוּמְט דָאס פוּן אֱמוּנָה; וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה אוּן דֶער מֹחַ אִיז אִים רֵיין, קֶען עֶר אַלֶעס גְלַייךְ טוּהְן, מִיט אַ זְרִיזוּת, אוּן זַיין קָאפּ אִיז אִים דָארְט. אָבֶער פַארְקֶערְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זִינְקְט אִין עֲבֵירוֹת, אוּן עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דְרֵייט עֶר זִיךְ אַרוּם צוּמִישְׁט אוּן פַאר׳תַּם׳ט, אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט צַאמְנֶעמֶען צוּ טוּהְן וָואס עֶר דַארְף.

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

## ב.

'וַתָּמָת שָׂרָה בְּקִרְיַ"ת אַרְבַּ"ע' (בְּרֵאשִׁית כג, ב); דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שָׁם): אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי פִיר יְסוֹדוֹת: אֵשׁ, רוּחַ, מַיִם, עָפָר; וָואס פוּן דֶעם בַּאשְׁטֵייט אַ מֶענְטְשׁ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד): אַלֶע תַּאֲווֹת אוּן מִדּוֹת רָעוֹת קוּמֶען אַרוֹיס פוּן דִי פִיר יְסוֹדוֹת; אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעט אוֹיס דִי פִיר יְסוֹדוֹת, לַייכְט אִים דִי פִיר אוֹתִיּוֹת פוּן דֶעם 'שֵׁם הֲוָיָ"ה' (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן סז). וָואס יֶעדֶע יְסוֹד הָאט אִין זִיךְ אַן אַנְדֶערְן אוֹת.

'יְסוֹד הֶעָפָר': אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַיין פוֹיל צוּ טוּעֶן אַן עֲבֵירָה. אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט: אַז בַּיי דִי הוֹיז פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זי"ע, אִיז גֶעוֶוען אַ פֶענְצְטֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען אָפֶען צוּם מַארְק, אוּן עֶר הָאט דָאס שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאלְטְן פַארְמַאכְט, אוּן עֶר הָאט דָאס

## אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

פַארְדֶעקְט מִיט לָאדֶענְס, אוּן אוֹיף דֶעם הָאט עֶר נָאךְ אוֹיךְ אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט פוּרְהַאנְגֶען, אַז עֶר זָאל ׳לְמַעַן הַשֵּׁם׳ נִישְׁט אַרוֹיסְקוּקְן, אֵיינְמָאל אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, הָאט עֶר גֶעהֶערְט מוֹרָא׳דִיגֶע קוֹלוֹת פוּן מַארְק, וָואס הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אַזוֹי וִוי מֶען הַרְגֶ׳עט אַ מֶענְטְשׁ! הָאט עֶר זִיךְ גֶעוָואלְט אוֹיפְהֵייבְּן, גֶעבְּן אַ קוּק וָואס טוּט זִיךְ דָארְטְן, אוּן אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּנְדִיג גֶעט עֶר זִיךְ אַ רוּף אָן: נָתָן, נָתָן, אֵיין קוּק וֵוייניִגֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז פָארְט בֶּעסֶער! אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּרִיק אַרָאפְּגֶעזֶעצְט, אוּן נִישְׁט גֶעקוּקְט.

׳יְסוֹד הַמַּיִם׳; וָואס קוּמְט הֶעכֶער עָפָר: אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, אֵיינֶער וֶוערְט מְשׁוּגָע פַאר גֶעלְט, אֵיינֶער פַאר כָּבוֹד, אַן אַנְדֶערֶער פַאר עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, אִיבֶּערְהוֹיפְּט תַּאֲווֹת נִיאוּף רַחְמָנָא לִצְלָן, אַ מֶענְטְשׁ מוּז צַאמְקוּקֶען אַלֶע שְׁמוּץ, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט פֶערְטִיג וֶוערְן, אוּן עֶס אִיז בַּיי אִים אַ פָּשׁוּטֶער מְשׁוּגַעַת.

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

אָבֶּער אַקֶעגְן דֶעם, אַז אַ מֶענְטְש אִיז זוֹכֶה, קֶען עֶר דָאס אוֹיסְנוּצְן בַּיי דִי קְדוּשָׁה; עֶר גֵייט אִין מִקְוֶה זִיךְ צוּ טוֹבֵל'ן אִין וַואסֶער, עֶר הָאט אַ תַּאֲוָה צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען חוּמָש רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, אוּן אַזוֹי אַרוּם צוּ עֶנְדִיגְן דִי סִדְרָה יֶעדֶע וָואךְ שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, וָואס דָאס אִיז אַ חִיּוּב אוֹיף יֶעדְן אִיד, אוּן דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה אוֹיף אַ לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע לֶעבְּן (בְּרָכוֹת דַף ח). אוּן אַזוֹי אוֹיךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ בַּ'בְלִי, יְ'רוּשַׁלְמִי, תּ'וֹסֶפְתָּא, כָאטְש אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן, וָואס דוּרֶעכְדֶעם בּוֹיעֶט מֶען זִיךְ אַ 'בַּיִ"ת נִצְחִי', וַוייל פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי יֶעדֶער מֶענְטְש הָאט אַ תַּאֲוָה, צוּ הָאבְּן אַ אֵייגֶענֶעם הוֹיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, פַּארְוָואס זָאל עֶר נִישְׁט הָאבְּן אַ תַּאֲוָה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף בַּ'בְלִי, אַ דַף יְ'רוּשַׁלְמִי, אַ פֶּרֶק תּ'וֹסֶפְתָּא, וָואס מִיט דֶעם בּוֹיעֶט מֶען זִיךְ אוֹיף אַ שֵׁיינֶע הוֹיז אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט?! פַּארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט הָאבְּן

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

## אַ תַּאֲוָוה צוּ עֶנְדִיגְן רַמְבַּ"ם, טוּר אוּן שוּלְחָן עָרוּךְ, נָאךְ לִימוּדִים וְכוּ'?!

'יְסוֹד הָרוּחַ'; אַ מֶענְטְש מוּז רֶעדְן אַסַאךְ, וָואס דוּרֶעכְדֶעם רֶעדְט עֶר סְתַּם שְטוּתִים אוּן הֲבָלִים, אָבֶער אַז אַ מֶענְטְש וֵוייסְט וָואס הֵייסְט רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וָואס יֶעדֶער דִיבּוּר וָואס עֶר רֶעדְט מַאכְט אִין הִימְל אַ מוֹרָא'דִיגְן רוֹשֶׁם, אוּן דָאס אִיז פַאר אִים אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַצְלָחָה, אוּן מִיט דֶעם בְּרֶענְגְט עֶר אַרָאפּ דִי שְׁכִינָה דָא אוּנְטְן, אוּן אַז אַ אִיד זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, דֶעמָאלְטְס אֲפִילוּ עֶר זָאל זַיין זֵייעֶר פַארְגְרֶעבְּט, וֶועט אִים דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד): וֶוען אַ מֶענְטְש זִינְדִיגְט רַחְמָנָא לִצְלָן, וֶוערְן דִי עֲבֵירוֹת אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן דָאס הַרְגֶ'עט אִים אָפּ, אָבֶער מִיט

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט דָאס אַרוֹיס צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, גֵייט אִים דָאס אַרוֹיס פוּן דִי בֵּיינֶער.

'יְסוֹד הָאֵשׁ'; אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוּן עֶס בְּרֶענְט אִין אִים דִי כַּעַס אוּן רְצִיחָה, אַנְשְׁטָאטְס דֶעם, זָאל עֶר אוֹיסְנוּצְן זַיין פַייעֶר צוּ בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל טוּהְן דִי מִצְווֹת מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה אוּן בְּרֶען.

דָאס זָאגְט דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָדוֹשׁ: וַתָּמָת שָׂרָה בְּקִרְיַת אַרְבַּע; 'שָׂרָה אִמֵּנוּ' וֶוען זִי הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט, אִיז שׁוֹין אִיר גוּף גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן נָאר דֶער נֶפֶשׁ הָאט גֶעלֶעבְּט; וַוייל זִי הָאט זִיךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט מִיט אַלֶע מִדוֹת פוּן דִי פִיר יְסוֹדוֹת, אַז עֶס אִיז נָאר גֶעבְּלִיבְּן דִי נֶפֶשׁ, אוּן מִמֵילָא אֲפִילוּ וֶוען זִי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, אִיז אִיר נֶפֶשׁ נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י"ח ע"א): **'צַדִיקִים בְּמִיתָתָן קְרוּאִים חַיִּים'**;

צַדִיקִים, וְוִיבַּאלְד זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעלֶעבְּט, דֶערְפַאר אֲפִילוּ וֶוען זֵיי וֶוערְן נִפְטָר הֵייסְט דָאס וִוי זֵיי לֶעבְּן נָאךְ.

אוּן צוּ דֶעם קֶען יֶעדֶער אִיד צוּקוּמֶען, וֶוען עֶר אַרְבֶּעט אִיבֶּער דִי פִיר יְסוֹדוֹת; עֶר זָאל נִישְׁט זַיין קַיין טְרוֹיעֶרִיגֶער מֶענְטְשׁ, אוּן זַיין פוֹיל צוּ טוּעֶן אַן עֲבֵירָה. אוּן עֶר זָאל הָאבְּן אַ תַּאֲוָה נָאר צוּ דִי קְדוּשָּׁה, צוּ גֶעבְּן צְדָקָה אוּן הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן, אַ תַּאֲוָה צוּ לֶערְנֶען, צוּ טוּעֶן מִצְווֹת. עֶר זָאל נָאר רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, נָאךְ אַ וָוארְט אוּן נָאךְ אַ וָוארְט, אָדֶער מְחַזֵק זַיין אַ צְוֵוייטְן אִיד. עֶר זָאל בְּרֶענֶען נָאר צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דֶעמָאלְטְס וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, אוּן עֶר אִיז אוֹיךְ זוֹכֶה צוּ דֶעם.

ג.

פוּן דִי פַּרְשָׁה קֶען מֶען זִיךְ אוֹיךְ לֶערְנֶען אַ מוֹרָא'דִיגְן מוּסַר-הַשְׂכֵּל, וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוֹיף

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

דֶער וֶועלְט, כָּאטְשִׁיג עֶס גֵייט אִיבֶּער בִּיטֶערֶע שְׁוֶועֶרֶע נִסְיוֹנוֹת, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ, נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז דוּרֶעכְגֶעגַאנְגֶען דִי צֶעהְן שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, בִּפְרַט דֶער נִסָיוֹן פוּן דִי 'עֲקֵידָה'.

[אַגַב: דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (הַקְדָמָה, דַף י"א ע"א): פַארְוָואס הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ גֶעדַארְפְט דוּרְכְגֵיין דֶעם נִסָיוֹן, אַז עֶר הָאט גֶעדַארְפְט שֶׁחְטְ'ן זַיין זוּן יִצְחָק? נָאר וֶוען יִצְחָק אִיז גְרוֹיס גֶעוָוארְן, אוּן אַבְרָהָם הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית כא, ח). הָאט עֶר נָאר גֶערוּפְן דִי גְדוֹלֵי הַדוֹר, אִיז דֶער שָׂטָן גֶעקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מְקַטְרֵג גֶעוֶועְן: דֶער גְרוֹיסֶער אַבְרָהָם וָואס עֶר אִיז אַזַא בַּעַל מַכְנִיס אוֹרַח, מַאכְט אַ סְעוּדָה, אוּן עֶר רוּפְט נִישְׁט קַיין אָרִימֶעלַייט, אוּן עֶר קוּקְט זִיךְ נִישְׁט אוּם אוֹיף זֵיי! הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעזָאגְט: וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז אֲפִילוּ אִיךְ וֶועל אִים הֵייסְן שֶׁחְטְ'ן זַיין זוּהְן, וֶועט עֶר דָאס טוּהְן,

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

און דָאס הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז עֶס זָאל צוּשְׁטֶערְט וֶוערְן זַיין גַאנְצֶע שִׂמְחָה; וֶועגְן דֶעם וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (קַב הַיָּשָׁר, פֶּרֶק י): אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ שִׂמְחָה, זָאל עֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַוֶועק צוּ טְרַייבְּן אָרִימֶעלַייט; עֶס אִיז פַארְהַאנֶען אַסַאךְ מָאל מֶענְטְשְׁן, וָואס זֵיי הָאבְּן נֶעבֶּעךְ נִישְׁט וואוּ צוּ עֶסְן, און וַוארְטְן אוֹיס אוֹיף אַ חֲתוּנָה, און גֵייעֶן דָארְטְן עֶסְן, און זֵיי מְקַרֵב צוּ זַיין אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה, וַוייל זֵיי זֶענֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְס כֵּלִים (זֹהַר חָדָשׁ רוּת דַף ע״ז), וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער בַּאנוּצְט זִיךְ נָאר מִיט כֵּלִים שְׁבוּרִים, וָואס דָאס זֶענֶען דִי אָרִימֶעלַייט, און בִּשְׁעַת אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ שִׂמְחָה פְּרוּבִּירְט מֶען אִים אוֹיס פוּן הִימְל, וְויאַזוֹי עֶר וֶועט זִיךְ אוֹיפְפִירְן צוּ דִי אָרִימֶעלַייט, און צוּ עֶר וֶועט זֵיי מְקַרֵב זַיין.]

און נָאךְ דִי גַאנְצֶע נִסָיוֹן, און יִצְחָק אִיז צוּם סוֹף יָא גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן, הֶערְט עֶר אַז שָׂרָה אִמֵּנוּ אִיז נִסְתַּלֵק

## אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

גֶעוָוארְן, אוּן עֶר דַארְף יֶעצְט הָאבְּן אַ קֵבֶר, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן קַיין קֵבֶר, בִּיז עֶר הָאט עֶנְדְלִיךְ גֶעטְרָאפְן פַאר טֵייעֶר גֶעלְט, אַ שְׁטִיק עֶרְד; דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קַיין קַשְׁיוֹת, אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט אַז גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועט זַיין זַיינְס, אוּן דָא קֶען עֶר נִיטְאַמָאל הָאבְּן אַ קֵבֶר צוּ בַּאעֶרְדִיגְן שָׂרָה! אַ אַנְדֶערְן מֶענְטְשׁ וָואלְט אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן גֶעוָוארְן, אָבֶער אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ה׳ ד): **עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָּה אַבְרָהָם אָבִינוּ וְעָמַד בְּכֻלָּם, לְהוֹדִיעַ חִבָּתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם.**

פוּן דֶעם דַארְף זִיךְ יֶעדֶער אִיד אַרוֹיסְלֶערְנֶען זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ עֶס גֵייט אִים אִיבֶּער שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, אוּן פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת חַס וְשָׁלוֹם.

## אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

### ד.

**וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים וְהֲוָיָ"ה בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל** (בְּרֵאשִׁית כד, א), זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (חַיֵּי שָׂרָה קכ"ו ע"א; וַיְחִי רכ"ד ע"א): אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעקוּמֶען מִיט אַלֶע זַיינֶע טֶעג; דָאס הֵייסְט עֶר הָאט גֶעוְויסְט דִי חֲשִׁיבוּת פוּן יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג, אוּן אַז יֶעדֶער טָאג אִיז אַ טָאג. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן רע"ב): אוֹיף דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, ז): **הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ**; אַז אַ מֶענְטְשׁ וִויל הֶערְן דֶעם קוֹל פוּן בַּאשֶׁעפֶער, זָאל עֶר וִויסְן: 'הַיּוֹם'! עֶר הָאט נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג. אוּן דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן סַיי בְּגַשְׁמִיוּת אוּן סַיי בְּרוּחָנִיּוּת; אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט זָאגְן: מָארְגְן וֶועל אִיךְ זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, וַוייל הַיינְט בִּין אִיךְ אַזוֹי צוּבְּרָאכְן וְכוּ׳, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, פִּקָּדוֹן, הֲלָכָה ד׳): אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן אוּן זָאגְן: מָארְגְן וֶועל אִיךְ אוֹיפְשְׁטֵיין פַארְטָאגְס, מָארְגְן

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

װעל אִיךְ דַאװענֶען און לֶערְנֶען; װַייל דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם שְׁטֶעלְט שׁוֹין צוּ פַּאר אַ מֶענְטְשׁ יֶעדְן טָאג אַנְדֶערֶע בִּלְבּוּלִים, װָאס צוּבְּרֶעכְן אִים, און מַאכְן אִים פִּילְן, אַז דֶער הַיינְטִיגֶער טָאג אִיז נִישְׁט קַיין גֶעהֶערִיגֶער טָאג, און אַזוֹי װֶעט עֶר אָפְּשְׁטוּפְּן פוּן אֵיין טָאג צוּם צְוֵוייטְן, און אַזוֹי קֶען אִים דוּרֶעכְגֵיין דָאס גַאנְצֶער לֶעבְּן, און עֶר װֶעט בְּלַייבְּן אָן גָארְנִישְׁט. נָאר אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֶעהְן יֶעדְן טָאג אַרַיינְצוּכַאפְּן װָאס מֶער גוּטְס עֶר קֶען, און דָאס נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער.

דָאס זָאגְט דֶער תַּנָא (אָבוֹת ב, ה): **׳אַל תֹּאמַר׳**, זָאלְסְט נִישְׁט זָאגְן: *׳לִכְשֶׁאֶפְּנֶה אֶשְׁנֶה׳*, װֶען אִיךְ װֶעל הָאבְּן פְּרֵייעֶ צַייט און יִשּׁוּב הַדַּעַת, װֶעל אִיךְ לֶערְנֶען. װַייל: ׳שֶׁמָּא לֹא תִּפָּנֶה׳, אֶפְשָׁר בִּיזְטוּ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין צַייט; דָאס הֵייסְט: בִּיזְט אַזַא מֶענְטְשׁ װָאס דוּ װֶעסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת! און װֶעגְן דֶעם זָאלְסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

לֵייגְן קַיין תְּפִילִין און נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּהְל וְכוּ׳ ?! בַּיי דִי מִלְחָמָה פוּן עֲמָלֵק שְׁטֵייט (שְׁמוֹת יז, ט): ׳וְצֵא הִלָּחֵם בַּעֲמָלֵק מָחָ״ר׳; זָאלְסְט אַרוֹיסְגֵיין מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט עֲמָלֵק, וָואס עֶר הַאלְט דִיר אִין אֵיין זָאגְן: מָארְגְן! דֶער עִיקָר נִישְׁט הַיינְט.

דִי לִיטְוִוישֶׁע בַּעֲלֵי מוּסָר פְלֶעגְן זָאגְן, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַרַיינֶעמֶען אִין קָאפּ דִי דְרֵיי זַאכְן, וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן הַצְלָחָה: ׳דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג׳, ׳דֶעם הַיינְטִיגְן דַף גְמָרָא׳, און ׳אִיךְ׳; דָאס הֵייסְט, אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט בַּיי זִיךְ: אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט גֶעוָוארְן, וָועגְן דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ ׳אִיךְ׳ וָואס דָאס אִיז זַיין נְשָׁמָה (עַיֵין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן כ״ב) און עֶר אִיז יָא גֶעוָוארְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן סא): אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גְלֵייבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז עֶר אִיז דָא, און עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִיוּת, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

גְלֵייבְּן אִין זִיךְ; דָאס הֵייסְט זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט (סֶעלְ״ף קַאנְפִידֶענְ״ץ) אַז אִיךְ קֶען יָא מַצְלִיחַ זַיין, און אִיךְ בִּין אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶועגְן דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף זַיין נְקוּדָה, און עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דֶעם וָואס אַנְדֶערֶע מַאכְן לֵיצָנוּת, וֶועט עֶר הָאבְּן הַצְלָחָה בְּגַשְׁמִיּוּת און בְּרוּחָנִיּוּת, און עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין מַעֲבִיר סִדְרָה צוּ זַיין יֶעדֶע וָואךְ, וַוייל עֶר מַאכְט יֶעדְן טָאג אוֹיף דֶעם חוּמָשׁ, און עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין אַרַיינְצוּכַאפְּן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, און אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט, אַנְטְלוֹיפְט עֶר נִישְׁט, נָאר עֶר זָאגְט נָאךְ און נָאךְ, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים בַּיים סוֹף עֶפֶענֶען דֶעם מֹחַ, און עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז קֵיינֶער נִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר ׳אִיךְ׳ מִיטְן ׳בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים׳.

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ, ׳דֶער הַיינְטִיגֶער טָאג׳; אַז אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז דֶער הַיינְטִיגֶער טָאג אִיז אוֹיכֶעט אַ טָאג, קֶען עֶר אַרַיין כַאפְּן זֵייעֶר אַסַאךְ גוּטְס, אוּן זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ. דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (תַּנְחוּמָא שְׁמִינִי, ב): ׳אֵין הַשִּׂמְחָה מַמְתֶּנֶת לְאָדָם, לֹא כָּל מִי שֶׁשָּׂמֵחַ הַיּוֹם שָׂמֵחַ לְמָחָר׳, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זֶעהְן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן דִי שִׂמְחָה אוֹיף מָארְגְן, אוּן טְרַאכְטְן אַז דֶעמָאלְטְס גֵייט עֶר זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס וֶועט זַיין מִיט אִים מָארְגְן, צוּ עֶר וֶועט נָאךְ בִּכְלַל זַיין דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט; אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, כַאפְּט עֶר אַרַיין אוּן ׳הַיינְט׳ רֶעדְט עֶר צוּם בַּאשֶׁעפֶער, ׳הַיינְט׳ גִיסְט עֶר זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הַיינְט לֶערְנְט עֶר מִקְרָא, מִשְׁנָה, בַּבְלִי יְרוּשַׁלְמִי תּוֹסֶפְתָּא, וְכוּ׳.

נָאכְדֶעם דֶער ׳דַף גְמָרָא׳; אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא אוּן דָאס חַזֶר׳ן אוּן חַזֶר׳ן,

## אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

און אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, מֶען קֶען לֶערְנֶען נָאךְ אַ דַף און נָאךְ אַ דַף, קֶען מֶען אַרוֹיס כַאפְּן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ דַפִים גְמָרָא, וָואס דִי דְרֵיי זַאכְן אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ.

### ה.

נָאכְדֶעם קֶענֶען מִיר אַרוֹיסְלֶערְנֶען פון דִי סִדְרָה אַ מוֹרָא׳דִיגֶער מוּסָר הַשְׂכֵּל: וֶועגְן דָאס עִנְיָן פון שִׁידוּכִים; אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֱלִיעֶזֶר (בְּרֵאשִׁית כד, ב-ח): גֵיי זוּךְ אַ שִׁידוּךְ פַאר מַיין זוּהְן יִצְחָק, און עֶר זָאל גֵיין צוּ בְּתוּאֵל און צוּ לָבָן הָאֲרַמִּי, [וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען וֶוער זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען] אַבִּי יִצְחָק זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן.

קוֹדֶם זֶעהְט מֶען אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט מוֹרָא׳דִיגֶע מְנִיעוֹת, און אֲפִילוּ אֱלִיעֶזֶר דֶער קְנֶעכְט פון אַבְרָהָם, הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַבְרָהָם (בְּרֵאשִׁית כד, ה): אֶפְשָׁר וֶועט זִי

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

נִישְׁט וֶועלְן מִיטְקוּמֶען מִיט מִיר?! רַשִׁ"י זָאגְט (שָׁם כד, לט. בְּשֵׁם הַבְּרֵאשִׁית רַבָּה נט, ט): אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעהַאט אַ טָאכְטֶער, און עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אַבְרָהָם, וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר פְּרוּבִּירְט אוֹיף אַלֶע אוֹפַנִים זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט: אֶפְשָׁר וֶועט מֶען נִישְׁט וֶועלְן וְכוּ'.

און דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶער לִימוּד פַאר עֶלְטֶערְן: אַז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען זֶעהְן חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער, וָואס דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה צוּ רַאטֶעוֶוען דִי דוֹרוֹת אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַוֶועקְפַאלְן רַחְמָנָא לִצְלָן, און אַ טַאטֶע וָואס הָאט רַחְמָנוּת און עֶר הָאט לִיבּ זַיין קִינְד, זָאל עֶר אִים חֲתוּנָה מַאכְן וָואס פְרִיעֶר, און נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם וָואס דֶער, אָדֶער יֶענֶער וֶועט לַאכְן, אַז אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דֶעם און דֶעם מְחוּתָּן, וַוייל מֶען דַארְף קוּקְן אוֹיף דִי גוּטְס פוּן דִי קִינְדֶער, און דֶער עִיקָּר אַז זֵיי זָאלְן זַיין צוּפְרִידְן, און

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

נִישְׁט מַאכְן אַ גַאנְצֶער גֶעשֶׁעפְט וֶועלְכֶער מְחוּתָּן מֶען הָאט, אָדֶער קוּקְן אוֹיף אַלֶע אַרוּמִיגֶע זַאכְן, וָואס אַ טָאג נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז דָאס שׁוֹין נִישְׁט קַיין חִילוּק, [בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן דָאס בַּאוִויזְן, אוּן דִי אַלֶע הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט הֶערְלִיכֶע שֵׁיינֶע שְׁטוּבֶּער, אוּן הָאבְּן גֶעהַאט גְרוֹיס הַצְלָחָה אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיוּת, מִיט אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה, אַן אֵייגֶענֶעם הוֹיז, וְכוּ׳, אוּן כָּל שֶׁכֵּן בְּרוּחָנִיוּת וְכוּ׳.]

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז מְגַלֶה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן פז), אַ מוֹרָא׳דִיגְן סוֹד, וָואס דָאס מוּז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וִויסְן, אוּן דוּרֶעכְדֶעם וֶועט עֶר טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, אוּן הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ׳: אוּן דֶער סוֹד הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַּאר אֱלִיעֶזֶר, וֶוען עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית כד, ח): **׳וְ׳אִם לֹ׳א תֹאבֶה הָאִשָּׁה לָ׳לֶכֶת אַ׳חֲרֶיךָ׳**, אוֹיב דִי פְרוֹי וֶועט נִישְׁט וֶועלְן מִיטְגֵיין מִיט דִיר וְכוּ׳. וָואס דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן **וְ׳אִם לֹ׳א ... לָ׳לֶכֶת אַ׳חֲרֶיךָ** אִיז

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

אֱלוּ״ל, אוּן אִינְמִיטְן אִיז דָא דִי וֶוערְטֶער ׳תֹּאבֶה הָאִשָּׁה׳; דָאס הֵייסְט וִויבַּאלְד אוֹיף יֶעדֶע שִׁידוּךְ אִיז דָא מוֹרָא׳דִיגֶע ׳קִטְרוּגִים׳ אוּן מְנִיעוֹת עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (סוֹטָה דַף ב ע״א): דֶער זִיווּג פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער, וִוי ׳קְרִיעַת יַם סוּף׳. אוּן בַּיי קְרִיעַת יַם סוּף גֶעפוּנֶען מִיר אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען מוֹרָא׳דִיגֶע מְקַטְרְגִים וָואס הָאבְּן גֶע׳טַעֲנֶה׳ט: ׳הַלָּלוּ עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה, וְהַלָּלוּ עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה׳; אַז דִי אִידְן הָאבְּן אוֹיךְ גֶעזִינְדִיגְט וְכוּ׳, דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ דָא בַּיי יֶעדֶע שִׁידוּךְ מוֹרָא׳דִיגֶע מְנִיעוֹת, אוּן וָואס אִיז דִי עֵצָה, אַז עֶס זָאל זַיין תֹּאבֶ״ה הָאִשָּׁ״ה, מֶען זָאל יָא קֶענֶען טוּהְן אַ שִׁידוּךְ?! דוּרֶעךְ דִי כַּוָונָה פוּן ׳אֱלוּל׳ וָואס דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ טְרֶעפְן דֶעם זִיווּג. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ו): וואוּ עֶר רֶעדְט פוּן דִי כַּוָונָה פוּן ׳אֱלוּל׳, אַז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז: ׳יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדֹּם וְיִשְׁתּוֹק׳, אַ מֶענְטְשׁ זָאל

# אַ גְליקְליכֶער לֶעבְּן

אָפְּשְׁוַוייגְן אוֹיף זַיינֶע בִּזְיוֹנוֹת; דָאס הֵייסְט אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ ווִיל הָאבְּן אַ שִׁידוּךְ, זָאל עֶר נִישְׁט קוּקֶען אוֹיף קַיין כָּבוֹד, אוֹיף קַיין גֶעלְט, אוּן אוֹיף וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן, וֶועט עֶר גְלַייךְ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, וַוייל עֶס פֶּעלְט נִישְׁט בָּרוּךְ הַשֵּׁם קַיין שִׁידוּכִים.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן מֶען ווִיל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, אִיז דָאס אוֹיךְ נָאר דוּרֶעךְ דֶעם, וָואס מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת, אוּן מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט צוּרִיק דָאס וַוייבּ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן צ): אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ רַחְמָנָא לִצְלָן הָאט אַ שְׁוֶועֶרֶע וַוייבּ, אִיז אוֹיךְ נִישְׁט דִי עֵצָה זִיךְ צוּ קְרִיגְן, בִּיז רַחְמָנָא לִצְלָן עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אַ גֵט, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (עֵירוּבִין מ"א ע"ב): אַז וֶוער עֶס הָאט אַ שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹי זָאל עֶר עֶס אָנֶעמֶען בְּאַהֲבָה, וַוייל דוּרֶעךְ דֶעם וֶועט עֶר אַלֶעס אָפְּקוּמֶען, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט גֵיין אִין גֵיהִנוֹם.

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

עֶס שְׁטֵייט (תִּיקוּנֵי זֹהַר, תִּיקוּן י״ד): אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט מִיט פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן, אִיז דִי שְׁטוּב אִיבֶּערְגֶעקֶערְט, אוּן וָואס עֶר וִויל נָאר, זָאגְט זִי פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט; וֶועגְן דֶעם אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה, צוּ שְׁוַוייגְן! דֶער טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַז עֶר מוּז אַלֶעמָאל צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן אוּן בְּלַייבְּן גֶערֶעכְט, אוּן וֶועגְן דֶעם לַיידְט עֶר נָאכְדֶעם אַלֶע צָרוֹת, אוּן עֶר צוּבְּרֶעכְט מִיט דִי אֵייגֶענֶע הֶענְט זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים דַף כ״ה ע״ב): 'הֲרֵי זֶה בָּא לְלַמֵּד וְנִמְצָא לָמֵד', אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעוָואלְט לֶערְנֶען, בִּיז דֶערְוַוייל הָאט מֶען מִיר גֶעלֶערְנְט. [וַוייל זִי אִיז אַהֵיים גֶעלָאפְּן צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן וְכוּ', אוּן יֶעצְט דַארְף עֶר שׁוֹין צוּקוּמֶען אַז אֵיינֶער זָאל אִים צוּרִיקְשְׁטֶעלְן זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן אִים צוּרִיקְבְּרֶענְגְן זַיין וַוייבּ. וָואס פוּן דֶעם אִיז הַיינְט גֶעוָוארְן לֵיידֶער אַ גַאנְצֶע בִּיזְנֶעס, אוּן מֶען צִיעֶט אוֹיס דִי קֶעֶ״ס וִוי לֶענְגֶער כְּדֵי צוּ מַאכְן וִוי מֶער גֶעלְט

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

וְכוּ׳, און נָאךְ אַלֶעם אִיז נִישְׁט דָא קַיין שָׁלוֹם. אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס אִיז נָאךְ דָא עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס מֶען קֶען גֵיין צוּ זֵיי, וָואס זֵיי וֶועלְן פְּרוּבִּירְן צוּ טוּהְן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, אוּן זֵיי דַארְפְן נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר דֶעם].

אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל און פָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן דַארְף עֶר נִישְׁט קוּמֶען צוּ דֶעם, מֶען זָאל זִיךְ קְרִיגְן אִין שְׁטוּבּ, נָאר עֶר שְׁוַוייגְט שְׁטֶענְדִיג אָפּ אוּן עֶר גֶעט גֶערֶעכְט, מְמֵילָא וֶועט דָארְט זַיין שָׁלוֹם, אוּן צוּם סוֹף וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן רס״ה): אוֹיבְן אִין הִימְל זֶענֶען דִי פָּארְפָּאלְק גֶעוֶוען אֵיין נְשָׁמָה, נָאר וֶוען זֵיי קוּמֶען אַרָאפּ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶוערְן זֵיי צוּטֵיילְט, ׳עֶר׳ קוּמְט פוּן אֵיין פָּאר עֶלְטֶערְן, אוּן ׳זִי׳ קוּמְט פוּן אַ צְוֵוייטֶע פָּאר עֶלְטֶערְן, אוּן בִּיז מֶען

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

טְרֶעפְּט זִיךְ צוּרִיק צוּזַאם, אִיז דִי שְׁוֶועעְרסְטֶע זַאךְ, אָבֶּער אֵיינְמָאל מֶען אִיז זִיךְ שׁוֹין צוּזַאם גֶעקוּמֶען, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס אִיז דִי שִׁידוּךְ.

דָאס זָאגְט מֶען בַּיי דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת: 'שַׂמֵּחַ תְּשַׂמֵּחַ רֵעִים הָאֲהוּבִים, כְּשַׂמֵּחֲךָ יְצִירְךָ בְּגַן עֵדֶן מִקֶּדֶם'; מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי מַאן אוּן וַוייבּ, וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן 'רֵעִים הָאֲהוּבִים', זָאלְן זַיין אַזוֹי פְּרֵיילֶעךְ, אַזוֹי וִוי וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִין הִימְל, וָואס דָארְטְן זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען אֵיין נְשָׁמָה, זָאלְן זֵיי יֶעצְט וַוייטֶער זַיין אֵיין נְשָׁמָה, אוּן זַיין מוֹרָא'דִיג פְּרֵיילֶעךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן פ): 'שָׁלוֹם' מֵיינְט: וֶוען צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן קוּמֶען זִיךְ צַאם אוּן וֶוערְן אֵיינְס; חַזַ"ל זָאגְן (חֲגִיגָה י"ב ע"א): 'שָׁמַיִ"ם' (הִימְל), אִיז צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן 'אֵשׁ' 'וּמַיִם' (פַייעֶר אוּן וַואסֶער), אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הַאלְט דָאס

## אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

צוּזַאם; דָאס זֶעלְבֶּע אִין אַ שְׁטוּב, אַמָאל אִיז פַּארְהַאן אַז אֵיינֶער אִיז בְּטֶבַע נָאר גוּט אוּן גֶעלַאסְן, וְוידֶער דֶער אַנְדֶערֶער אִיז בְּטֶבַע נָאר פֵייעֶר, אוּן יֶעדֶע זַאךְ רֶעגְט אִים אוֹיף, אוּן עֶר קְרִיטִיקִירְט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, קוּמְט אוֹיס אַז בֵּיידֶע פוּן זֵיי הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע נַאטוּר, אוּן וֶוען דָאס קוּמְט זִיךְ צוּזַאם, אוּן מֶען פַּארְטְרָאגְט זִיךְ, דָאס הֵייסְט שָׁלוֹם!

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - מֶער וִוי אַלֶע אַנְדֶערֶע צַדִיקִים - הָאט זֵייעֶר אָנְגֶעוָוארְנְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ג; רס"ד): אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין אוּן טֵייעֶר הַאלְטְן דִי וַוייבּ, וַוייל בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ יְסוֹד.

[וֶועגְן דֶעם וֶוער עֶס וִויל זַיין אַ בְּרֶסְלְבֶ'ער חָסִיד, דַארְף אַסַאךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ס סְפָרִים: לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן; סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת; סֵפֶר הַמִדוֹת, אוּן דִי שִׂיחוֹת: פוּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן חַיֵי מוֹהֲרַ"ן. אוּן נָאר אַזוֹי וֶועט עֶר

## אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

ווִיסְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ווִיל, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב): דִּי פָּנִים שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּן אַ צַדִּיק, אִיז בַּאהַאלְטְן אִין זַיין סֵפֶר.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלְבֶ'ער חָסִיד, אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, רֶבִּי אַלְטֶער בֶּנְצִיוֹן זַ"ל; וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן, הָאט עֶר זִיךְ גֶע'חָלוֹם'ט, ווִי עֶר זֶעהְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִים: 'אוֹיבּ ווִילְסְטוּ זַיין מְקוּרָב צוּ מִיר, זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן! אוּן עֶר הָאט נִישְׁט אָנְגֶעיָאגְט צוּ זָאגְן פַאר'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז עֶר קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן דֶעם סֵפֶר, אוּן בִּיז דֶערְוַוייל הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין אוֹיפְגֶעכַאפְּט, דֶעמָאלְטְס אִיז פּוּנְקְט גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זַצַ"ל, הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט דֶעם חָלוֹם, אִיז עֶר גֶעוָוארְן

## אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

זַייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, אוּן עֶר אִיז גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען צוּזַאם שְׁטֶעלְן גֶעלְט, אוּן גֶעדְרוּקְט דֶעם לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן.]

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת שַׁבָּת, הֲלָכָה ו, אוֹת כ״ג): דֶער עִיקָר 'תִּיקּוּן הַבְּרִית' אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן; אוּן וְוילַאנְג מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיז דָאס 'פְּגַם הַבְּרִית'; בִּפְרַט לֵיידֶער לֵיידֶער הַיינְטִיגֶע צַייטְן, מִיט דִי אַלֶע טָמֵא'נֶע כְּלֵי מַשְׁחִית רַחְמָנָא לִצְלָן, דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיס רַחְמִים, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַסַאךְ צָרוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, [נִישְׁט אוּמְזִיסְט הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבְּרֶענְגְט אַזַא אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע שְׁטוּרֶעם וְוינְט, וָואס הָאט פַארְשְׁוֶוענְקְט גַאנְצֶעטֶע גֶעגֶענְטֶער, אוּנְז אוֹיף צוּ וֶועקְן, תְּשׁוּבָה צוּ טוּהְן אוֹיף דֶעם בִּיטֶערְן חֵטְא פוּן פְּגַם הַבְּרִית; אַזוֹי וְוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה בַּיי דֶער מַבּוּל (בְּרֵאשִׁית ו, י״ב): אַז דָאס אִיז גֶעקוּמֶען וַוייל: 'כִּי הִשְׁחִית כָּל בָּשָׂר אֶת דַּרְכּוֹ', – אַז מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט נֶעבֶּעךְ מִיט

דֶעם חֵטְא.] וואוּיל אִיז דֶעם וָואס הָאט שֵׂכֶל, אוּן עֶר מַאכְט חֲתוּנָה זַיינֶע קִינְדֶער וָואס יוּנְגֶער, וָואס מִיט דֶעם וֶועט עֶר זֵיי רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת.

## ו.

עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָדוֹשׁ (בֹּא, דַף מ״ב): דֶער תַּכְלִית פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז כְּדֵי עֶר זָאל אַנֶערְקֶענֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים; דָאס הֵייסְט, עֶר זָאל ווִיסְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בְּהַשְׁגָחָה פְּרָטִיוּת. אָבֶער ווִיאַזוֹי קוּמְט מֶען צוּ דֶעם? דוּרֶעכְדֶעם וָואס מֶען רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וָואס יֶעדֶער דִיבּוּר אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע הַצְלָחָה, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט דָאס נִישְׁט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן רל״ד): אֲפִילוּ אוֹיף אַ פֶעלְזְן שְׁטֵיין, אַז עֶס זָאל דֶערוֹיף טְרָאפְּן

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

וַואסֶער אַ טְרָאפּ נָאךְ אַ טְרָאפּ, אָן אוֹיפְהֶער, וֶועט דָארְט בַּיים סוֹף וֶוערְן אַ לָאךְ, דֶער זֶעלְבֶּע זַאךְ, אַז אַ מֶענְטְש רֶעדְט יֶעדְן טָאג צוּם בַּאשֶׁעפֶער נָאךְ אַ דִיבּוּר אוּן נָאךְ אַ דִיבּוּר, וֶועט צוּם סוֹף זַיין שְׁטֵיינֶערְנֶע הַארְץ גֶעלֶעכֶערְט וֶוערְן, אוּן עֶר וֶועט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נא): דָאס זָאלְט אִיר אָנֶעמֶען פוּן מִיר, זִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזְן נַארְן, וַוייל דִי וֶועלְט נַארְט; אַ מֶענְטְש דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקֶען, אוּן מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וואוּ מֶען אִיז אִים מְזַכֶּה מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה, מִדוֹת, שָׁלוֹם בַּית, קְדוּשָׁה וּטְהַרָה, שִׂמְחָה, וְכוּ', אוּן אוֹיף אַזַא פְּלַאץ זָאל עֶר גֵיין, אוּן נִישְׁט קוּקֶען אוֹיף אַנְדֶערֶע. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן פ; פ"א): מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַ גְרֶעסֶערְן כֹּחַ אָפְּצוּרֶעדְן אַ מֶענְטְש פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דֶער יֵצֶר הָרַע, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע גֶעבְּט מֶען פַאר אַ מֶענְטְש לוֹיט זַיינֶע כּוֹחוֹת, אָבֶּער אַ מֶענְטְש קֶען אָפְּרֶעדְן אוּן אַוֶועקְשְׁלֶעפְּן אַ

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

צְוֵוייטְן, בִּיז עֶר וֶועט דוּרֶעכְדֶעם אָנְקוּמֶען אִין 'שְׁאוֹל תַּחְתִּית' אוּן נָאךְ טִיפֶער רַחְמָנָא לִצְלָן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קל"ג): דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט: 'דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז פוּל מִיט מוֹרָא'דִיגֶע לִיכְטִיגְקֵייטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דֶער קְלֵיינֶער הַאנְט פַארְשְׁטֶעלְט דָאס אַלֶעס; דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ עֶר הֶערְט מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְקוּת בִּיז עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר, אַז פוּן הַיינְט אָן וֶועל אִיךְ שׁוֹין זַיין פְרֵיילִיךְ, פוּן הַיינְט אָן וֶועל אִיךְ דַאוֶוענֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג מִיט מִנְיָן, אִיךְ וֶועל שׁוֹין גֵיין אִין מִקְוָה, פוּן הַיינְט אָן וֶועל אִיךְ זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דִי מְזוּזָה אוֹיפְן טִיר, מִיט מַיין צִיצִית, מִיט מַיין תְּפִילִין, פוּן הַיינְט אָן וֶועל אִיךְ שׁוֹין זַיין אַ פָּשׁוּטֶער עֶרְלִיכֶער אִיד; אָבֶער וִוי נָאר עֶר גֵייט אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן, אוּן אֵיינֶער גֶעט אַ מַאךְ אַוֶועק מִיט זַיין 'הַאנְט'; דָאס הֵייסְט עֶר לַאכְט אָפּ פוּן

# אַ גְלִיקְלִיכֶער לֶעבְּן

דֶעם פְּלַאץ, אֲפִילוּ עֶר רֶעדְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, פַּארְשְׁטֶעלְט דָאס שׁוֹין דִי אַלֶע לִיכְטִיגְקֵייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זִיךְ שְׁטֶענְדִיג קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן קוּקֶען נָאר אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, אוּן אַרוֹיסְכַאפְּן וָואס מֶער גוּטֶע נְקוּדוֹת, אָמֵן.

~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן כג): אִין הִימְל שְׁרֵייעֶן נְשָׁמוֹת זֵיי זֶענֶען הוּנְגֶעריִג, דוּרְשְׁטֶעריִג, זֵיי זֶענֶען נַאקֶעדִיג אוּן בָּארְוֶועס, בְּרֶענְגְט מֶען זֵיי עֶסְן, טְרִינְקֶען אוּן קְלֵיידֶער, זָאגְן זֵיי: נִישְׁט דָאס דַארְפְן מִיר! מִיר דַארְפְן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, פִּירְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיס: וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן טְרִינְקְט נָאךְ אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אוּן טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְוֹת.

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעטְרָאפְן אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ן חָסִיד וֶוען עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּ דִי אַרְבֶּעט, הָאט עֶר גֶעהַאט אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנַיוֹת מִיט אַ תְּהִלִּים, אוּן - וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ - אַ לָאנְטְשׁ בֶּעג אוֹיכֶעט, זָאגְט עֶר מִיר: אִיךְ נֶעם מִיט אַ לָאנְטְשׁ פַארְן גוּף, אוּן אַ לָאנְטְשׁ פַאר דִי נְשָׁמָה, פֵּיאוֹת הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם, צִיצִית הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אַ בָּארְד הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם, קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעטוּהְן מִיט מִצְוֹת, וֶועגְן דֶעם נֶעם אִיךְ מִיר מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת מִיט אַ תְּהִלִּים, וָואס דָאס אִיז עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען פַאר דִי נְשָׁמָה, אַזוֹי בִּין אִיךְ מְקַיֵּים דֶעם רָצוֹן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. דָאס הֵייסְט אֱמֶתְ׳ע הִתְקַרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אַז מֶען טְרַאכְט וָואס וֶועט זַיין בַּיים סוֹף.

(קוּנְטְרֵס: לֶעבּ מִיטְן מְצִיאוּת)

בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# דֶער טִיר אִיז אָפֶּען

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער,
וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת וִויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָארְכְטִיגֶער רֶבִּי,
דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט,
וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים
פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

זָאלְסְט וִויסְן וֶוען אַ אִיד קוּמְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַּאר אִים מִיט אַן אֱמֶת, - זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קי"ב) - לַייכְט אִים דֶער דִיבּוּר בִּיז עֶר קֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין פִּינְסְטֶערְנִישׁ, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְט עֶר פַּארְדְרֵייט אוּן פַּארְוִויקֶלְט אִין פִּינְסְטֶערְנִישׁ, אָבֶּער וֶוען עֶר רֶעדְט זַיינֶע דִיבּוּרִים מִיט אַן אֱמֶת, אוּן עֶר מֵיינְט דָאס נָאר מִיט אַן אֱמֶת, דֶעמָאלְט הֶעלְפְט אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דִי דִיבּוּרִים לַייכְטְן אִים עֶר זָאל זֶען דִי טִירְן וִוי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דִי בְּלָאטֶע וָואס עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן.

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי אָשֵׁר מִרָאפְּשִׁיץ זי"ע הָאט אַמָאל הוֹשַׁעֲנָא רַבָּא זֵייעֶר גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט: "הוֹשַׁע נָא אָדוֹן הַמוֹשִׁיעַ הוֹשַׁע נָא !, הוֹשַׁע נָא בִּלְתֶּךָ אֵין לְהוֹשִׁיעַ הוֹשַׁע נָא ! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם ! כָאטְשׁ אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין צוּגֶעזָאגְט אַזוֹי פִּיל מָאל אַז אִיךְ וֶועל שׁוֹין זַיין גוּט, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַיינְגֶעהַאלְטְן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן בִּיסְטוּ אַן אָדוֹן הַמוֹשִׁיעַ, אוּן קֵיינֶער קֶען מִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן נָאר דוּ אַלֵיין ! בִּלְתְּךָ אֵין לְהוֹשִׁיעַ, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן !", אוּן עֶר הָאט בִּיטֶער גֶעוֵויינְט. זֶעט מֶען אַזֶעלְכֶע צַדִיקִים וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועזְן אֱמֶת'דִיג דָבוּק אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאבְּן זִיךְ אוֹיכֶעט בַּאנוּצְט מִיט דִי עֵצָה.

**(אשר בנחל באידיש חלק א' מכתב קנ"ו)**

# דֶער טִיר אִיז אָפֶּען

### א.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ד): עֶס אִיז דָא אַ טוֹיעֶר אוּן אַ עֶפֶּענוּנְג, וָואס דוּרֶעךְ דָארְט גֵייט מֶען אַרַיין צוּם בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן דָאס אִיז 'תְּפִלָּה'; דָאס הֵייסְט, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: הַלְוַואי וָואלְט אִיךְ וֶוען גֶעקֶענְט אַרַיין גֵיין רֶעדְן אוּן זַיין נָאנְט צוּם

# דֶער טִיר אִיז אָפֶען

בַּאשֶׁעפֶער, נָאר קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וואו דִי טִיר אִיז, און אַז עֶר הָאט שוֹין יָא גֶעטְרָאפְן דֶעם טִיר, הָאט עֶר נִישְׁט דֶעם פַּאסִיגְן שְׁלִיסְל, און עֶס אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית יט, יא): **וְאֶת הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר פֶּתַח הַבַּיִת הִכּוּ בַּסַּנְוֵרִים ... וַיִּלְאוּ לִמְצֹא הַפָּתַח**, - דִי מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם בְּלִינְד און קֶענֶען נִישְׁט טְרֶעפְן דִי טִיר. חַזַ״ל זָאגְן (נְדָרִים סד ע״ב): **׳סוּמָא חָשׁוּב כְּמֵת׳**, אַז אֵיינֶער אִיז בְּלִינְד, אִיז זַיין לֶעבְּן נִישְׁט קַיין לֶעבְּן רַחְמָנָא לִצְלָן. אוֹיךְ זָאגְן חַזַ״ל (יוּמָא עד ע״ב): **׳סוּמָא אֵינוֹ שׂוֹבֵעַ׳**, אַ בְּלִינְדֶער הָאט נִישְׁט קַיין זֶעטֶענִישׁ; און יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר עֶסְט, שְׁפִּירְט עֶר וִוי עֶר קֵייעֶט שְׁטְרוֹי.

וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְז, און עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַזַא גְרוֹיסְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וָואס עֶר וַוייזְט אוּנְז וואו דֶער טִיר אִיז, און עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דֶעם שְׁלִיסְל אוֹיפְצוּמַאכְן דֶעם טִיר,

## דֶער טִיר אִיז אָפֶען

און אַרײַנְגֵיין דָארְט, און וֶוען דֶער טִיר אִיז שׁוֹין אָפֶען, און מֶען גֵייט אַרֵיין, גֵייט מֶען אַרוֹיף טְרֶעפּ, אִיז וַוייטֶער דָא אַ טִיר, און מֶען דַארְף וַוייטֶער אַ שְׁלִיסְל, גֶעט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער נָאךְ אַ שְׁלִיסְל, און מֶען מַאכְט דָאס אוֹיךְ אוֹיף, און אַזוֹי אִיז כְּסֵדֶר דָא טְרֶעפּ מִיט פְּרִישֶׁע טִירְן און מֶען דַארְף דָאס אַלְץ עֶפֶענֶען (עַיֵין חַיֵי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תכ). וָואס אִיז דֶער טִיר? דִי מוֹיל! און דָאס דַארְף מֶען עֶפֶענֶען. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ז; י) אוֹיף דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים נא, יז) ׳ה׳ שְׂפָתַי תִּפְתָּח׳; אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶער עִנְיָן פוּן תְּפִלָּה און הִתְבּוֹדְדוּת, אַ אִיד זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, און אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט, און דִי מַתָּנָה וֶועט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בַּאקוּמֶען דוּרְךְ מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, וַוייל מָשִׁיחַ וֶועט נֶעמֶען דֶעם דֶרֶךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, און עֶר וֶועט דָאס צוּשְׁפְּרֵייטְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט,

# דֶער טִיר אִיז אָפֶען

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם, אוּן עֶס זָאל מְקוּיָּם וֶוערְן דֶעם פָּסוּק (יְשַׁעְיָה יא, ט): **כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה [לָדַעַת] אֶת הֲוָיָ"ה**, - דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל מַכִּיר זַיין דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. אוּן נָאכְדֶעם זָאל מְקוּיָּם וֶוערְן דֶעם פָּסוּק (צְפַנְיָה ג, ט): **כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם הֲוָיָ"ה**, - אֲפִילוּ אַלֶע אוּמוֹת וֶועלְן שׁוֹין נָאר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## ב.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ב): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא מִיט אִים, בַּיי אִים, לֶעבְּן אִים, וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּ אִים, נָאר פַארְוָואס רֶעדְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?! וַוייל 'דִי יְדִיעָה' אִיז פַארְהוֹילְן פוּן אִים, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט, אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג

## דֶער טִיר אִיז אָפֶען

דָא מִיט אִים; דָאס הֵייסְט עֶס דַאכְט זִיךְ אִים, אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער בַּאהַאלְט זִיךְ עֶרְגֶעץ אִין הִימְל, מִילְיֵי מִילְיָאנֶען מַיילְן וַוייט, דֶערְפַאר זֶעט מֶען וִוי עֶס אִיז פַּארְהַאן מֶענְטְשְׁן, וָואס שְׁרֵייעֶן מִיט אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע קוֹלוֹת בַּיים דַאוֶוענֶען, כְּדֵי זַיינֶע תְּפִלוֹת זָאלְן אַרוֹיפְגֵיין הוֹיעֶךְ, אוּן עֶר כַאפְּט גָארְנִישְׁט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא! וֶועגְן דֶעם גֶעפוּנֶען מִיר אוֹיךְ אַז חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כד, ע"ב): **'הַמַּשְׁמִיעַ קוֹלוֹ בִּתְפִלָּתוֹ הֲרֵי זֶה מִקְּטַנֵּי אֲמָנָה'**. וַוייל עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, מֵיינְט עֶר אַז עֶר מוּז דַאוֶוענֶען הוֹיעֶךְ. קוּמְט אוֹיס אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה, שְׁפִּירְט עֶר אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא, אוּן עֶר קֶען רֶעדְן צוּ אִים.

נָאר פַּארְוָואס הָאט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה? יֶעדֶער אִיד הָאט דָאךְ אַ נְשָׁמָה, וָואס דָאס אִיז אַ 'חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל', וָואלְט עֶר דָאךְ גֶעדַארְפְט שְׁפִּירְן דֶעם

## דֶער טִיר אִיז אָפֶען

בַּאשֶׁעפֶער?! נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כ״ב): **'הַפֶּשַׁע שֶׁל הָאָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה לְאָדָם'**, אַז אַ מֶענְטְש זִינְדִיגְט רַחְמָנָא לִצְלָן, פַּאלְט אִין אִים אַרַיין כְּפִירוֹת; דָאס הֵייסְט, דֶער עִיקָר פוּן אַ מֶענְטְש אִיז דִי נְשָׁמָה, אוּן דָאס אִיז אָנְגֶעטוּהְן מִיט אַ גוּף, אַזוֹי וְוי חַזַ״ל זָאגְן (נִדָּה לא, ע״א): **'שְׁלֹשָׁה שׁוּתְפִין יֵשׁ בָּאָדָם, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אָבִיו וְאִמּוֹ'**, דְרֵיי שׁוּתְּפִים אִיז פַארְהַאנֶען אִין אַ מֶענְטְש: טַאטֶע מַאמֶע, וָואס זֵיי גֶעבְּן דִי 'בָּשָׂר' וְעַצָמוֹת' אוּן דִי 'דַם', וָואס דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער גוּף, אוּן דִי 'נְשָׁמָה' גֶעט דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט, נֶעמְט דֶער בַּאשֶׁעפֶער צוּרִיק דִי נְשָׁמָה, אוּן טַאטֶע מַאמֶע בְּלַייבְּן מִיטְן גוּף, אוּן קֶענֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט טוּהְן דֶערְמִיט, אוּן זֵיי דַארְפְן דָאס בַּאגְרָאבְן. נָאר דֶער גוּף פַארְדֶעקְט דִי נְשָׁמָה, אוּן וָואס מֶער אַ מֶענְטְש זִינְדִיגְט חָלִילָה וְחַס, וֶוערְט דִי נְשָׁמָה מֶער אוּן מֶער פַארְדֶעקְט; כָאטְשִׁיג דִי זֶעלְבֶּע נְשָׁמָה

## דֶער טִיר אִיז אָפֶען

לִיגְט נָאךְ אִינֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר עֶר שְׁפִּירְט דָאס שׁוֹין נִישְׁט, וַוייל דֶער גוּף פַארְדֶעקְט אוּן בַּאהַאלְט פוּן אִים דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט וָואס אִיז דָא אִין אִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ב): אַ אִיד דַארְף רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זַיין גוּף, אוּן דָאס אוֹיסְלַייטֶערְן, בִּיז דֶער גוּף זָאל שׁוֹין אוֹיכֶעט מַשִּׂיג זַיין אֱלֹקוּת, אוּן דֶער גוּף זָאל אוֹיךְ וֶוערְן אַ 'חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָה נח, ז): וּמִבְּשָׂרְךָ לֹא תִתְעַלָּם, זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן דַיין פְלֵיישִׁיגְן קֶערְפֶּער. נָאר זָאלְסְט זֶעהְן אַז דֶער גוּף זָאל אוֹיךְ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק (אִיּוֹב יט, כו): וּמִבְּשָׂרִי אֶחֱזֶה אֱלוֹקַ, פוּן דֶעם 'בְּשַׂר הַגוּף' זָאל אִיךְ אוֹיךְ זֶעהְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי, רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זי"ע: הַלְוַואי זָאלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אַז אוּנְזֶער 'נְשָׁמָה' זָאל

## דֶער טִיר אִיז אָפֶען

לַייכְטְן אֲפִילוּ אַ פִּינְטְל, אַזוֹי וִוי עֶס הָאט גֶעלוֹיכְטְן דֶער ׳גוּף׳ פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ זי״ע!

אָבֶער וִויבַּאלְד מִיר זֶענֶען אַלֶע דוּרֶעךְ גֶעפַאלְן, אוּן נִכְשָׁל גֶעוָוארְן, וָואס דוּרֶעכְדֶעם אִיז דֶער גוּף פַארְגְרֶעבְּט גֶעוָוארְן, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן פַארְדֶערְקְט דִי נְשָׁמָה, וֶועגְן דֶעם אִיז נֶעבֶּעךְ דֶער מֶענְטְשׁ אִין אַ גָלוּת; דָאס הֵייסְט, עֶר גֵייט אַרוּם טְרוֹיעֶרִיג אוּן צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר טְרַאכְט: ׳דֶער בַּאשֶׁעפֶער דַארְף מִיר נִישְׁט הָאבְּן, אִיךְ טוֹיג צוּ גָארְנִישְׁט׳ - בִּפְרַט אוֹיב טַאטֶע מַאמֶע, אָדֶער דֶער מְלַמֵד, אָדֶער חֲבֵרִים, הָאבְּן אִים אַרָאפּ גֶעקְלַאפְּט - אוּן עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם פּוּסְט אוּן לֵיידִיג, ׳נָע וְנָד׳ אַזוֹי וִוי ׳קַיִן׳. אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דִי נְשָׁמָה אִיז מִיט אִים יֶעדֶע רֶגַע, וַוייל אַז עֶר אָטֶעמְט, עֶר גֵייט, עֶר זֶעהְט, עֶר הֶערְט, זַיינֶע חוּשִׁים אַרְבֶּעטְן, אִיז אַ סִימָן אַז דִי נְשָׁמָה אִיז נָאךְ דָא אִין אִים, וַוייל אַז נִישְׁט, לִיגְט עֶר גְלַייךְ טוֹיט רַחְמָנָא לִצְלָן.

# דֶער טִיר אִיז אָפֶען

## ג.

אָבֶּער אַז אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, דוּרֶעכְדֶעם נֶעמְט עֶר צוּבִּיסְלֶעךְ אַרָאפּ דָאס גַשְׁמִיוּת פוּן זַיין גוּף, אוּן דִי נְשָׁמָה הֵייבְּט צוּבִּיסְלֶעךְ אָן צוּ לַייכְטְן בַּיי אִים, אוּן עֶר זֶעהְט אַז עֶר קֶען אוֹיךְ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיטְן גוּף, דָאס הֵייסְט מִיטְן עֶסְן אוּן מִיטְן שְׁלָאפְן וְכוּ׳, אוּן דִי מֶערְסְטֶע שְׁפִּירְט מֶען דָאס שַׁבָּת.

וֶועגְן דֶעם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן נז; קכה): דִי עֶסְן פוּן שַׁבָּת אִיז ׳**כּוּלוֹ אֱלֹקוּת**׳, אוּן **כּוּלוֹ קוֹדֶשׁ**׳; דָאס הֵייסְט שַׁבָּת לַייכְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וֶועגְן דֶעם וָואס עֶר עֶסְט שַׁבָּת, עֶסְט עֶר נָאר אֱלֹקוּת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: אַז מֶען עֶסְט ׳מַצָה׳ עֶסְט מֶען ׳אֱלֹקוּת׳, וַוייל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן עֶסְן מַצָה אִיז דָאךְ דָאס אַ מִצְוָה, וָואס דָאס אִיז דֶער

## דֶער טִיר אִיז אָפֶען

רָצוֹן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ שַׁבָּת הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהֵייסְן עֶסְן דְרֵי מָאל, אַזוֹי וְוי חֲזַ״ל לֶערְנֶען אַרוֹיס (שַׁבָּת קיז ע״ב): פוּנֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת טז, כה), אַז עֶס שְׁטֵייט דְרֵיי מָאל 'הַיּוֹם', אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ עֶסְן שַׁבָּת דְרֵיי סְעוּדוֹת. אוֹיךְ זָאגְן חֲזַ״ל (שָׁם קיח ע״א): אַז מֶען עֶסְט דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת, וֶוערְט מֶען נִיצוֹל פוּן 'חֶבְלֵי מָשִׁיחַ', 'גֵיהִנֹּם' אוּן 'מִלְחֶמֶת גּוֹג וּמָגוֹג' [וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף 'כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת' (עַיֵּין פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתלז)].

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קנה): שַׁבָּת הָאט יֶעדֶער אִיד אַן אַנְדֶערְן פָּנִים, אֲפִילוּ אַ פָּשׁוּטֶ'ער בַּעַל-הַבַּיִת, וָואס וֵוייסְט פוּן גָארְנִישְׁט, אִיז אוֹיךְ מָלֵא שִׂמְחָה, מִיט זַיין שְׁטְרַיימְל אוּן בֶּעקִיטְשֶׁע, אוּן עֶר פְרֵייט זִיךְ מִיט דִי פַיינֶע חַלוֹת אוּן פִישׁ, מִיט דִי זוּפּ אוּן פְלֵייש וְכוּ'. וַוייל יֶעדֶער הָאט אַ גֶעפִיל אִינֶעם שַׁבָּת.

דָאךְ גֶעפוּנֶען מִיר אַז דִי תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאבְּן אָנְגֶערוּפְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי: דוּ בִּיזְט דֶער שַׁבָּת פוּן אַלֶע טֶעג (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ נָשֹׂא, קמד ע״ב). וַוייל דִי צַדִּיקִים שְׁפִּירְן שְׁטֶענְדִיג אַזַא מִין 'גִילוּי אֱלֹקוּת', אַז אֲפִילוּ אִינְדֶערְוָואכְן אִיז בַּיי זֵיי אוֹיךְ אַזוֹי וִוי שַׁבָּת.

ד.

און צוּ דֶעם קֶען אוֹיךְ יֶעדֶער אִיד זוֹכֶה זַיין, דוּרֶעךְ דִי מַתָּנָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ט; קיב): אַז דֶער דִיבּוּר דַארְף זַיין מִיט אַן אֱמֶת, און דֶעמָאלְטְס לַייכְט דָאס פַארְן מֶענְטְשׁ אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז אֲפִילוּ עֶר זָאל זַיין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, וֶועט אִים דִי אֱמֶת'ע וֶוערְטֶער, אוֹיפְלַייכְטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, און עֶר וֶועט טְרֶעפְן דֶעם וֶועג וִוי אַרוֹיסְצוּגֵיין. פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן,

# דֶער טִיר אִיז אָפֶען

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן קיב): אַז וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל און פַארְשְׁטֵייט, דַארְף בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַ גַאנְץ לֶעבְן: הַלְוַאי זָאל אִיךְ אֵיין מָאל אִין לֶעבְן זוֹכֶה זַיין צוּ זָאגְן אַ אֱמֶת׳ער וָוארְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

און פַארְוָואס אִיז טַאקֶע אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זָאגְן אַ אֱמֶת׳ער וָוארְט? וַוייל דֶער טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַז עֶר נַארְט זִיךְ, און עֶר קֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט, אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה און עֶר גֵייט אוֹיף אַ בַּאזוּנְדֶערֶע פְּלַאץ וָואס קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, און קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט אַז עֶר אִיז דָארְט, און עֶר הֵייבְּט אָן צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת וֶוער עֶר אִיז, און וִוי אַזוֹי עֶר קוּקְט אוֹיס, און עֶר זָאגְט אוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: אִיךְ הָאבּ שְׁמוּצִיגֶע אוֹיגְן, און אִיךְ קוּק צַאם אַלֶע שְׁמוּץ רַחְמָנָא לִצְלָן, און וֶוען אִיךְ גֵיי אוֹיפְן גַאס, מוּז אִיךְ קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע אִשָּׁה וְכוּ׳, און עֶס וֶוערְט מְקוּיָם בַּיי מִיר, דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט בַּיי דִי תּוֹכָחָה (דְבָרִים כח, לד): וְהָיִיתָ

# דֶער טִיר אִיז אָפֶען

**מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה.** אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן לו; ס; חֵלֶק ב' סִימָן ז): נִיאוּף מַאכְט מְשׁוּגָע דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג ע"א): **'אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנָס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת'.** קוּמְט אוֹיס אַז לוֹיט וִויפִיל עֲבֵירוֹת אַ מֶענְטְשׁ טוּט, אַזוֹי מְשׁוּגָע אִיז עֶר.

נָאכְדֶעם דִי אוֹיעֶרְן; אִיךְ בִּין אַ נֵייגֶערִיגֶער מֶענְטְשׁ, אוּן אִיךְ מוּז אַלֶעס וִויסְן, אוּן וואוּ עֶס שְׁטֵייט נָאר אַ קוּפְּקֶע מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן עֶפֶּעס, מוּז אִיךְ לוֹיפְן הֶערְן וָואס זֵיי רֶעדְן, אוּן אַז אִיךְ זֶעה צְוֵויי מֶענְטְשְׁן רֶעדְן צְוִוישְׁן זִיךְ, וִויל אִיךְ נָאר וִויסְן וָואס זֵיי רֶעדְן, דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (יִתְרוֹ דַף עה ע"ב): **וֶוער עֶס הָאט גְרוֹיסֶע אוֹיעֶרְן** – [דָאס הֵייסְט עֶר מוּז אַלֶעס הֶערְן אוּן וִויסְן] – **אִיז אַ טִיפֵּשׁ.**

## דֶער טִיר אִיז אָפֶען

נָאכְדֶעם דִי נָאז; אִיךְ בִּין אַזַא כַּעַסָן, יֶעדֶע זַאךְ מַאכְט מִיר נֶערְוֶועז וְכוּ׳, אוּן חַזַ״ל זָאגְן (פְּסָחִים סו ע״ב): וֶוער עֶס רֶעגְט זִיךְ, פַארְלִירְט דֶעם שֵׂכֶל.

בִּפְרַט דִי מוֹיל; אִיךְ רֶעד שֶׁקֶר, לָשׁוֹן הָרַע מִיט רְכִילוּת, אוּן אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען צוּ רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ׳, אִיךְ שֶׁעלְט רַחְמָנָא לִצְלָן. דֶעמָאלְטְס זֶעהְט אַ מֶענְטְשׁ וֶוער עֶר אִיז בֶּאֱמֶת, אוּן אַז עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלֶעס אוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הֵייסְט ׳אֱמֶת׳.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן נ״א): אֱמֶת אִיז נָאר דֶער אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מְמֵילָא וִוי נֶענְטֶער אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אִיז דָא אִין אִים מֶער אֱמֶת; וָואס הֵייסְט אַז עֶר קוּמְט נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אַז עֶר שְׁפִּירְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן עֶר רֶעדְט צוּ אִים, וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין

# דֶער טִיר אִיז אָפֶען

גְרֶעסֶערֶער אֱמֶת פוּן דֶעם. וַוייל עֶר וִויל נִישְׁט מֶען זָאל וִויסְן וואוּ עֶר אִיז נֶעְלָם גֶעוָוארְן, אוּן עֶר גֵייט אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער דֶעם אֱמֶת: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען אוּן אִיךְ טְרַאכְט נֶעבֶּעךְ אַזוֹיפִיל נַארִישְׁקֵייטְן" וְכוּ'. וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה, אַזוֹי וִוי דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (הֲלָכוֹת תְּשׁוּבָה פֶּרֶק א הֲלָכָה א): 'כָּל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת הֲרֵי זֶה מְשׁוּבָּח', וָואס מֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה אִיז אַלְץ בֶּעסֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד): אַז אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט, וֶוערְט דָאס אַרַיין גֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן דָאס הַרְגֶ'ט אִים אַוֶועק, אוּן דוּרֶעכְדֶעם וָואס עֶר רֶעדְט דָאס אַרוֹיס צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וֶוערְט עֶר פָּטוּר פוּן דֶעם.

# דֶער טִיר אִיז אָפֶען

## ה.

**חַזַ"ל זָאגְן** (נְדָרִים כ ע"א)**: 'כָּל הַמִּתְבַּיֵּישׁ לֹא בִּמְהֵרָה הוּא חוֹטֵא', אוֹיךְ זָאגְן חַזַ"ל** (בְּרָכוֹת יב ע"ב)**: 'כָּל הָעוֹשֶׂה עֲבֵירָה וּמִתְבַּיֵּישׁ בּוֹ, מוֹחֲלִין לוֹ עַל כָּל עֲווֹנוֹתָיו'**; דָאס הֵייסְט, אַז אַ מֶענְטְשׁ פַארְצֵיילְט אַלֶעס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶר פַאנְגְט זִיךְ אָן צוּ שֶׁעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז זַיין עִיקָר תְּשׁוּבָה, און מֶען אִיז אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין אוּמַאן צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַ עֶלְטֶערֶער אִיד רֶבִּי דָוִד צְבִי, אִין דִי צַייטְן פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער שַׁמָּשׁ אִינֶעם קְלוֹיז, און עֶס זֶענֶען דֶעמָאלְטְס דָארְט גֶעוֶוען בַּחוּרִים וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען פוּן פּוֹילְן, וָואס הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּרִיק אַהֵיים פָארְן צוּלִיב דִי מִלְחָמָה, זֶענֶען זֵיי גֶעשְׁלָאפְן אִין קְלוֹיז אוֹיף דִי בֶּענְק, און אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי

# דֶער טִיר אִיז אָפֶען

שְׁלוֹמֵינוּ אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען בַּיי דִי הַייזֶער אוּן צַאמְגֶענוּמֶען עֶסְן פַאר דִי בָּחוּרִים, דֶער הָאט אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט, דֶער אַ קְנָאבְל, אוּן עֶר הָאט דָאס גֶעבְּרֶענְגְט אִין קְלוֹיז אוּן גֶעגֶעבְּן אַ גִיס אוֹיס, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ וְויבַּאלְד דִי בָּחוּרִים הָאבְּן דָארְט גֶעגֶעסְן אוּן גֶעשְׁלָאפְן הָאט מֶען צוּרִיקְט דִי בֶּענְק אוּן דִי סֵדֶר פוּן בֵּית הַמִדְרָשׁ, פְלֶעגְט עֶר זִיךְ רֶעגְן אוֹיף דִי בָּחוּרִים אוּן זֵיי אָנְשְׁרֵייעֶן, אָבֶער שְׁפֶּעטֶער פְלֶעגְט מֶען אִים הֶערְן וֵויינֶען בַּיים צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! פַארְוָואס בִּין אִיךְ נָאכְאַמָאל גֶעוֶוען אִין כַּעַס?! וָואס וִויל אִיךְ פוּן דִי בָּחוּרִים, זֵיי הָאבְּן נֶעבֶּעךְ נִישְׁט דָא קַיין טַאטֶע מַאמֶע, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט וואוּ צוּ שְׁלָאפְן, וואוּ צוּ עֶסְן, זָאל אִיךְ זֵיי טְרַייבְּן אוֹיפְן גַאס?! אוּן אַזוֹי יֶעדְן טָאג הָאט זִיךְ דָאס נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְגֶע׳חַזֶר׳ט, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף זֵיי, אוּן נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעוֵויינְט צוּם

## דֶער טִיר אִיז אָפֶען

בַּאשֶׁעפֶער, פַארְוָואס עֶר אִיז אַזַא אוֹיפְגֶערֶעגְטֶער מֶענְטְשׁ.

וֶועגְן דֶעם אַז אַ אִיד אִיז זוֹכֶה, און עֶר הָאט שֵׂכֶ״ל, וָואס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: שִׁ׳פְכִי כַּ׳מַיִם לִ׳בֵּךְ, דָאס הֵייסְט עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס יֶעדֶע זַאךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶער; עֶר דֶערְצֵיילְט אוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע שְׁלֶעכְטְן גֶעדַאנְק וָואס קוּמְט אִים אַרַיין, יֶעדְן שְׁלֶעכְטְן קוּק, יֶעדְן כַּעַס, אַז אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן וֶועג, גֵייט עֶר פוּן אֵיין שְׁטוּב צוּם צְוֵוייטְן און עֶר עֶפֶענְט אֵיין טִיר נָאכְן אַנְדֶערְן, [דָאס הֵייסְט וִויבַּאלְד עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כַאפְּט עֶר זִיךְ אַלְס מֶער און מֶער, וִויאַזוֹי אֵיין זַאךְ הָאט אִים גֶעשְׁלֶעפְּט צוּ דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ, וָואס דָאס הָאט אִים אַלְס גֶעבְּרֶענְגְט דוּרֶעכְצוּפַאלְן, און אַזוֹי טוּט עֶר מֶער און מֶער תְּשׁוּבָה, און עֶר גֵייט אַלְס אַרַיין שְׁטֶערְקֶער אִין דִי אֱמוּנָה, און וֶוערְט אַלְס נֶענְטֶער צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן] בִּיז עֶר שְׁפִּירְט שׁוֹין שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ו.

אָבֶּער אִין אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט דִי וֶועלְט נִישְׁט קַיין 'הַשָּׂגָה', אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קט"ז): אַ צַדִיק קֶען מֶען נִישְׁט דֶערְקֶענֶען, ווַייל אִינְדְרוֹיסְן זֶעהְט עֶר אוֹיס פּוּנְקְט וִוי אַ צְוֵוייטְן, אָבֶּער אִינֶעוֵוייגִיג אִיז עֶר גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ. נָאכְמֶער זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רמ"ג): וָואס הֶעכֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז, און עֶר אִיז מֶער דָבוּק אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶעהְט מֶען בַּיי אִים גָארְנִישְׁט, נָאר עֶר קוּקְט אוֹיס וִוי אַ פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ, און דָאס אִיז זַיין גְרוֹיסְקֵייט, אַז עֶר פִירְט זִיךְ אַזוֹי פָּשׁוּט מִיטְן גְרֶעסְטְן פַּשְׁטוּת.

# דֶער טִיר אִיז אָפֶען

אַ אִיד הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן מ): אוֹיבּ עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ, אַז אַ צַדִיק זָאל זַיין זֵייעֶר גְרוֹיס אֲפִילוּ מֶען זֶעהְט נִישְׁט בַּיי אִים קַיין סְפֶּעצְיֶעלֶע עֲבוֹדוֹת אוּן תְּנוּעוֹת, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט בַּיי אַנְדֶערֶע צַדִיקִים, פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי הֶעכֶערֶע עֲבוֹדוֹת וְכוּ'? הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: פַארְקֶערְט! עֶס קֶען גָאר זַיין אַז דֶער צַדִיק וָואס בַּאהַאלְט זִיךְ אוּן מֶען זֶעהְט נִישְׁט בַּיי אִים אָפֶענֶערְהֵייט קַיין הֶעכֶערֶע סָארְט עֲבוֹדוֹת, קֶען זַיין אַסַאךְ אַסַאךְ גְרֶעסֶער, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט צְוֵויי נֶעמֶען דֶער שֵׁם 'הֲוָיָ"ה', אוּן דֶער שֵׁם 'אדנ"י', דֶער שֵׁם 'אדנ"י' מֶעג מֶען אַרוֹיס זָאגְן, אָבֶער דֶער שֵׁם 'הֲוָיָ"ה' טָאר מֶען נִישְׁט אַרוֹיס זָאגְן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן, נָאר מֶען זָאגְט דָאס אַרוֹיס אַזוֹי וִוי דֶער שֵׁם 'אדנ"י', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן, אֲפִילוּ מֶען קֶען דָאס נִישְׁט אַרוֹיס זָאגְן, אִיז דָאס אַסַאךְ הֶעכֶער וִוי דֶער שֵׁם 'אדנ"י'.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ: וֶוער עֶס קֶען מִיךְ, וֵוייסְט אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם תְּנוּעָה פוּן קַיין גוּטֶער אִיד, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהְן וִוי אַ פָּשׁוּטֶ׳ער אִינְגֶערְמַאן.

וֶועגְן דֶעם אִיז נִישְׁט קַיין וואוּנְדֶער אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס לַאכְן אָפּ פוּן ׳הִתְבּוֹדְדוּת׳ - רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דָאס אִיז אִינְגַאנְצְן אַ רוּחְנִיוּת׳דִיגֶע זַאךְ, אוּן מֶען דַארְף צוּ דֶעם הָאבְּן אַ מוֹרָא׳דִיגֶער לוֹיטֶערְן אֱמוּנָה, אָבֶּער וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז דָאס מְקַיֵּים בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

ז.

מִיר גֶעפוּנֶען וֶוען יַעֲקֹב הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי עֶסְן פַּאר יִצְחָק כְּדֵי עֶר זָאל בַּאקוּמֶען דִי בְּרָכוֹת, הָאט אִים יִצְחָק גֶעפְרֶעגְט: וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ דָאס אַזוֹי שְׁנֶעל גֶעבְּרֶענְגְט?! הָאט יַעֲקֹב גֶעעֶנְטְפֶערְט (בְּרֵאשִׁית כז, כ): ׳כִּי

# דֶער טִיר אִיז אָפֶען

הִקְרָה הֲוָיָ״ה אֱלֹקֶיךָ לְפָנַי׳ - דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט דָאס מִיר צוּגֶעשִׁיקְט. הָאט יִצְחָק אָבִינוּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן אַז עֶפֶּעס טוֹיג דָא נִישְׁט, וַוייל עֶר אִיז נִישְׁט צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ הֶערְן עֵשָׂו דֶערְמַאנֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְס נָאמֶען, וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט (שָׁם כז, כב): ׳הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב׳, דֶער קוֹל זֶעהְט עֶפֶּעס אוֹיס וִוי יַעֲקֹב, וָואס עֶר רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

ח.

אוּן דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַ אִיד אַז עֶר הָאט ׳יִרְאַת שָׁמַיִם׳, אַז עֶר רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי ב, ו): **׳מִפִּיו דַעַת וּתְבוּנָה׳** - פוּן דֶעם מוֹיל פוּן אַ מֶענְטְשׁ, קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען וֶוער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז. וֶועגְן דֶעם טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן קֵיינֶעם וָואס לַאכְט אָפּ פוּן דֶעם, אוּן עֶר מַאכְט לֵיצָנוּת.

## דֶער טִיר אִיז אָפֶען

און מֶען זֶעהְט אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה, אַז לֵיצָנוּת הָאט אַ מוֹרָא׳דִיגְן כֹּחַ; אַזוֹי וִוי רַשִׁ״י זָאגְט (בְּרֵאשִׁית כה, יט): וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אַז ׳יִצְחָק׳ זָאל אוֹיסְזֶעהְן אַזוֹי וִוי ׳אַבְרָהָם׳, וַוייל דִי לֵיצָנִים הָאבְּן גֶעזָאגְט: ׳מֵאֲבִימֶלֶךְ נִתְעַבְּרָה שָׂרָה׳ – שָׂרָה אִיז גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן פוּן אֲבִימֶלֶךְ. וַוייל מֶען זֶעהְט אַז אַזוֹיפִיל יָארְן אִיז זִי גֶעוֶועןן מִיט אַבְרָהָם אָבִינוּ, און זִי הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער. הָאבּ אִיךְ אַמָאל גֶעהֶערְט פוּן אַ מַגִיד: מֶען זֶעהְט דָא אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ; אַ אַלְטֶע פְרוֹי פוּן נַיינְצִיג יָאר קֶען גֶעבְּן מִילְךְ פַאר יֶעדֶעם אֵיינֶעם, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית כא, ז): ׳הֵינִיקָה בָנִים שָׂרָה׳. וָואס דָאס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶער נֵס, און ווִידֶער אֲבִימֶלֶךְ, מִיט זַיין גַאנְצֶע חַבְרַיָא הָאבְּן בַּאקוּמֶען ׳עֲצִירוֹת׳, אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁפֵּייעֶן, און נִישְׁט אַרוֹיסְזֵיין וְכוּ׳, דָאס אִיז דָאךְ אוֹיךְ אַ מוֹרָא׳דִיגֶער נֵס; און וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז לֵיצָנִים זָאלְן

זָאגְן: 'מֵאֲבִימֶלֶךְ נִתְעַבְּרָה שָׂרָה'?! נָאר זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז לֵיצָנוּת הָאט אַזַא כֹּחַ, אַז מֶען קֶען בַּאוַוייזְן אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים, אוּן מִיט לֵיצָנוּת קֶען מֶען דָאס אַלֶעס אַוֶועקְמַאכְן, אֲפִילוּ עֶס שְׁטִימְט נִישְׁט, אוּן עֶס אִיז פַארְקֶערְט פוּן דִי פַאקְט.

## ט.

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ מִיט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דַארְף מֶען נִישְׁט קוּקֶען אוֹיף קֵיינֶעם, נָאר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, וָואס דָאס אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ טוּהְן, אוּן אַזוֹי אַרוּם וֶועט מֶען דוּרֶעכְגֵיין דִי גַאנְצֶע סִדְרָה יֶעדֶע וָואךְ, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף 'אֲרִיכוּת יָמִים', אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח): 'לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פָּרָשִׁיוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פָּרָשִׁיוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו'. אוּן עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקֶ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ

# דֶער טִיר אִיז אָפֶען

(אוֹרַח חַיִים סִימָן רפ״ה, סְעִיף ג). אַז פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען מַעֲבִיר סִדְרָה זַיין. אָבֶער אַז מֶען לָאזְט דָאס אוֹיף פְרַייטָאג, קוּמְט מֶען נִישְׁט אָן צוּ דֶעם, אוּן עֶס קֶען דוּרֶעכְגֵיין אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ, אוּן מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סִדְרָה, וָואס דָאס אִיז אַ חִיוּב אוֹיף יֶעדְן אִיד.

אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְן אַרַיינְצוּכַאפְּן וָואס מֶער פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן בְּלֶעטֶער גְמָרָא, סִימָנִים שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה קֶען מֶען נָאךְ אוֹיךְ אַרַיינְכַאפְּן יֶעדְן טָאג זוֹהַר הַקָדוֹשׁ מִיט תִּיקוּנִים, מִדְרָשׁ רַבָּה אוּן מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא. וָואס דִי מַתָּנָה פוּן דֶעם ׳דֶרֶךְ הַלִּמוּד׳, הָאבְּן מִיר אוֹיךְ בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן עו).

דָאס גֶעפוּנֶען מִיר בַּיי דִי בְּרָכָה וָואס יִצְחָק אָבִינוּ הָאט אָנְגֶעווּנְטְשְׁן יַעֲקֹב (בְּרֵאשִׁית כז, כח): וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ וְרֹב דָּגָן וְתִירֹשׁ.

## דֶער טִיר אִיז אָפֶען

טַייטְשְׁט דָאס אוֹיס דֶער מִדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סו, ג): 'מִטַּל הַשָּׁמַיִם - זוּ מִקְרָא', 'מִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ - זוּ מִשְׁנָה', 'וְר"ב דָּגָן - זוּ תַּלְמוּד', תִּירוֹשׁ - זֶה מִדְרָשׁ; דָאס הֵייסְט עֶר זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת, אַסַאךְ גְמָרָא, אוּן מִדְרָשׁ [רַבָּה אוּן תַּנְחוּמָא, זוֹהַר אוּן תִּיקוּנִים].

### י.

עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תִּקּוּנֵי זוֹהַר הַקְּדָמָה, יד ע"ב): וֶוער עֶס עֶנְדִיגְט אֵיין מַסֶּכְתָּא, בַּאקוּמְט עֶר דֶערְפַאר אַ גַאנְצֶער וֶועלְט, 'בְּרוּחָנִיּוּת'; [וָואס מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס עֶס מֵיינְט אַ וֶועלְט: דִי גַאנְצֶע גְלאוֹ"ב וָואס בַּאשְׁטֵייט פוּן דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר. 'דוֹמֵם': לֶענְדֶער אָן אַ שִׁיעוּר, בֶּערְג מִיט טָאלְן, טַייכְן, וַואסֶערְן אוּן יַמִּים פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. 'צוֹמֵחַ': בִּילְיֵי בִּילְיַארְדְן בֵּיימֶער מִיט זֵייעֶרֶע בְּלֶעטֶער, אוּן אַלֶע סָארְט בְּלוּמֶען אוּן גְרָאזְן, וָואס מִיר קֶענֶען אֲפִילוּ נִישְׁט צֵיילְן. 'חַי':

# דֶער טִיר אִיז אָפֶען

אַלֶע סָארְטְן חַיוֹת, אַרוּם דִי גַאנְצֶער וֶועלְט, פוּן ׳קַרְנֵי רְאֵמִים׳, בִּיז ׳בֵּיצֵי כִּינִים׳, וָואס דָאס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אָפְּצוּצֵיילְן. ׳מְדַבֵּר׳: זִיבְּן אוּן אַ הַאלְבּ בִּילְיָאן מֶענְטְשְׁן. אוּן נָאכְדֶעם דִי זוּן מִיט דִי לְבָנָה, מִיט בִּילְיֵ בִּילְיָאנֶען שְׁטֶערְן וְכוּ׳, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הַאלְט אַ פוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן, אוּן גֶעט אַ נָאמֶען פַאר יֶעדְן שְׁטֶערְן עֶקְסְטֶער, אוּן דָאס אִיז נָאר דִי גַשְׁמִיוּת׳דִיגֶער וֶועלְט, וָואס מִיר זֶעהְן, וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן ׳עוֹלָם הָעֲשִׂיָּה׳, אוּן כָּל שֶׁכֵּן בְּרוּחָנִיוּת, וְוִיפִיל בִּילְיֵ בִּילְיָאנֶען מַלְאָכִים, וָואס מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דָאס מֵיינְט, בַּאקוּמְט מֶען פַארְן עֶנְדִיגְן אֵיין מַסֶכְתָּא,] אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אוּן מֶען חַזֶר׳ט אֵיין מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל [בִּפְרַט מַסֶכֶת תַּעֲנִית], אִיז דָאס אַ מוֹרָא׳דִיגֶע תִּיקוּן אוּן אַ תְּשׁוּבָה אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת.

# דֶער טִיר אִיז אָפֶען

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אִין פּוֹילְן, ר׳ אַבִיגְדוֹר, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ פַאבְּרִיק וואוּ מֶען הָאט גֶעפַארְבְּט וָואל, וַיְהִי הַיוֹם הָאט זִיךְ אַ גוֹי אַרַיין גֶעצוֹיגְן אִין יֶענֶעם גֶעגְנְט, אוּן אוֹיךְ גֶעעֶפֶענְט אַזַא מִין פַאבְּרִיק מִיט נַייעֶ אוּן גוּטֶע מַאשִׁינֶען, אוּן דֶער גוֹי הָאט אִים אַלֶעס חָרוּב גֶעמַאכְט, וַוייל דֶער אִיד הָאט נִישְׁט פַארְמָאגְט דִי פָארְגֶעשְׁרִיטֶענֶע מַאשִׁינֶען וָואס קָאסְטְן אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן אַזוֹי הָאט דֶער אִיד נֶעבֶּעךְ פַארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶער פַּרְנָסָה, וַוייל יֶעדֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם גוֹי.

דֶער ר׳ אַבִיגְדוֹר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוער, רֶבִּי אַלְטֶער, [וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם, אוּן בַּיָמִים הָהֵם הָאט מֶען גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט הוּנְדֶערְט אוּן אֵיינְמָאל שַׁ״ס בַּבְלִי, אוּן יְרוּשַׁלְמִי, וָואס בֶּאֱמֶת קֶען מֶען דָאס בַּאוַוייזְן, אַז מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקְן רָצוֹן, וַוייל 'אֵין לְךָ דָבָר הָעוֹמֵד בִּפְנֵי הָרָצוֹן'], עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ חָסִיד פוּנֶעם הֵיילִיגְן יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל פוּן אַלֶכְּסַנְדֶר זי״ע,

## דֶער טִיר אִיז אָפֶען

אוּן דֶער יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל זי״ע פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מְחַיֶה זַיין מִיט אִים, אָבֶער רֶבִּי אַלְטֶר פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאהַאלְטְן, אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט אִים, כְּדֵי עֶר זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט גְרִינְגְשֶׁעצְן אִין זַיין כָּבוֹד, וַוייל דָאס אִיז דֶער סֵדֶר פוּן אַ לַמְדָן, וֶוען עֶר רֶעדְט מִיט אֵיינֶעם אִין לֶערְנֶען, קֶען עֶר זִיךְ אַמָאל אוֹיסְדְרוּקְן: נִישְׁט דָאס אִיז דֶער פְּשַׁט! דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט! וְכוּ׳, אָבֶער יֶעצְט אַז זַיין אֵיידֶעם ר׳ אַבִיגְדוֹר, אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין צָרָה, אַז עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין גְרוֹיסֶע חוֹבוֹת, הָאט אִים זַיין שְׁוֶוער רֶבִּי אַלְטֶר גֶעזָאגְט: לָאמִיר גֵיין זִיךְ מַזְכִּיר זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן דֶער יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל הֵייבְּט אָן צוּ רֶעדְן מִיט רֶבִּי אַלְטֶר דֵי גַאנְצֶע סוּגְיָא (בָּבָא קַמָא, פֶּרֶק הַגּוֹזֵל עֵצִים): וָואס רֶעדְט זִיךְ אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט גֶעגֶעבְּן וָואל מֶען זָאל דָאס פַארְבְּן, אוּן מֶען הָאט קַאלְיֶע גֶעמַאכְט דִי

וָואל וְכוּ׳, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְפַלְפֵּל גֶעוֶוען אַ גַאנְצֶע נַאכְט.

ר׳ אַבִיגְדוֹר שְׁטֵייט אוּן קוּקְט: אִיךְ בִּין דָא גֶעקוּמֶען מִיט מַיין שְׁוֶוער מַזְכִּיר זַיין מַיין צָרָה, אוּן מַיין שְׁוֶוער אוּן דֶער רֶבִּי הָאבְּן אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּן מִיר, אוּן זֵיי רֶעדְן דָא אַ גַאנְצֶע סוּגְיָא?! וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהַאלְטְן בַּיים אַוֶועק גֵיין, הָאט דֶער רֶבִּי בַּאמֶערְקְט אַז דֶער אִיד הָאט מוֹרָא׳דִיגֶע חֲלִישׁוּת הַדַעַת, הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה: אֵיינֶער אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְז זי״ע, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר בַּאקְלָאגְט, אַז אַ גוֹי הָאט זִיךְ פַּארְלֵייגְט אוֹיף אִים, אוּן עֶר דֶערְגֵייט אִים דִי יָארְן, עֶר שְׁלָאגְט זַיינֶע קִינְדֶער, זַיין וַוייבּ, אוּן דֶער שַׂר שָׁלוֹם זי״ע הֵייבְּט אָן צוּ זָאגְן: חַזַ״ל דֶערְצֵיילְן (סִפְרִי, פַּרְשַׁת רְאֵה): רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט אַלֵיין גֶעזֶעהְן, וִוי אַ גוֹי הָאט צַאמְגֶעבִּינְדְן זַיין טַאטְן פַאר זַיין הוּנְט, אוּן דֶער הוּנְט הָאט אִים אוֹיפְגֶעגֶעסְן. אוּן דֶער

## דֶער טִיר אִיז אָפֶען

אִיד גֵייט אַהֵיים, אוּן עֶר וֶוערְט גֶעוואוֹיר אַז הוּנְטֶן הָאבְּן אוֹיפְּגֶעגֶעסְן דֶעם גוֹי.

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל אוֹיסְגֶעפִירְט: גֵיי לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם! וִוי נָאר זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס רוּפְט זִיךְ רֶבִּי אַלְטֶר אָן פַאר זַיין אֵיידֶעם: דוּ בִּיזְט אַ גֶעהָאלְפֶענֶער! וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים, הֶערְט עֶר אַז דִי גַאנְצֶע פַאבְּרִיק פוּן דֶעם גוֹי אִיז אַרוֹיף אִין פַייעֶר, אוּן עֶס אִיז אִינְגַאנְצְן פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן, אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן דֶערְפוּן.

דָאס זֶעלְבֶּע בַּיי יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר לֶערְנְט אַ מַאֲמַר חֲזַ״ל, זָאל עֶר וִויסְן אַז דָאס אִיז זַיין חַיּוּת, אוּן דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען זַיין גַאנְצֶע יְשׁוּעָה.

### יא.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ז׳): חֲנוּכָּה אִיז מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר יד, יט): **סְלַח נָא**

## דֶער טִיר אִיז אָפֶען

לַעֲוֹן הָעָם הַ׳זֶּה כְּ׳גֹדֶל חַ׳סְדֶּךָ וְ׳כַאֲשֶׁר נָ׳שָׂאתָ וְכוּ׳. דָאס הֵייסְט אַ גַאנְץ יוֹם כִּפּוּר בֶּעהְט אַ מֶענְטְשׁ: ׳סְלַח לָנוּ׳ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט. אוּן ווִי אַזוֹי וֵוייסְט אַ מֶענְטְשׁ צוּ עֶס אִיז נִתְקַבֵּל גֶעוָוארְן זַיין תְּפִלָּה אוּן זַיין תְּשׁוּבָה? אֶפְשָׁר הָאט עֶר זִיךְ גוּט אָפְּגֶענַארְט?! נָאר אַז עֶר וֶועט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגֶער חֲנוּכָּה, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר ווִיסְן אַז זַיין תְּשׁוּבָה אִיז אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן.

אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שָׁם): דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן ׳כִּסְלָי״ו׳ אִיז וַ׳יַּרְא י׳ כִּ׳י סָ׳ר לִ׳רְאוֹת (שְׁמוֹת ג, ד). דָאס הֵייסְט: מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ מַנְהִיג הַדּוֹר, וָואס הָאט צוּגֶעלֵייגְט דָאס הַארְץ צוּ קוּקֶען אוֹיף דִי צָרוֹת וָואס אִידְן לַיידְן, אוּן עֶר הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵיי, וָואס דֶער עִיקָר צָרוֹת אִיז דָאס וָואס אִידְן פַאלְן נֶעבֶּעךְ דוּרֶעךְ מִיט עֲבֵירוֹת, וָואס אַ אִיד לוֹיט זַיין הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה וָואס עֶר הָאט, קֶען עֶר נִישְׁט פַארְנֶעמֶען

## דֶער טִיר אִיז אָפֶען

אוּן טְרָאגְן אוֹיף זִיךְ עֲבֵירוֹת, אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס גֶעזֶעהְן, הָאט עֶר אִים גֶערוּפְן צוּ זִיךְ אוּן גֶעזָאגְט: מֹשֶׁה! מֹשֶׁה! אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים דֶעמָאלְטְס גֶעזָאגְט דוּ וֶועסְט זַיין כֹּהֵן, בַּיי דִי 'חֲנוּכַּת הַבַּיִת' פוּנֶעם 'מִשְׁכָּן', אוּן דוּ וֶועסְט זַיין דֶער 'מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל'.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם, וֶוער קֶען וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן אַ מַנְהִיג? וֶוער עֶס הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן עֶר שְׁלֶעפְּט זֵיי אַרוֹיס פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן עֶס גֵייט אִים אִין לֶעבְּן אַז עֶס זָאל זַיין שִׁידוּכִים בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אַז זֵיי זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְּן וָואס פְּרִיעֶר, וָואס אַזוֹי אַרוּם וֶועלְן זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן עֲווֹנוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פט): דֶער צַדִיק אִיז דֶער שַׁדְכָן וָואס מַאכְט אַלֶע שִׁידוּכִים. וַוייל דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט פוּן אַ אֱמֶתְ'ן מַנְהִיג,

# דֶער טִיר אִיז אָפֶען

אַריינְצוּבְּרֶענְגֶען קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה צְוִוישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן זֵיי זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְּן וָואס שְׁנֶעלֶער.

## יב.

עֶס שְׁטֵייט (תִּיקוּנֵי זֹהַר, דַּף ט ע״ב; וְעַיֵּין מִשְׁנַת חֲסִידִים מַסֶּכֶת חֶשְׁוָן כִּסְלֵיו, פ״א ס״ג): יֶעדֶער חוֹדֶשׁ הָאט אַן אַנְדֶערְן ׳צִירוּף׳ פוּן דֶעם ׳שֵׁם הֲוָיָ״ה׳, אוּן דֶער צִירוּף פוּן חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו גֵייט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית נ, יא): וַ׳יַּרְא יוֹשֵׁב הָ׳אָרֶץ הַ׳כְּנַעֲנִי אֶת הָאֵבֶל בְּגֹרֶן הָאָטָד וְכוּ׳, וָואס דָאס שְׁטֵייט בַּיי דִי לְוָיָה פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ, וֶוען דִי שְׁבָטִים הָאבְּן אִים גֶעטְרָאגְן קַיין חֶבְרוֹן דָארְט צוּ בַּאגְרָאבְּן, בְּרֶענְגְט רַשִׁ״י (שָׁם) פוּן חַזַ״ל (סוֹטָה יג ע״א): אַז עֶס זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אָן אַ שִׁיעוּר אוּמוֹת אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט מִלְחָמָה הַאלְטְן, בִּפְרַט דִי הֶערְן פוּן עֵשָׂו אוּן יִשְׁמָעֵאל [וַוייל זֵיי הָאבְּן נָאךְ גֶעהַאט אַן אַלְטְן שִׂנְאָה; יִשְׁמָעֵאל אִיז בְּרוֹגֶז גֶעוֶוען אוֹיף יִצְחָק, וַוייל עֶר הָאט אַלֶעס

## דֶער טִיר אִיז אָפֶען

צוּגֶענוּמֶען פוּן אִים, אוּן עֵשָׂו אִיז בְּרוֹגֶז גֶעוֶוען אוֹיף יַעֲקֹב, וַוייל עֶר הָאט אִים צוּגֶע׳גַנְבֶ׳עֶט דִי בְּרָכוֹת, וָואס דָאס זֶענֶען דִי צְוֵויי קְלִיפּוֹת פוּן וָואס אִידְן לַיידְן בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע דוֹרוֹת], אָבֶער וִוי נָאר זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז יוֹסֵף הָאט אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין קְרוֹין אוֹיף דִי אָרוֹן פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ, הָאבְּן אַלֶע מְלָכִים אוֹיסְגֶעטוּעֶן זֵייעֶרֶע קְרוֹינֶען אוּן הָאבְּן עֶס אוֹיךְ אַרוֹיף גֶעלֵייגְט אוֹיפְן אָרוֹן, אוּן גֶעמַאכְט שָׁלוֹם, אוּן דֶער גַאנְצֶער אָרוֹן אִיז גֶעוָוארְן אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט קְרוֹינֶען.

דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס הָאבְּן זִיךְ דִי פֶעלְקֶער אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי קְרוֹין פוּן יוֹסֵף?! נָאר יוֹסֵף הָאט גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר׳ל פוּן זִיבֶּעצְן יָאר, הָאט מֶען אִים צוּגֶענוּמֶען פוּן טַאטְן, אוּן מֶען הָאט אִים פַארְקוֹיפְט, אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט זַיין רַחְמָנָא לִצְלָן צְוִוישְׁן אַזַאלֶעכֶע עֶקֶלְהַאפְטִיגֶע שְׁמוּצִיגֶע מִצְרִים, אַזוֹי וִוי חַזַ״ל

# דֶער טִיר אִיז אָפֶען

זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ פֶּרֶק ז; תּוֹרַת כֹּהֲנִים אַחֲרֵי פֶּרֶק יח): עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ פָאלְק וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי פַארְגְרֶעבְּט אִין שְׁמוּץ אוּן אִין נִיאוּף, אַזוֹי וִוי דִי מִצְרִיִים; אוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק נָאכְדֶעם וָואס דִי בְּרוּדֶער הָאבְּן אִים פַארְקוֹיפְט, אוּן עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען קַיין מִצְרַיִם, הָאט מֶען אִים גֶעשְׁטֶעלְט צוּ פַארְקוֹיפְן צְוִוישְׁן אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁוַוארְצֶע קְנֶעכְט, וָואס זֵיי זֶענֶען דִי בִּילִיגְסְטֶע עֶלֶעמֶענְטְן וָואס אִיז נָאר פַארְהַאנֶען, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן דָארְט אַ בָּחוּר מִיט שֵׁיינֶע גֶעקְרַייזְלְטֶע פֵּיאוֹת שְׁטֵיין, הָאט אִים אֵיינֶער גֶעגֶעבְן אַ שְׁטֶעךְ, אַ צְוֵוייטֶער אַ זֶעץ, אַן אַנְדֶערֶער הָאט גֶעצוֹיגְן דִי פֵּיאוֹת וְכוּ׳, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעדַארְפְט דְרֵייעֶן צְוִוישְׁן דִי עֶרְגְסְטֶע פְּרִיצוּת וָואס אִיז נָאר שַׁיָּיךְ רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעהִיטְן דִי אוֹיגְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כ ע״א; וְעַיֵּין בְּרֵאשִׁית רַבָּה צח, יח; בַּמִּדְבָּר רַבָּה יד, ו). אוּן אוֹיב אִיז דָאס נִישְׁט גֶענוּג,

## דֶער טִיר אִיז אָפֶען

הָאט עֶר נָאךְ גֶעהַאט אַ בִּיטֶערֶער שְׁוֶועֶרֶע נִסָּיוֹן מִיט דִי וַוייבּ פוּן פּוֹטִיפַר, אוּן מֶען לֵייגְט אִים נָאךְ אַרַיין אִין תְּפִיסָה, מִיט גְרוֹיסֶע בִּזְיוֹנוֹת.

נָאר יוֹסֵף הָאט גֶעהַאט צְוֵויי זַאכְן וָואס דָאס הָאט אִים דֶערְהַאלְטְן, אֵיינְס; עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ (דְבָרִים רַבָּה ד, ז). אוּן מֶען זֶעהְט וֶוען דֶער 'שַׂר הַמַּשְׁקִים' מִיט דֶעם 'שַׂר הָאוֹפִים', צְוֵויי שְׁמוּצִיגֶע מִצְרִים, זֶענֶען גֶעזֶעצְן אִין תְּפִיסָה, אוּן זֶענֶען גֶעוֶוען טְרוֹיעֶרִיג אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג, הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט (בְּרֵאשִׁית מ, ז): פַארְוָואס זֶענְט אִיר אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג? שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר, אַ מֶענְטְשׁ זִיצְט אִין תְּפִיסָה אִיז עֶר דָאךְ מוֹרָא'דִיג צוּבְּרָאכְן אוּן טְרוֹיעֶרִיג, נָאר וְוִיבַּאלְד יוֹסֵף הַצַּדִיק אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְלַיידְן אַז מֶען אִיז טְרוֹיעֶרִיג, אֲפִילוּ שְׁמוּצִיגֶע גוֹיִם, אוּן עֶר הָאט דָארְט שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילֶעךְ גֶעמַאכְט.

## דֶער טִיר אִיז אָפֶען

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶועְן אַ בְּרֶסְלְבֶ׳ער חָסִיד, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, פְּלוּצְלִינְג בַּאפַאלְט אִים אַ שְׁוַוארְצֶער גוֹי, אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ הָאלְ״ד-אָפּ, אָבֶער אַזוֹי וְוי דֶער אִיד הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קַיין עֶנְגְלִישׁ, [עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶועְן פוּן דָאהִי], הָאט עֶר אָנְגֶעכַאפְּט דֶעם גוֹי אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען טַאנְצְן מִיט אִים פְּרֵייליכֶע נִגוּנִים אָן אוֹיפְהֶער, בִּיז עֶר הָאט אִים אָפְּגֶעלָאזְט.

אַ עֶנְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, הָאט פַּאסִירְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶען הָאט אַיינְגֶעזֶעצְט אַ אִיד אִין אַ תְּפִיסָה פוּל מִיט אַרַאבֶער, [זַיין חֵטְא אִיז גֶעוֶועְן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלָאזְט,] הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דָארְטְן אִין תְּפִיסָה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען טַאנְצְן ״כָּאלָא מִן עֲלַא״ [= אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן], בִּיז אַלֶע אַרַאבֶער הָאבְּן אוֹיךְ מִיט אִים מִיט גֶעטַאנְצְן, ״כָּאלָא מִן עֲלַא״, ״כָּאלָא מִן עֲלַא״;

## דֶער טִיר אִיז אָפֶען

ווִי דֶער אוֹיפְזֶעעֶר פוּן דִי תְּפִיסָה הָאט גֶעזֶעהְן וָואס עֶס גֵייט דָא פָּאר, הָאט עֶר גְלַייךְ גֶענוּמֶען דֶעם אִיד אוּן אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן דָארְט, עֶר זָאל נִישְׁט מַאכְן פְרֵיילִיךְ דָא.

דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס יוֹסֵף הַצַּדִיק הָאט גֶעהַאט: אַז עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית לט, ג): **וַיַּרְא אֲדֹנָיו כִּי הֲוָיָ"ה אִתּוֹ וְגוֹ'**, - דֶער מִצְרִי הָאט גֶעזֶעהְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מִיט אִים; וִויאַזוֹי הָאט עֶר דָאס גֶעזֶעהְן? זָאגְט רַשִׁ"י (שָׁם): **'שֵׁם שָׁמַיִם שָׁגוּר בְּפִיו'**, עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז יוֹסֵף הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (תַּנְחוּמָא וַיֵּשֶׁב, ח): יוֹסֵף הַצַּדִיק הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דֶער מִצְרִי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: וָואס מַאכְסְטוּ מִיט דַיין לִיפְּן? דוּ מַאכְסְט כִּישׁוּף?! הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ', וַוייל יוֹסֵף הַצַּדִיק הָאט שְׁטֶענְדִיג

## דֶער טִיר אִיז אָפֶען

גֶערֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען. זֶעהְט מֶען, אַז דִי צְוֵויי זַאכְן: שִׂמְחָה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, הָאבְּן אִים דֶערְהַאלְטְן.

קוּמְט אוֹיס אַז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן יוֹסֵף הַצַדִיק אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז דוּרֶעךְ גֶעגַאנְגֶען אַזוֹיפִיל שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן עֶר הָאט אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן, אַז עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ קְרוֹין; וָואס אִיז גֶעוֶוען זַיין קְרוֹין? אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט בַּארִימֶען, אַז עֶר הָאט גֶעהַאט רֵיינֶע אָפְּגֶעהִיטֶענֶע אוֹיגְן, וֶועגְן דֶעם וֶוען עֵשָׂו אוּן יִשְׁמָעֵאל הָאבְּן גֶעוָואלְט מִלְחָמָה הַאלְטְן, אוּן יוֹסֵף הָאט אַרָאפּ גֶעלֵייגְט זַיין קְרוֹין, הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן. וַוייל פוּן אַ בָּחוּר וָואס קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים, אוּן עֶר בְּלַייבְּט עֶרְלִיךְ, מוּזְן אַלֶע בָּטֵל וֶוערְן פַאר אִים.

## דֶער טִיר אִיז אָפֶען

און דָאס דַארְף זַיין אַ מוֹרָא׳דִיגֶע הִתְחַזְקוּת פַאר יֶעדְן בָּחוּר; אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער, דָאךְ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ, און עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג: מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, און וִוי בִּיטֶער עֶס אִיז אִים, כַאפְּט עֶר אַריין נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, און נָאךְ אַ דַף גְּמָרָא, און עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט שִׂמְחָה און תְּפִלָּה, אִיז דָאס דֶער גְרֶעסְטֶער זַאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (קִיצוּר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן סִימָן ו): הָעִיקָר, מַה שֶּׁקּוֹרִין דֶערְהַאלְטְן זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין אַלֶע זוֹכֶה זַיין און דֶערְלֶעבְן צוּ זֶעהְן דֶעם בִּנְיָן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ דוּרֶעךְ מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, און אַלֶע בַּחוּרִים זָאלְן בְּקָרוֹב וֶוערְן חֲתָנִים, און אַלֶע אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער - כַּלוֹת, און חֲתוּנָה הָאבְן וָואס שְׁנֶעלֶער, און עֶס זָאל זַיין אַ חוֹדֶשׁ שֶׁל שִׂמְחָה.

~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

דָאס אִיז דִי מַעֲלָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אַז יֶעדֶער זָאל דָאס קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס כָּאטְשִׁיג רוֹב מֶענְטְשְׁן קוּקְן דָאס אָן, ווִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן וְכוּ', אָבֶּער אַז מֶען קוּקְט זִיךְ גוּט אָן, זֶעהְט מֶען אַז נָאכְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים - וָואס קוּקְן טַאקֶע אוֹיס אַזוֹי פָּשׁוּט - נֶעמְט מֶען אַ חוּמָשׁ אוּן מֶען הֵייבְּט אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ פַּאנְגְט עֶר אָן צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, אִין דִי צַייט וָואס עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעעֶפֶענְט קַיין מִשְׁנַיוֹת, וַוייל עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט בַּיי זִיךְ: צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת דַארְף מֶען זַיין אַ אַלְטֶער אִיד! וָואס דֶעמָאלְטְס צְווִישְׁן מִנְחָה מַעֲרִיב, לֶערְנְט מֶען צְוֵויי דְרֵיי מִשְׁנַיוֹת, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן גְמָרָא! אוּן אַ דַאנְק דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים מַאכְט עֶר זִיךְ אַ שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, וְכוּ'.

דֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן רֶבִּי יוֹסֵף עֶנְגְל זי"ע וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַסַאךְ שֵׁיינֶע אוּן טִיפֶע סְפָרִים, הָאט גֶעזָאגְט: 'פַאר אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן סְפָרִים הָאבּ אִיךְ דוּרְכְגֶעזָאגְט פֶערְצִיג מָאל שַׁ"ס, אָן רַשִׁ"י, אוּן אָן תּוֹסְפוֹת, אוּן נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ מִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען'. מְמֵילָא אִיז שׁוֹין נִישְׁט קַיין וואוּנְדֶער אַז דֶער קָאפּ הָאט זִיךְ אִים גֶעעֶפֶענְט, אוּן אִיז גֶעוָוארְן אַזַא גָאוֹן עוֹלָם.

(קוּנְטְרֵס: אִיךְ ווִיל בְּלַייבְּן צְווִישְׁן אַייךְ)

בעזהשי"ת

קוּנְטְרֵס

# אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גָעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער,
וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת וִויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## פָּרָשַׁת וַיֵּצֵא תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן כָּארְכְטִיגֶער רֶבִּי,
דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנדֶערְלִיכֶע לִיכְט,
וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

### רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים
פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

שְׁטַארְק זִיךְ זַייעֶר שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה הַקְדוֹשָׁה, זָאלְסְט וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אוּן אַז דוּ וֶועסְט אַרַיינְלֶייגְן בַּיי זִיךְ דֶעם גֶעדַאנְק, וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עַצְבוּת, וָוארוּם דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה אִיז וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט אַז וואוּ עֶר גֵייט אוּן וואוּ עֶר שְׁטֵייט גֵייט מִיט אִים דֶער בַּאשֶׁעפֶער. אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ זַייעֶר שְׁטַארְק וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת. וָואס הֵייסְט מַדְרֵיגוֹת? אַ אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילֶעךְ אוּן עֶר מַאכְט פְּרֵיילֶעךְ אַנְדֶערֶע, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה וָואס מֶען דַארְף זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם בְּזֶה הָעוֹלָם. מֶען טָאר נִישְׁט צֶעפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ. אוּן אַז דוּ וֶועסְט דָאס אַרַיינֶעמֶען בַּיי דִיר, וֶועסְטוּ זַיין אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן.

**(אשר בנחל באידיש חלק א׳ מכתב ל״ז)**

# אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן

## א.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ה):

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֶעהְן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן 'מְדַמֶה', אוּן קוּמֶען צוּם 'שֵׂכֶל'; דָאס הֵייסְט לֶעבְּן מִיט דִי מְצִיאוּת, וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן אַנְדֶערְשׁ. אָבֶּער אַז מֶען לֶעבְּט מִיט פַאנְטַאזְיֶעס אוּן דִמְיוֹנוֹת, קֶען מֶען רַחְמָנָא לִצְלָן זֵייעֶר פַארְקְרִיכְן.

# אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן

וָואס אִיז 'דִמְיוֹן' אוּן וָואס אִיז 'מְצִיאוּת'? מְצִיאוּת אִיז, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן נָאר עֶר אִיז דֶער מְצִיאוּת. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב): וֶוען אַ אִיד אִיז אוֹיף בַּיינַאכְט, אוּן עֶר גֵייט אִין וַואלְד אָדֶער אִין פֶעלְד, אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו מֶען דְרֵייט זִיךְ נִישְׁט דָארְט אֲפִילוּ בַּייטָאג, אוּן עֶר לֵיידִיגְט אָפּ זַיין הַארְץ פוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט, קוּמְט עֶר צוּ 'מְחוּיָב הַמְצִיאוּת'; דָאס הֵייסְט עֶר וֵוייסְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער 'מְחִיּוּב הַמְצִיאוּת', אוּן נָאר עֶר אִיז דָא. אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ד): אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים עז, ז): **אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה,** אַז בַּיינַאכְט וֶוען אַלֶע שְׁלָאפְן, אִיז דִי בֶּעסְטֶע צַייט זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס מֶען הָאט, וָואס דֶעמָאלְטְס דֶערְמַאנְט מֶען זִיךְ דֶעם נִיגוּן, אַז אַלֶעס אִיז

## אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן

נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; וַוייל בֶּאֱמֶת אִיז דִי גַאנְצֶע 'בְּרִיאָה' נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נָאר אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת' בַּאקוּמְט עֶר אַ קְלָארְן שֵׂכֶל, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ זֶעהְן אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, אוּן אַלֶעס אִיז נָאר אַ אָנְקְלֵיידוּנְג פַארְן בַּאשֶׁעפֶער וָואס אִיז 'אֵין סוֹף'.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל זי"ע בְּרֶענְגְט (שַׁעֲרֵי קְדוּשָׁה, בְּהַקְדָּמָה): אַז דִי אַמָאלִיגֶע חֲסִידִים, פְלֶעגְן זִיצְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶע'מָשֶׁלְ'ט וִוי זֵיי זֶענֶען אִין אַ וַואלְד, אָדֶער אִין אַ מִדְבָּר צְוִוישְׁן בֶּערְג אוּן טָאלְן, אוּן הָאבְּן נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם צוּ טוּעֶן, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע מַדְרֵגוֹת וְכוּ'; זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען קֶען זִיצְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, אוּן דָאךְ אִיז מֶען אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעטוּעֶן פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן מֶען וַוייסְט אַז עֶס אִיז

# אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן

נָאר דָא דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן בַּיי אִים בִּין אִיךְ, אוּן צוּ אִים רֶעד אִיךְ.

אָבֶּער וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דֶעם, אוּן עֶר פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶעבְּט עֶר שׁוֹין אִין 'דִמְיוֹן', וָואס דָאס הַרְגֶ'ט אִים אָפּ זַיין גַאנְצֶער לֶעבְּן. אוּן יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיין 'דִמְיוֹן'; אֵיינֶער פַאנְטַאזִירְט, אַז עֶר וֶועט זַיין אַ מֶעכְטִיגֶער עוֹשֶׁר, אוּן הָאבְּן פַאבְּרִיקְן מִיט אַסַאךְ אָפְּטֵיילוּנְגֶען אִין פַארְשִׁידֶענֶע שְׁטֶעט; אַן אַנְדֶערֶער פַאנְטַאזִירְט, אַז עֶר וֶועט זַיין אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, אוּן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וֶועלְן הַאלְטְן פוּן אִים אוּן אִים גֶעבְּן כָּבוֹד; אֵיינֶער פַאנְטַאזִירְט תַּאֲווֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, בִּיז עֶר אִיז שׁוֹין אַזוֹי נִידְרִיג, אַז זַיין גַאנְצְן דִמְיוֹן אִיז גֶעבֶּעךְ פוּן שְׁמוּץ, אוּן מֶען קֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם, וָואס דָאס אִיז נֶעבֶּעךְ דִי מוֹרָא'דִיגֶע קְלִיפָּה וָואס אִיז דָא הַיינְט, דִי אִינְטֶערְנֶע"ט אוּן אֵייפַּא"ד וְכוּ', וָואס אוֹיב מֶען פַאלְט אַרַיין אִין דֶעם,

# אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן

וֶוערְט מֶען אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם רַחְמָנָא לִצְלָן, אַז מֶען פַאנְטַאזִירְט נָאר נַארִישְׁקֵייטְן רַחְמָנָא לִצְלָן.

און אַזוֹי הָאט יֶעדֶער אֵיינֶער זַיין דִמְיוֹן; אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פַארְצֵיילְט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם 'בַּעַל תְּפִלָּה' (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב), אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אַסַאךְ גְרוּפֶּעס, וָואס יֶעדֶער פוּן זֵיי הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר מַנְהִיג, אֵיין גְרוּפֶּע הָאט גֶעהַאלְטְן אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז 'כָּבוֹד', הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן אַן אַלְטְן צוּגַיינֶער וָואס עֶס זֶענֶען אִים נָאכְגֶעלָאפְן פִינֶעף הוּנְדֶערְט מֶענְטְשְׁן, און עֶר הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף זַיין כָּבוֹד, און זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעגְט וְכוּ'. אֵיין גְרוּפֶּע הָאט גֶעהַאלְטְן אַז דֶער תַּכְלִית אִיז 'רְצִיחָה', צוּ הַרְגֶ'נֶען און פַארְשֶׁעמֶען יֶענֶעם וְכוּ'. אֵיין גְרוּפֶּע הָאט גֶעהַאלְטְן אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז 'שִׁכְּרוּת', דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי אוֹיפְגֶענוּמֶען אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ שִׁיכּוֹר, עֶר הָאט זֵיי מַסְבִּיר גֶעוֶוען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן טְרִינְקֶען, וַוייל מֶען דַארְף

## אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי׳ן

דָאךְ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז מֶען טְרִינְקְט אִיז מֶען זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ וְכוּ׳. פִּירְט דָארְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיס: אוּן עֶר הָאט זֵיי בְּוַודַאי גֶעפִירְט אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, [לוֹיט זֵייעֶר פַּארְקְרוּמְטְן מֹחַ]. אוּן וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט פוּן דִי אַלֶע כִּיתּוֹת אִיז גֶעוֶוען פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמֵייכְלֶען, אוּן זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט וִוי אַזוֹי מֶען קֶען פַארְקְרִיכְן אַזוֹי וַוייט, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט: לַאכְט נִישְׁט, וַוייל אוֹיבּ וָואלְט אִיךְ אַייךְ גֶעזָאגְט אֵיין סְבָרָה פוּן זֵייעֶרֶע סְבָרוֹת, וָואלְט אִיר אַלֶע גֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן אוּן זֵיי נָאךְ גֶעטַאנְצְן; אוּן אַזוֹי הָאט יֶעדֶער אֵיינֶער זַיין דִמְיוֹן, וָואס אִיז אָנְגֶעקְלֶעבְּט אִין זַיין מֹחַ, אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶעהְן דֶערְפוּן.

אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין ׳דִמְיוֹן׳ אוּן קוּמֶען צוּם ׳שֵׂכֶל׳; וָואס הֵייסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוּמֶען צוּם שֵׂכֶל? הָאבְּן מִיר דֶען אַן הַשָּׂגָה צוּ

## אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי׳ן

פַארְשְׁטֵיין מִיטְן שֵׂכֶל דֶעם בַּאשֶׁעפֶער? בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָאךְ נִישְׁט דָא קַיין גֶעשְׁטַאלְט אוּן קַיין אוֹיסְזֶעהְן? וָואס דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי דְרַייצְן עִיקָרִים, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ״ם הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן: ׳אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אֵינוֹ גוּף וְלֹא יַשִּׂיגוּהוּ מַשִּׂיגֵי הַגּוּף, וְאֵין לוֹ שׁוּם דִּמְיוֹן כְּלָל׳, אוּן וִוי אַזוֹי אִיז שַׁיָיךְ אוֹיסְצוּמָאלְן מִיטְן שֵׂכֶל דֶעם בַּאשֶׁעפֶער?!

נָאר דֶער עִיקָר וָואס אַ אִיד דַארְף הָאבְּן אִיז: ״אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז עֶר אִיז דָא מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן לֶעבְּן מִיר״. אוּן אִין דֶעם דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אַריינְלֵייגְן, דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ה׳): דֶער עִיקָר אִיז אֱמוּנָה! אוּן אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג נָאכְזוּכְן וואו עֶר הַאלְט אִין אֱמוּנָה, וַוייל עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס לַיידְן נֶעבֶּעךְ

# אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן

פַארְשִׁידֶענֶע מַחֲלוֹת, אוּן דִי סִבָּה פַארְוָואס זֵיי לַיידְן, אִיז נָאר וַוייל עֶס פֶעלְט זֵיי אֱמוּנָה; בִּפְרַט דִי אַלֶע וָואס זֵיי לַיידְן אוֹיף דִי נֶערְוְון, אִיז נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, הָאט עֶר נִישְׁט קַיין מוֹרָא אוּן קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן קֵיינֶעם, וַוייל עֶר וֵוייסְט, אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט, אוּן עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט, [נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן], מְמֵילָא קֶען מֶען פוּן אִים גָארְנִישְׁט צוּנֶעמֶען.

דֶערְפַאר וֶוערְט 'אֱמוּנָה' אָנְגֶערוּפְן 'מַלְכוּת'; דָאס הֵייסְט, אִיךְ בִּין מַמְלִיךְ אוֹיף מִיר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אִיךְ אַלֵיין וֵוייס גָארְנִישְׁט, אוּן אִיךְ וִויל גָארְנִישְׁט, נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער; אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּ דִי דַרְגָה, לֶעבְּט עֶר אַ גוּט לֶעבְּן, וַוייל עֶר הָאט מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט צוּ טוּעֶן; אוּן דָאס אִיז דֶער 'שֵׂכֶ"ל' וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוּמֶען צוּ דֶעם, וָואס דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: **'שׁ'פְכִי כַּ'מַיִם לִ'בֵּךְ'** (אֵיכָה ב, יט). אַז עֶר זָאל

## אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן

רֶעדְן נָאר צוּם בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן צוּ אִים זָאל עֶר זִיךְ אוֹיסְגִיסְן זַיין הַארְץ; וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ אִיד אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"א): אָדֶער דַארְף מֶען הָאבְּן סִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָא, אָדֶער דַארְף מֶען אַסַאךְ הָארֶעוֶועָן אוֹיף דֶעם, אָדֶער דַארְף מֶען הָאבְּן בֵּיידֶע, סַיי הָארֶעוַואנְיֶע אוּן סַיי סִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָא; אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין, עֶס זָאל זִיךְ זֶעצְן דִי זַאךְ פוּן מֹחַ, מֶען זָאל שׁוֹין נִישְׁט וֶועלְן גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער.

ב.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע טַייטְשְׁט אוֹיס (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת מַתָּנָה, הֲלָכָה ד) לוֹיט דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה, דִי פְּסוּקִים פוּן דִי פַּרְשָׁה (בְּרֵאשִׁית כח, י): 'וַיֵּצֵא יַעֲקֹב', אַז יַעֲקֹב, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד, גֵייט אַרוֹיס

# אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן

פוּן 'בְּאֵר שֶׁבַע', [וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי זִיבֶּעטֶע סְפִירָה וָואס דָאס אִיז **מַלְכוּת – אֱמוּנָה**, (עַיֵין סֵפֶר שַׁעֲרֵי אוֹרָה, שַׁעַר הַשְּׁמִינִי, סְפִירָה הַשְּׁלִישִׁית)], דָאס הֵייסְט וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן אֱמוּנָה, דֶעמָאלְטְס 'וַיֵּלֶךְ חָרָנָ"ה', גֵייט עֶר נֶעבֶּעךְ גְלַייךְ אַרַיין רַחְמָנָא לִצְלָן אִין 'חֲרוֹן אַף', אוּן עֶס הֵייבְּט אָן אִיבֶּער צוּ גֵיין אוֹיף אִים מוֹרָא'דִיגֶע צָרוֹת; אוּן דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה אַז עֶר גֵייט אַרוּם מִיט דִמְיוֹנוֹת אוּן אַיינְרֶעדֶענִישְׁן וְכוּ', וָואס דָאס הַרְגֶ'עט אִים אָפּ רַחְמָנָא לִצְלָן.

**וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם וַיָּלֶן שָׁם** (שָׁם כח, יא): וִוי נָאר מֶען גֵייט אַרַיין אִין 'חֲרוֹן אַף' מֶען אִיז גֶערֶעגְט רַחְמָנָא לִצְלָן, פַאלְט מֶען אַרַיין אִין אַ טִיפְן שְׁלָאף; דָאס הֵייסְט דֶער מֹחַ שְׁלָאפְט, וַוייל כִּי בָא הַשֶּׁמֶשׁ: עֶס אִיז אִים אוּנְטֶערְגֶעגַאנְגֶען דִי זוּן, אוּן עֶס אִיז אִים גֶעוָוארְן פִינְצְטֶער רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם צוּבְּרָאכְן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מָרָה שְׁחוֹרָה; אָבֶּער אַז אַ

# אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן

מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ אַז עֶס זָאל אִים זַיין פִינְצְטֶער, אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם זָאגְט (תְּהִלִּים קלט, יב): **גַּם חֹשֶׁךְ לֹא יַחְשִׁיךְ מִמֶּךָ, וְלַיְלָה כַּיּוֹם יָאִיר**; וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, גֵייט עֶר שְׁטֶענְדִיג אַרוּם וַואךְ, אוּן גָארְנִישְׁט קֶען אִים נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן.

אָבֶּער אֲפִילוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין יָא אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן דִי אֱמוּנָה, אוּן עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ שְׁלָאף אִיז נָאךְ דָא אַ עֵצָה: **וַיִּקַּח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם וַיָּשֶׂם מְרַאֲשֹׁתָיו וַיִּשְׁכַּב בַּמָּקוֹם הַהוּא**, עֶר זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י"ח): **אַז דִי אוֹתִיּוֹת פוּן דַאוֶוענֶען וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן 'אֲבָנִים'** - שְׁטֵיינֶער, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (סֵפֶר יְצִירָה סוֹף פֶּרֶק ד). דָאס הֵייסְט, אַז מִיט יֶעדְן וָוארְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בּוֹיעֶט עֶר גַאנְצֶע בִּנְיָנִים, אוּן דָאס דָאפְּלְט זִיךְ אָן אַ שִׁיעוּר פוּן

יֶעדֶען אֵיינְצִיגְן וָוארְט; אוּן דָאס רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ. דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק: **וַיִּקַּח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם**, יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶענוּמֶען דִי וֶוערְטֶער פוּן תְּפִלָּה, **וַיָּשֶׂם מְרַאֲשֹׁתָיו**, דָאס הָאט עֶר גֶעלֵייגְט אַרוּם זַיין קָאפּ, **וַיִּשְׁכַּ"ב בַּמָּקוֹם הַהוּא**, אִיז אַ רֶמֶז 'וְיֵשׁ כ"ב' [=עֶס אִיז דָא צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג אוֹתִיּוֹת אִין דִי 'אַלֶף בֵּית'] וָואס דָאס הָאט עֶר גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶועְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ג.

רַשִׁ"י זָאגְט (שָׁם כח, יא): יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶענוּמֶען דִי שְׁטֵיינֶער אוּן זֵיי גֶעמַאכְט אַזוֹי וִוי אַ 'מַרְזֵב' - אַ רִינְג, אַרוּם זַיין קָאפּ, וַוייל עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן ווִילְדֶע חַיוֹת. אִיז שְׁוֶוער דִי חַיוֹת רָעוֹת ווִילְן דֶען נָאר אוֹיף עֶסְן דֶעם קָאפּ, אוּן נִישְׁט דֶעם גַאנְצְן קֶערְפֶּער?!

# אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן

נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רל"ג): וֶוען עֶס קוּמְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְש שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, אוּן עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ, אוּן עֶר בַּאזִיגְט זֵיי, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן דֶעם אַ מוֹרָא'דִיגֶע פַארְגֶענִיגְן, אוּן דֶער מֶענְטְש אִיז זֵייעֶר טֵייעֶר אוּן חָשׁוּב אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶנְס אוֹיגְן, גֶעט דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי צוּ פַארְשְׁטֵיין מִיט אַ מָשָׁל: אַמָאלִיגֶע צַייטְן פְלֶעגְט מֶען בְּרֶענְגֶען פַאר דִי קֶענִיגְן צְוֵויי גְרוֹיסֶע אָקְסְן זֵיי זָאלְן זִיךְ שְׁלָאגְן, אוּן מֶען פְלֶעגְט קוּקֶען וֶוער עֶס גֵייט גֶעוִוינֶען, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַנָאָה דָאס מִיטְצוּהַאלְטְן; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ: 'מַחְשָׁבוֹת רָעוֹת' - שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן 'חַיוֹת טְמֵאוֹת', - טָמֵא'נֶע חַיוֹת, אוּן 'מַחְשָׁבוֹת קְדוֹשׁוֹת' - הֵיילִיגֶע גֶעדַאנְקֶען, וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן 'חַיוֹת טְהוֹרוֹת', - טָהוֹרֶ'ע חַיוֹת; אוּן פוּן הִימְל פְּרוּבִּירְט מֶען אוֹיס אַ מֶענְטְש דוּרֶעךְ דֶעם וָואס מֶען שִׁיקְט אִים פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי

## אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן

מַחְשָׁבוֹת, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וִויל זֶעהְן וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן שְׁטַארְקְט זִיךְ צוּ גֶעוִוינֶען, אוּן עֶר טְרַאכְט נָאר גוּטֶע גֶעדַאנְקֶען. אוּן עֶר אִיז בַּיי זִיךְ שְׁטַארְק אַז עֶר וֶועט נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ עֶס קוּמֶען אַרַיין אִין אִים אַלֶע מִינֵי מַחְשָׁבוֹת אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְט, אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער דַארְף אִים שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן וְכוּ', דָאךְ אִיז עֶר זִיךְ מְחַזֵק מִיט גוּטֶע אוּן הֵיילִיגֶע גֶעדַאנְקֶען: מִיר וֶועט מֶען נִישְׁט אַוֶועק טְרַייבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט וֶועל אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּהְן, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער הַנָאָה פַארְן בַּאשֶׁעפֶער.

וֶועגְן דֶעם הָאט יַעֲקֹב אָבִינוּ אַרוּמְגֶעלֵייגְט דִי שְׁטֵיינֶער אַרוּם זַיין קָאפּ, אַז עֶר זָאל הָאבְּן גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, וָואס זֵיי וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן 'חַיוֹת רָעוֹת'.

## אַ מַתָּנָה פוּן רֶבּי'ן

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זי"ע: עֶר אִיז אַמָאל גֶעזִיצְן אִין זַיין צִימֶער אוּן גֶעזִינְגֶען מִיט אַ מוֹרָא'דִיגְן דְבֵיקוּת (תְּהִלִּים עג, כה): 'מִי לִי בַשָּׁמָיִם', וֶועמֶען הָאבּ אִיךְ אִין הִימְל, [וַוייל אוֹיף יֶעדְן צַדִיק אִיז דָא 'מְקַטְרֶגִים' אוֹיבְן אִין הִימְל אוֹיךְ,] אָבֶּער 'וְעִמְּךָ' אַז אִיךְ בִּין מִיט דִיר 'לֹא חָפַצְתִּי בָאָרֶץ', דַארְף אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קַיין 'אַרְצִיוּת', אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען: אִיךְ דַארְף נִישְׁט דַיין עוֹלָם הַבָּא, אִיךְ דַארְף נִישְׁט דַיין עוֹלָם הַזֶה, אִיךְ דַארְף נָאר דִיר אַלֵיין! אוּן אַז אַ אִיד אִיז בַּיי זִיךְ שְׁטַארְק, אַז עֶר דַארְף נִישְׁט גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין, דֶער אִיז דֶער קְלוּגְסְטֶער אוּן פַארְזִיכֶערְסְטֶע אִיד, אוּן עֶר לֶעבְּט אַ חַיִים טוֹבִים.

עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (פַּרְשַׁת בֹּא, מא ע"א): אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר פַארְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, אוּן אַלֶעס וָואס עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן, אַ

# אַ מַתָּנָה פון רֶבִּי'ן

שְׁלֶעכְטֶע קוּק, אָדֶער עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶערֶעגְט, דֶעמָאלְטְס וֶוען דֶער מְקַטְרֵג קוּמְט מְקַטְרֵג זַיין, זָאגְט אִים דֶער בַּאשֶׁעפֶער: "אִיךְ וֵוייס שׁוֹין אַלֶעס, עֶר הָאט מִיר שׁוֹין אַלֶעס אַלֵיין פַארְצֵיילְט", און דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם דִין אוֹיף זִיךְ; וֶועגְן דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיז עֶר בַּיי זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, וַוייל יֶעדֶע זַאךְ דֶערְצֵיילְט עֶר פַארְן בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן ל"ג): **עַל יְדֵי אֱמוּנָה יִסְלַח לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ**, דוּרְעךְ אֱמוּנָה וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת; וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה; וַוייל אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה הָאט מֶען אַלֶעס, און אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, הָאט מֶען גָארְנִישְׁט, און אֱמוּנָה אִיז תְּפִלָּה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז; ט).

## ד.

**וַיַּחֲלֹם וְהִנֵּה סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה** (בְּרֵאשִׁית כח, יב): **וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט** (בַּעַל הַטּוּרִים; וְעַיֵּין הַשְׁמָטוֹת הַזֹּהַר דַּף רס"ו ע"ב): **אַז 'סוּלָ"ם' בַּאטְרֶעפְט 'קוֹ"ל'**; דָאס הֵייסְט, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק מִיט זַיין קוֹל הַתְּפִלָּה, אוּן עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְטְס אֲפִילוּ 'מֻצָּב אַרְצָה', עֶר לִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין אַרְצִיּוּת; וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע צָרוֹת, אוּן חוֹבוֹת וְכוּ', אָבֶּער אוֹיבּ עֶר פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט, אוּן עֶר אִיז שְׁטַארְק אִין תְּפִלָּה, אוּן עֶר הַאלְט אִין אֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר גֶעט נִישְׁט אוֹיף, דֶעמָאלְטְס 'וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה', זַיין קָאפּ וֶועט אִים זַיין צוּגֶעבִּינְדְן צוּם הִימְל.

# אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי׳ן

דָאס אִיז דִי מַדְרֵיגָה פוּן דִי צַדִיקִים וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶע זַאךְ אִיז נָאר תְּפִלָּה, בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן זֵיי לָאזְן נִישְׁט נָאךְ, אוּן ״דִי מַתָּנָה הָאבְּן מִיר אַלֶע בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן״: רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי״ע הָאט גֶעהַאט אַן אֵיינִיקְל רֶבִּי מִיכְל, (אַ זוּן פוּן רֶבִּי יִצְחָק זַ״ל בֶּן מוֹהֲרְנַ״תְּ זי״ע), וָואס עֶר הָאט גֶע׳יַרְשֶׁ׳נְט דִי תְּמִימוּת פוּן רֶבִּי נָתָן זַ״ל, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט תְּהִלִּים אוּן גֶערֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אִיז דָאס גֶעוֶוען מִיט אַזַא זִיסְקֵייט, אוּן מִיט אַזַא דְבֵיקוּת, אַז וֶוער עֶס הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז גֶעוָוארְן פַארְגַאפְט, דֶער רֶבִּי מִיכְל זַ״ל הָאט גֶעהַאט אוֹיף זִיךְ מַחְלוֹקֶת, [אַזוֹי וִוי מֶען קְרִיגְט אוֹיף אַלֶע עֶהרְלִיכֶע אִידְן], אֵיינְמָאל הָאט מֶען אִים גֶעהֶערְט זָאגְן תְּהִלִּים, (קַאפִּיטְל לה) מִיט אַזַא מִין זִיסְקֵייט: ׳לְדָוִד, רִיבָה ה׳ אֶת יְרִיבַי׳, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם: קְרִיג זִיךְ מַיין קְרִיג! ׳לְחַם אֶת לֹחֲמָי׳, הַאלְט מִלְחָמָה מַיין מִלְחָמָה! ׳הַחֲזֵק

# אַ מַתָּנָה פון רֶבִּי'ן

מָגֵן וְצִנָּה, וְקוּמָה בְּעֶזְרָתִי' וְכוּ', נָאכְדֶעם הֵייבְּט עֶר אָן וֵויינֶען: 'אֱמֹר לְנַפְשִׁי יְשֻׁעָתֵךְ אָנִי', זָאג פַאר מִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן! און עֶר הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע וַוארֶעמֶע און הַארְצִיגֶע גֶעבֶּעט.

וַוייל דָאס אִיז דֶער 'שְׁלֵימוּת הַתְּפִלָּה'; אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט מִיט אַן אֱמֶת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶר בֶּעט זִיךְ ווִי אַ קִינְד צוּ זַיין טַאטְן, און לָאזְט נִישְׁט נָאךְ, און אַזוֹי ווִי אַ קִינְד קוּמְט צוּ זַיין טַאטְן און פְרֶעגְט אִים: טַאטִי הָאסְט מִיר לִיבּ?! און עֶר לָאזְט נִישְׁט אָפּ בִּיז דֶער טַאטֶע זָאגְט: יָא! אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ! אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ גֵיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער, און בֶּעטְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ מִיר לִיבּ! דָאס זָאגְט מֶען בַּיים דַאוֶונֶען (תְּפִלַּת עַרְבִית): 'וְאַהֲבָתְךָ אַל תָּסִיר מִמֶּנּוּ', רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! דַיין לִיבְּשַׁאפְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָפְּטוּעֶן פוּן מִיר.

## אַ מַתָּנָה פון רֶבִּי'ן

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן: רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת און פְּשִׁיטוּת (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קנד), און דִי זַאךְ וֶועט מָשִׁיחַ אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; דָאס זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ אִין תְּהִלִּים (תְּהִלִּים קט, ד): **וַאֲנִי תְפִלָּה**, דָאס הֵייסְט, דֶער גַאנְצֶער 'אֲנִי' אִיז נָאר אֵיין שְׁטִיק תְּפִלָּה, און עֶר לֶעבְּט נָאר מִיט תְּפִלָּה.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל 'מְסוֹרֶת הַשַּׁ"ס' [הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי יוֹסֵף שְׁמוּאֵל מִפְרַאנְקְפוּרְט זי"ע], וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן, און אַן גֶעטְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, הָאט גֶעהַאט אַ מְחוּתָּן [הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי שְׁמוּאֵל שָׁאטִין זי"ע], דֶער בַּעַל מְחַבֵּר פוּנֶעם סֵפֶר 'כּוֹס הַיְשׁוּעוֹת', וָואס אִיז בָּקִי גֶעוֶוען אִין אַלֶע זִיבְּן חָכְמוֹת. דֶער בַּעַל מְסוֹרֶת הַשַּׁ"ס הָאט גֶעהַאט אַ מַדְרֵיגָה, אַז וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער הָאט עֶר בַּאקוּמֶען; אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ זַיין מְחוּתָּן דֶער בַּעַל כּוֹס הַיְשׁוּעוֹת

# אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן

און עֶר הָאט אִים זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען דִי חָכְמָה פוּן אַסְטְרָאנָאמְיֶע, וַוייל עֶר לֶערְנְט מַסֶכֶת רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און עֶר קֶען נִישְׁט אַרוֹיס קְרִיכְן וִוי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט דִי גַאנְג פוּן דִי זוּן און דִי לְבָנָה און דִי שְׁטֶערְנְס וְכוּ', [וָואס דֶער חָכְמָה פֶּעלְט אוֹיס צוּ פַארְשְׁטֵיין דָארְט קְלָאר דִי גְמָרָא,] זָאגְט עֶר אִים: אִיךְ וֶועל אַייךְ אוֹיסְלֶערְנֶען דִי חָכְמָה, אָבֶער בִּתְנַאי אַז אִיר וֶועט מִיר אוֹיסְלֶערְנֶען אֵייעֶר חָכְמָה, פְרֶעגְט עֶר אִים: וָואסֶערֶע חָכְמָה הָאבּ אִיךְ? עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים: אַז וָואס אִיר בֶּעהְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער בַּאקוּמְט אִיר! זָאגְט עֶר אִים: דָאס אִיז אַ קְלָארֶע פָּסוּק (תְּהִלִּים קיא, י): רֵאשִׁית חָכְמָה יִרְאַת ה', אַז מֶען הָאט 'יִרְאַת הַשֵּׁם' מֶען הָאט אִינְזִינֶען נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, און מֶען צִיטֶערְט פוּן אִים, דָאס אִיז דִי חָכְמָה, און דֶעמָאלְטְס וֶוערְן נִתְקַבֵּל דִי תְּפִלּוֹת.

# אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן

עֶס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן צ"ח): דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע חֲסִידִים פְלֶעגְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין פַאר׳ן דַאוְוענֶען, כְּדֵי זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, וָואס דָאס אִיז דֶער שְׁלֵימוּת הַתְּפִלָּה. אוּן מֶען דַארְף פוּן דֶעם אַזוֹיפִיל רֶעדְן, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין דָאס אַרַיינְצוּנֶעמֶען אִין הַארְץ, אוּן שְׁפִּירְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן מ"ד): כְּדֵי מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אֱמוּנָה, דַארְף מֶען אַסַאךְ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים פט, ב): **אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי**, מֶען דַארְף אַרוֹיסְזָאגְן וֶוערְטֶער פוּן אֱמוּנָה מִיטְן מוֹיל, סֵיי פַאר זִיךְ, סֵיי אִין שְׁטוּב, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַאר אַנְדֶערֶע, אוּן אַזוֹי גֵייט אַרַיין דִי אֱמוּנָה אִינֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט נָאכְצוּזָאגְן אַ וָוארְט פוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת, וַוייל דָאס שַׁאדְט מוֹרָא׳דִיג שְׁטַארְק פַארְן מֶענְטְשׁ רַחְמָנָא לִצְלָן.

# אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן

## ה.

**וְהִנֵּה מַלְאֲכֵי אֱלֹקִים עֹלִים וְיֹרְדִים בּוֹ** (בְּרֵאשִׁית כח, יב): דָאס הֵייסְט אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה, אוּן עֶר לֶעבְּט מִיט תְּפִלָּה, קוּמְט עֶר צוּ דִי מַדְרֵגָה פוּן מַלְאָכִים, אוּן גָארְנִישְׁט קֶען אִים נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק צוּ עֶר גֵייט אַרוֹיף, צוּ עֶר גֵייט אַרָאפּ, שְׁטֶענְדִיג הַאלְט עֶר זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַּארְקֶערְט, עֶר אִיז נָאךְ הֶעכֶער פוּן אַ מַלְאָךְ, וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ 'עוֹמֵד', וַוייל עֶר הָאט נָאר אַ נְשָׁמָה אָן אַ גוּף, אוּן עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט קַיין נִסְיוֹנוֹת, אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז אַסַאךְ הֶעכֶער, וַוייל כָּאטְשִׁיג עֶר אִיז אוּנְטְן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז עֶר אוֹיבְן, אוּן אֲפִילוּ עֶר אִיז אוֹיבְן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז עֶר אוּנְטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ז; סח): דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּן אַ אִיד אִיז, אַז וֶוען מֶען אִיז אוֹיבְן, זָאל מֶען אוֹיךְ זַיין אוּנְטְן, אוּן וֶוען מֶען אִיז

# אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי׳ן

אוּנְטְן זָאל מֶען אוֹיךְ זַיין אוֹיבְן; דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער חִידוּשׁ.

עֶס הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַן אַלְטֶער בְּרֶסְלְבֶ׳ער חָסִיד, ווִי אַזוֹי עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג מַקְפִּיד גֶעוֶוען צוּ דַאוֶוענֶען מִנְחָה פַאר דִי ׳שְׁקִיעָה׳, [אִין בְּרֶסְלֶב פְּלֶעגְט מֶען אוֹיךְ מַקְפִּיד זַיין אוֹיף דֶעם], אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין וַוארְשָׁא, הָאט עֶר גֶעזוּכְט אַ מִנְיָן צוּ דַאוֶוענֶען מִנְחָה פַאר דִי שְׁקִיעָה, הָאט מֶען אִים צוּ גֶעווִיזְן אוֹיף דֶעם בְּרֶסְלְבֶ׳ער שְׁטִיבְּל, אִיז עֶר אַרַיין גֶעגַאנְגֶען, אוּן עֶס אִיז נָאךְ גֶעוֶוען פְּרִי, הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אוּן גֶעוַוארְט; זֶעהְט עֶר ווִי עֶס קוּמֶען אַרַיין צְוֵויי אִידְן אוּן זֶעצְן זִיךְ אַוֶועק, אוּן עֶר הֶערְט ווִי אֵיינֶער זָאגְט פַארְן צְוֵוייטְן: בְּרוּדֶער וָואס אִיז מִיט דִיר גֶעשֶׁעהְן?! בִּיזְט אַרָאפּ גֶעפַאלְן?! דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן דַארְף מֶען אוֹיפְשְׁטֵיין! אוּן עֶר כַאפְּט

# אַ מַתָּנָה פון רֶבִּי'ן

אִים אָן, און הֵייבְּט אָן צו טַאנְצְן מִיט אִים אַ נִיגון, אויף דִי וֶוערְטֶער: 'כִּי נָפַלְתִּי קָמְתִּי' (מִיכָה ז, ח), "אַז מֶען פַאלְט און מֶען פַּאלְט, הֵייבְּט מֶען זִיךְ אויף". דֶער בָּחוּר זִיצְט אִין דִי זַייט אִינְגַאנְצְן פַּארְגַאפְט, דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס עֶר הֶערְט אַזַאלֶעכֶע וֶוערְטֶער, דָאס הָאט אִים אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, אַז עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט, עֶר מוּז שׁוֹין דָא בְּלַייבְּן. צְווִישְׁן מִנְחָה - מַעֲרִיב, הָאט מֶען גֶערֶעדְט דָארְטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס דִיבּוּרִים, הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַזֶעלְכֶע הִתְחַזְקוּת, אַז עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר בְּלַייבְּט שׁוֹין דָא צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, און אַזוֹי אִיז עֶר מְקוּרָב גֶעוָוארְן.

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זי"ע, [אַ תַּלְמִיד פון הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זי"ע], אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען ווינְטֶער וֶוען עֶס גֶעוֶוען אַ שְׁנֵיי און אַייז, און עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגְלִיטְשְׁט און אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַ אַלְטֶע פְרוֹי און זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: 'דָאס אִיז וַוייל אִיר זֶענְט

# אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי׳ן

אַ בְּרֶסְלְבֶ׳ער׳! הָאט עֶר זִיךְ גְלַייךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: אִיר זֶעהְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ ׳אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן׳ וַוייל אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלְבֶ׳ער!

קוּמְט אוֹיס אַז דָאס אִיז דִי מַעֲלָה פוּן אַ אִיד אַז עֶר אִיז אַ ׳הוֹלֵךְ׳, עֶר הַאלְט אוּן אֵיין גֵיין, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען גֵייט פַאלְט מֶען, אָבֶּער דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְהֵייבְּן.

ו.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים (הָרַב הַקָדוֹשׁ מְרוּזִין זי״ע): אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כח, יב) **וְהִנֵה סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה, וְרֹאשׁוֹ מַגִיעַ הַשָּׁמָיְמָה.** סֻלָ״ם אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: **ס**ְ׳עוּדַת **לְ**׳וָיַת **מַ**׳לְכָּה, דָאס הֵייסְט דִי מִצְוָה פוּן ׳סְעוּדַת מְלַוֶה מַלְכָּה׳ אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אוּן דָאס אִיז ׳מוּצָּב אַרְצָה׳, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, אָבֶּער ׳וְרֹאשׁוֹ מַגִיעַ הַשָּׁמָיְמָה׳, אִין הִימְל אִיז דָאס זֵייעֶר

# אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי׳ן

חָשׁוּב. אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (בֵּית יוֹסֵף אוֹרַח חַיִּים, סִימָן ש, בְּשֵׁם שִׁבֳּלֵי הַלֶּקֶט; וְעַיֵּין אֵלִיָּהוּ רַבָּה בְּשֵׁם מַטֵּה מֹשֶׁה): אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ בֵּיין וָואס הֵייסְט ׳לוּז׳, וָואס דָאס שְׁפַּייזְט זִיךְ נָאר פוּן סְעוּדַת מְלַוֶּה מַלְכָּה, אוּן דֶער בֵּיין בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג, אוּן פוּן דֶעם וֶועט דֶער גַאנְצֶער קֶערְפֶּער אוֹיפְשְׁטֵיין תְּחִיַּית הַמֵּתִים.

אוּן מֶען זֶעהְט אַז דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם הָאט זֵייעֶר מוֹרָא אַז אִידְן זָאלְן זִיךְ צוּזַאם קוּמֶען מוֹצָאֵי שַׁבָּת צוּ סְעוּדַת מְלַוֶּה מַלְכָּה, וַוייל שַׁבָּת הָאט דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁלִיטָה, וַוייל שַׁבָּת אִיז אַלֶעס נָאר אֱלֹקוּת, אוּן אַלֶע קְלִיפּוֹת פַאלְן אַוֶועק, אוּן דִי נְשָׁמָה בְּלַייבְּט אַלֵיין מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ וָואס מֶען זָאגְט בַּיי קַבָּלַת שַׁבָּת (כְּגַוְונָא), אָבֶער מוֹצָאֵי שַׁבָּת, דֶעמָאלְטְס כַאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן עֶר צוּבְּרֶעכְט אִים, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט, אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן זַיין נָאמֶען ׳סְמָא״ל׳ אִיז: ס׳עוּדַת

# אַ מַתָּנָה פוּן רֶבּי'ן

מְ'לַוֶה מַ'לְכָּה אֵ'ין לַ'עֲשׂוֹת, דֶערְפַאר אַז אִידְן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם, אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט סִיפּוּרֵי צַדִיקִים אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אַ סִיוּם מַסֶכְתָּא, אִיז אוֹיךְ גָאר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ. אַזוֹי וִוי חַזַ"ל פַארְצֵיילְן (שַׁבָּת קיח ע"ב): אַבַּיֵי הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ זָאל בַּאקוּמֶען שְׂכַר, אוֹיף דֶעם וָואס וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן אַ יוּנְגֶער תַּלְמִיד עֶנְדִיגְן אַ מַסֶכְתָּא, הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט אַ יוֹם טוֹב. וַוייל מְסַיֵים זַיין אַ מַסֶכְתָּא אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן מִיט דֶעם הַרְגֶ'ט מֶען דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן זַיין נָאמֶען 'סְמָא"ל': סִ'יוּם מְ'סֶכְתָּא אֵ'ין לַ'עֲשׂוֹת. [בִּפְרַט אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּער צוּ חַזֶר'ן אֵיין מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, דָאס פַארְבְּרֶענְט דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם אִינְגַאנְצְן,] וֶועגְן דֶעם פַארְלֵייגְט עֶר זִיךְ אוֹיף דֶעם אַזוֹי שְׁטַארְק, אוּן עֶר וֶועט לָאזְן אַלֶעס טוּהְן, נָאר נִישְׁט

ענְדיגן קַיין מַסֶכְתָּא, וואוֹיל איז דֶעם וָואס איז זוֹכֶה שְׁטֶענְדיג צוּ חַזֶר'ן און כְּסֵדֶר מַאכְן אַ סִיוּם.

ז.

וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ וְכוּ', וְאָנֹכִי לֹא יָדָעְתִּי, (בְּרֵאשִׁית כח, טז): יַעֲקֹב הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט, און עֶר הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט: עֶס איז רִיכְטִיג אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער איז דָא, און 'אִיךְ' הָאב דָאס נִישְׁט גֶעוִויסְט?! וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אין זִיךְ 'אָנֹכִיוֹת' - אִיךְ, דֶעמָאלְטְס: 'לֹא יָדַעְתִּי' - שְׁפִּירְט עֶר נִישְׁט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נה): אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוּמֶען בַּיים דַאוֶונֶען צוּ אַזַא 'דַרְגָה', אַז עֶר זָאל זִיךְ אַלֵיינְס אוֹיךְ נִישְׁט זֶעהְן, נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער; דָאס זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א): אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיפְן 'שֵׂכֶל' פוּן יֶעדֶע זַאךְ; דָאס הֵייסְט עֶר זָאל נָאר זֶעהְן דֶעם

# אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן

בַּאשֶׁעפֶּער, וָואס דָאס אִיז דֶער 'חַיוּת אֱלֹקוּת' פוּן יֶעדֶע זַאךְ. אָבֶּער צוּקוּמֶען צוּ דֶעם קֶען מֶען נָאר דוּרֶעךְ "דִי מַתָּנָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן": רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶּער. וָואס דָאס אִיז דִי 'שֵׂכֶ"ל' וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוּמֶען צוּ דֶעם, וָואס דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: 'שִׁ'פְכִי כַ'מַּיִם לִ'בֵּךְ' (אֵיכָה ב, יט). אַז עֶר זָאל רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶּער.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זי"ע זָאגְט (לִקּוּטֵי אֲמָרִים פֶּרֶק מד): עֶס אִיז בֶּעסֶער אַ מֶענְטְשׁ זָאל אַרוּם גֵיין מִיטְן דִמְיוֹן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז דָא, אוּן אַז מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ; וִוי אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל אַרוּם גֵיין רַחְמָנָא לִצְלָן מִיט אַלֶע אַנְדֶערֶע נַארִישֶׁע דִמְיוֹנוֹת. וַוייל יֶעדֶע סְקוּנְדֶע וָואס אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט עֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים וָואס דָאס הֵייסְט 'דְבֵיקוּת', פוּן דִי לָשׁוֹן 'דֶבֶק' - קְלֶעבּ, דָאס הֵייסְט אוֹיבּ אֵיינֶער נֶעמְט צְוֵויי פַּאפִּירְן, אוּן עֶר קְלֶעבְּט עֶס צוּזַאם מִיט שְׁטַארְקֶע קְלֶעבֶּעכְטְץ, קֶען עֶר דָאס שׁוֹין מֶער נִישְׁט אָפְּטֵיילְן, נָאר

# אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי׳ן

עֶס רַייסְט זִיךְ מִיט אַ שְׁטִיקְל פוּן דָא, אָדֶער פוּן דָא, אַזוֹי דַארְף אַ אִיד זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אֲפִילוּ אַז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן בְּלַייבְּט עֶר שְׁטַארְק מִיט זַיין אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, אַז פוּן בַּאשֶׁעפֶער קֶען אִים קֵיינֶער נִישְׁט אָפְּרַייסְן, אוּן אֲפִילוּ עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן וֵוייסְט עֶר אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מִיט אִים אוּן עֶר וֶועט זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְהֵייבְן.

אוּנְזֶערֶע לַייט פְלֶעגְן זָאגְן אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים כד, ג): מִי יַעֲלֶה בְהַר ה׳, וֶוער קֶען אַרוֹיפְגֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ, וַוייל יֶעדֶער אִיד בְּרֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וִויל נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר וֶוערְט נִתְעוֹרֵר, אָבֶּער: וּמִי יָקוּם בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ, וֶוער קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן; דָאס אִיז שׁוֹין דָא וֵוייניג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי״ע (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תרוּמוֹת וּמַעַשְׂרוֹת, הֲלָכָה ג): אִיז מַסְבִּיר, אַז דִי סִבָּה פַארְוָואס

## אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן

מֶענְטְשְׁן כַאפְּן נִישְׁט אַרַיין יֶעדְן טָאג כָאטְשׁ וִויפִּיל מֶען קֶען יָא, און מֶען פַאלְט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, אִיז וֶועגְן 'רִיבּוּי אוֹר'; דָאס הֵייסְט עֶר וִויל גְלַייךְ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, דֶערְפַאר טוּט עֶר גָארְנִישְׁט, אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועט עֶר זֶעהְן אַז עֶר כַאפְּט אַרַיין צוּבִּיסְלֶעךְ נָאךְ אַבִּיסְל און נָאךְ אַבִּיסְל; סֵיי חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם יֶעדְן טָאג, און אַזוֹי אוֹיךְ צְוֵויי דְרֵיי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, און אַזוֹי אוֹיךְ גְמָרָא און שֻׁלְחָן עָרוּךְ, יֶעדֶער לוֹיט וִויפִּיל עֶר קֶען, און צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועט עֶר זֶעהְן אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט, און דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה הִיט אָפּ און עֶס רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, און דָאס אִיז דִי חַיוֹת פַאר אַ מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען אַז דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ רֶעדְט אִין יֶעדֶע פַּרְשָׁה דָאס גְרוֹיסְקֵייט און דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. וַוייל לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ. און אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אַלֶע מִצְוֹות דַארְף מֶען וִויסְן וִוי מוֹרָא'דִיג

## אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן

חָשׁוּב עֶס אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶעס בִּיסְל, מְמֵילָא וֶועט מֶען אַרַיינְכַאפְּן זֵייעֶר אַסַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן מֶען זָאל נִישְׁט אַרָאפּ פַּאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן מֶען זָאל זַיין שְׁטַארְק אִין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דוּרֶעכְדֶעם וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל ׳מְסוֹרֶת הַשַּׁ״ס׳ [הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי יוֹסֵף שְׁמוּאֵל מִפְּרַאנְקְפוּרְט זי״ע], וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן, אוּן אַן גֶעטְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, הָאט גֶעהַאט אַ מְחוּתָּן [הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי שְׁמוּאֵל שָׁאטִין זי״ע], דֶער בַּעַל מְחַבֵּר פוּנֶעם סֵפֶר ׳כּוֹס הַיְשׁוּעוֹת׳, וָואס אִיז בָּקִי גֶעוֶוען אִין אַלֶע זִיבְּן חָכְמוֹת. דֶער בַּעַל מְסוֹרֶת הַשַּׁ״ס הָאט גֶעהַאט אַ מַדְרֵיגָה, אַז וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער הָאט עֶר בַּאקוּמֶען; אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ זַיין מְחוּתָּן דֶער בַּעַל כּוֹס הַיְשׁוּעוֹת אוּן עֶר הָאט אִים זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען דִי חָכְמָה פוּן אַסְטְרָאנָאמְיֶע, וַוייל עֶר לֶערְנְט מַסֶּכֶת רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט אַרוֹיס קְרִיכְן וִוי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט דִי גַאנְג פוּן דִי זוּן אוּן דִי לְבָנָה אוּן דִי שְׁטֶערְנְס וְכוּ׳, [וָואס דֶער חָכְמָה פֶעלְט אוֹיס צוּ פַארְשְׁטֵיין דָארְט קְלָאר דִי גְמָרָא], זָאגְט עֶר אִים: אִיךְ וֶועל אַייךְ אוֹיסְלֶערְנֶען דִי חָכְמָה, אָבֶער בִּתְנַאי אַז אִיר וֶועט מִיר אוֹיסְלֶערְנֶען אֵייעֶר חָכְמָה, פְרֶעגְט עֶר אִים: וָואסֶערֶע חָכְמָה הָאבּ אִיךְ? עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים: אַז וָואס אִיר בֶּעהְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער בַּאקוּמְט אִיר! זָאגְט עֶר אִים: דָאס אִיז אַ קְלָארֶע פָּסוּק (תְּהִלִּים קיא, י): **רֵאשִׁית חָכְמָה יִרְאַת ה׳**, אַז מֶען הָאט ׳**יִרְאַת הַשֵּׁם**׳ מֶען הָאט אִינְזִינֶען נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן מֶען צִיטֶערְט פוּן אִים, דָאס אִיז דִי חָכְמָה, אוּן דֶעמָאלְטְס וֶוערְן נִתְקַבֵּל דִי תְּפִלּוֹת.

(קוּנְטְרֵס: אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי״ן)

בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# אַ גוּטֶע וָואךְ

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַּׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֶמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת וְויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם

### מְלַוֶּה מַלְכָּה מוֹצָאֵי שַׁבָּת פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא תשע"ג עִם סְעוּדַת שֶׁבַע בְּרָכוֹת

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָּארְכְטִיגֶער רֶבִּי, דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנדֶערְלִיכֶע לִיכְט, וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

### רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

דֶער עִיקָר אִיז שְׁטֶענְדִיג קוּקְן וָואס הָאבּ אִיךְ אִין דֶער הַאנְט, בִּין אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג כְּדֵי בִּיז פְרַייטָאג זָאל אִיךְ הָאבְּן דוּרְכְגֶעלֶערְנְט דִי סֶדְרָה פוּן דִי וָואךְ שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם מִיט רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ? צִי חַזֶר אִיךְ יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת - וָואס דָאס אִיז מַיין פַארְמֶעגְן אוּן דָאס וֶועט מִיךְ בַּאגְלֵייטְן? צִי חַזֶר אִיךְ דַפִּים גְמָרָא וָואס דָאס וֶועט מִיךְ אָפְּהִיטְן? דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי יוֹסִי בֶּן קִיסְמָא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ו) אֵין מְלַוִין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָלִיוֹת, אֶלָא תּוֹרָה וּמִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבַד; וָואס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ? נָאר וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיסְצוּכַאפְּן יֶעדְן טָאג מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא, וְכוּ', דָאס בְּלַייבְּט דֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ, דִי אַלֶע שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים לָאזְט מֶען אִיבֶּער דָא, אַז וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, אוּן פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן וָואס עֶר הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט בַּאֲרִיכוּת אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן עו), אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "רַחֲמֵי הָאַב" אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט אַ פָּשׁוּטֶער שׁוּסְטֶער וָואס עֶר פְלֶעגְט דוּרְכְזָאגְן שַׁ"ס, פָּשׁוּט זָאגְן, הָאט אִים גֶעלָאכְטְן דִי פָּנִים וִוי אַ מַלְאָךְ אֱלֹקִים.

**(אשר בנחל באידיש חלק א' מכתב נ"ח)**

# אַ גוּטֶע וָואךְ:

## א.

עֶס וֶוערְט גֶע׳פַּסְקֶ׳נְט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן ש): **לְעוֹלָם יְסַדֵּר אָדָם שׁוּלְחָנוֹ בְּמוֹצָאֵי שַׁבָּת, כְּדֵי לְלַוֹּת אֶת הַשַּׁבָּת, אֲפִילוּ אֵינוֹ צָרִיךְ אֶלָּא לִכְזַיִת, אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג אָנְגְרֵייטְן אַ סְעוּדָה מוֹצָאֵי שַׁבָּת, כְּדֵי צוּ בַּאגְלֵייטְן דֶעם שַׁבָּת, אֲפִילוּ עֶר קֶען נִישְׁט עֶסְן מֶער וִוי אַ כְּזַיִת.** עֶס אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: אִיר מֶעגְט קְנֵייטְשְׁן מַיין סֵפֶר וִוי אַזוֹי אִיר ווילְט,

## אַ גוּטֶע וָואך

אָבֶער פוּן אַ סְעִיף קָטָן אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ זָאלְט אִיר נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶועןְ מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן זִיךְ פִירְן עַל פִּי שׁוּלְחָן עָרוּךְ (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן כט). דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעכַאפְּט אַ סְעִיף קָטָן, כָּל שֶׁכֵּן אַ גַאנְצֶע סִימָן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מֶען דַארְף דָאס מְקַיֵּים זַיין אוּן עֶסְן יֶעדֶע וָואךְ מְלַוֶה מַלְכָּה.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דִי רֶמֶז פוּן צַדִיקִים אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כח, יב): וְהִנֵּה סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה; אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף מְלַוֶה מַלְכָּה, אוּן דָאס וָוארְט סֻלָּ״ם אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: סְ׳עוּדַת לְ׳וָיַת מַ׳לְכָּה, וָואס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אָבֶער מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן דָאס גְרִינְג. אוֹיךְ אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת דִי נָאמֶען פוּן סְמָא״ל: סְ׳עוּדַת מְ׳לַוֶה מַ׳לְכָּה אֵ׳ין לַ׳עֲשׂוֹת. אוּן מֶען זֶעהְט טַאקֶע אַז דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף

דֶעם, און עֶר וֶועט אַלֶעס צוּלָאזְן, נָאר מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין **סְעוּדַת מְלַוֶּה מַלְכָּה.**

וָואס אִיז אֵייגְנְטְלִיךְ אַזוֹי גְרוֹיס דִי סְעוּדָה פוּן מְלַוֶּה מַלְכָּה? נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ב): **שַׁבָּת** אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה; **וַוייל שַׁבָּת** אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם אַרְבֶּעט, און מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּהְן, נָאר מֶען דַארְף רוּהְעֶן, און זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ שַׁבָּת, און דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און אִים גֶעבְּן אַ תּוֹדָה וְהוֹדָאָה אַז בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר זֶענֶען אִידְן און מִיר הִיטְן דֶעם שַׁבָּת. חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קיח ע"א): **כָּל הַמְּעַנֵּג אֶת הַשַּׁבָּת נוֹתְנִין לוֹ נַחֲלָה בְּלִי מְצָרִים**, וֶוער עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ און מַאכְט אַן עוֹנֶג שַׁבָּת, אִיז זוֹכֶה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע עֶנְגְשַׁאפְטְן, און שְׁפִּירְן **עֶצֶם אֱלֹקוּת.** אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נז): **דָאס עֶסְן פוּן שַׁבָּת** אִיז אֵיין שְׁטִיק הֵיילִיגְקַייט, אֵיין שְׁטִיק בַּאשֶׁעפֶער. דֶער מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא זָאגְט (בְּרֵאשִׁית סִימָן ג): **כְּבוֹד שַׁבָּת**

# אַ גוּטֶע וָואךְ

עָדִיף מֵאֶלֶף תַּעֲנִיּוֹת, אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד דֶעם שַׁבָּת אוּן מֶען הָאט הַנָאָה אִינֶעם שַׁבָּת, אִיז אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט גֶעפַאסְט טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים. אוּן דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת אִיז קֶעגְן **אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב** (זוֹהַר הַקָדוֹשׁ יִתְרוֹ פח ע״ב). אוּן דִי שִׂמְחָה דַארְף מֶען מִיטְנֶעמֶען אוֹיף אַ גַאנְצֶע וָואךְ, אָבֶער וִוי נָאר מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּנֶעם שַׁבָּת אוּן מֶען מַאכְט הַבְדָלָה, וֶוערְט מֶען שׁוֹין פַארְנוּמֶען צוּ לוֹיפְן עוֹסֵק זַיין מִיט וָואכֶעדִיגֶע זַאכְן, פַאלְט מֶען שׁוֹין אַרַיין אִין אַ צוּבְּרָאכְנְקֵייט אוּן מֶען הָאט שׁוֹין דַאֲגוֹת צוּ עֶרְלֶעדִיגְן אוּן סֶעטְלֶען אַלֶע זַאכְן, וִוי פַּרְנָסָה וְכוּ׳, דֶערְפַאר כְּדֵי מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין דִי שִׂמְחָה פוּן שַׁבָּת, אַז אַ גַאנְצֶע וָואךְ זָאל מֶען אוֹיךְ זַיין אַזוֹי פְּרֵיילֶעךְ וִוי שַׁבָּת אוּן מִיטְנֶעמֶען דִי שִׂמְחָה פוּן שַׁבָּת אוֹיף אַ גַאנְצֶע וָואךְ, מַאכְט מֶען אַ סְעוּדַת מְלַוֶה מַלְכָּה וָואס מִיט דֶעם בִּינְדְט מֶען צוּ דֶעם שַׁבָּת צוּ אַ גַאנְצֶע וָואךְ.

# אַ גוּטֶע וָואךְ

## ב.

וֶועגְן דֶעם אִיז אוֹיךְ דִי סְעוּדָה פוּן מְלַוֶּה מַלְכָּה קֶעגְן דָוִד הַמֶּלֶךְ (פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר הַשַּׁבָּת, סוֹף פֶּרֶק כד), כְּדֵי מִיר זָאלְן זִיךְ אָפְּלֶעזְנֶען פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ וְוִי אַזוֹי זִיךְ צוּ מְחַזֵּק זַיין נָאכְדֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת גֵייט אַרוֹיס, וַוייל דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז גֶעוֶוען אַ סִימְבָּאל פוּן לַיידְן אוּן מִיטְמַאכְן רַחְמָנָא לִצְלָן (מֶדְרָשׁ תְּהִלִּים צ, טו). אוּן פוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, הָאבְּן אִים דִי בְּרוּדֶערְס פַארְטְרִיבְּן מִיט דִי טַעֲנָה (תְּהִלִּים סט, ט; יַלְקוּט הַמַּכִּירִי תְּהִלִּים קיח, כח): דוּ בִּיזְט נִישְׁט אוּנְזֶער בְּרוּדֶער! [שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר דִי צַעַר דֶערְפוּן], אוּן אַזוֹי אִיז אִים דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען זַיין גַאנְצֶער יוּגְנְט, אָבֶּער דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין וַואלְד אוּן גֶעזִינְגֶען שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעפַּאשֶׁעט דִי שָׁאף פוּן זַיין טַאטְן יִשַׁי (זוֹהַר חָדָשׁ שִׁיר הַשִּׁירִים, סז ע״ב), אוּן דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן דֶעם סֵפֶר

# אַ גוטֶע וָואך

תְּהִילִים, וָואס יֶעדֶע פָּסוּק עֶקְסְטֶער פוּן יֶעדְן קַאפִּיטְל, אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אַ עֶקְסְטֶערֶע גֶעזַאנְג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס פוּן דֶעם הָאט עֶר גֶעמַאכְט בְּמֶשֶׁך זַיין גַאנְצְן לֶעבְּן דֶעם סֵפֶר תְּהִלִים, וַוייל פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ גֶעזַאנְג אוּן אַ גֶעבֶּעט פַארְן בַּאשֶׁעפֶער (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ק; שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן סח).

אֵיינְמָאל הֶערְט עֶר אַז עֶס רַעשְׁ'ט זִיךְ (שְׁמוּאֵל-א קַאפִּיטְל יז), אוּן עֶר זֶעהְט אַז עֶפֶּעס עֶרְנְסְט קוּמְט פָּאר, אַלֶע אִידְן שְׁטֵייעֶן אִין קִיפְּקֶעס אוּן רֶעדְן, הָאט עֶר פְּרוּבִּירְט גֶעוָואר צוּ וֶוערְן וָואס עֶס גֵייט פָּאר, הָאט מֶען אִים דֶערְצֵיילְט: עֶס אִיז דָא דָא אֵיינֶער גָלְיַת אַ פְּלִשְׁתִּי, וָואס זָאגְט: אוֹיב בִּיז פֶערְצִיג טֶעג וֶועט נִישְׁט קוּמֶען אֵיינֶער מִלְחָמָה הַאלְטְן קֶעגְן אִים, וֶועט עֶר חַס וְשָׁלוֹם פַארְטִילִיגְן דִי אִידְן. אוּן עֶר קוּמְט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אוּן בַּיינַאכְט זִיךְ רֵייצְן מִיט דִי אִידְן אוּן זֵיי וָוארֶענֶען אוֹיף דֶעם וְכוּ' [רַשִׁ"י זָאגְט (שָׁם טז): עֶר אִיז דַוְוקָא גֶעקוּמֶען צוּפְרִי אוּן בַּיינַאכְט

# אַ גוטע וואָך

כְּדֵי צוּ שְׁטֶערְן דִי אִידְן אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט זָאגְן קַיין קְרִיאַת שְׁמַע], דָוִד הַמֶלֶךְ אַלְץ יוּנְגֶער בָּחוּר אִינְטֶערֶעסִירְט זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּיי דֶעם אוּן יֶענֶעם, צוּ הֶערְן וָואס עֶס קוּמְט פָאר, בִּיז דֶערְוַוייל הָאבְּן אִים זַיינֶע בְּרוּדֶערְס פָּארְגֶעהַאלְטְן: אוֹיף וֶועמֶענְס אַחֲרָיוּת הָאסְטוּ אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי שָׁאף? גֵיי דִיר שְׁנֶעל צוּרִיק צוּ דִי שָׁאף, פַאר אֵיינֶער וֶועט נָאךְ דִי שָׁאף אוֹיךְ צוּנֶעמֶען. זָאגְט דָוִד הַמֶלֶךְ: וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּרִיק גֵיין צוּ דִי שָׁאף, בִּשְׁעַת אִידְן רֶעדְן מִיט אַזַא פַּחַד אוּן שְׁרֶעק פוּן דֶעם גָלְיַת?! אוּן עֶר הָאט זִיךְ וַוייטֶער נָאכְגֶעפְרֶעגְט וִוי עֶס הַאלְט דִי מַצָב, הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַז שָׁאוּל הַמֶלֶךְ הָאט צוּגֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס וֶועט כַאפְּן דֶעם פְּלִשְׁתִּי גָלְיַת, וֶועט עֶר אִים גֶעבְּן זַיין טָאכְטֶער פַאר אַ וַוייבּ. רוּפְט זִיךְ דָוִד הַמֶלֶךְ אָן אוּן זָאגְט: אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין מוֹרָא! פִירְט מִיר צוּ שָׁאוּל הַמֶלֶךְ, הָאט מֶען אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ שָׁאוּל הַמֶלֶךְ, אוּן דָוִד הֵייבְּט אִים אָן צוּ זָאגְן: קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אוּן זַיין דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם גָלְיַת, אִיךְ וֶועל מִיךְ

## אַ גוטֶע וָואךְ

אַיינְשְׁטֶעלְן און אִים עֶרְלֶעדִיגְן. הָאט אִים שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ גֶעזָאגְט: דוּ בִּיזְט דָאךְ אַ יוּנְגֶער בָּחוּר, און עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער רִיז, און אַ גֶעלֶערְנְטֶער אִין מִלְחָמָה, [חַזַ"ל זָאגְן (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי שְׁמוּאֵל-ב, רֶמֶז קסה): עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מְשׁוּנָּה קֶרֶן, עֶר הָאט גֶעהַאט אוֹיף דִי הֶענְט און אוֹיף דִי פִּיס זֶעקְס פִינְגֶערְס.]

זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ: דָאךְ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן אִים, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ לֵייבּ און מִיט אַ בֶּער וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אַוֶועק שְׁלֶעפְּן אַ שֶׁעפֶּעלֶע פוּן מַיין סְטַאדֶע, און אִיךְ הָאבּ זֵיי צוּרִיסְן און גֶע'הַרְגֶ'עט, הָאבּ אִיךְ פוּן אִים אוֹיךְ נִישְׁט מוֹרָא. הָאט אִים שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ אָנְגֶעטוּהְן מִיט גֶעפַּאנְצֶערְטֶע קְלֵיידֶער, אָבֶּער דָוִד רוּפְט זִיךְ אָן: עֶס אִיז מִיר נִישְׁט בַּאקְוֶועם דִי קְלֵיידֶער, אִיךְ קֶען אָן דֶעם אוֹיךְ. אַלֶע אִידְן צִיטֶערְן: אַ בָּחוּר אִיז גֶעקוּמֶען, און עֶר זָאגְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן דֶעם גָלְיַת, וָואס גֵייט דָא זַיין?!

# אַ גוטֶע וָואךְ

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ד): גָּלְיַת אִיז גֶעוֶוען דֶער 'מֵצַח הַנָּחָשׁ', עֶר הָאט גֶעוָואלְט וַוייזְן אַז יֶעדֶע זַאךְ אִיז טֶבַע, מִקְרֶה, מַזָל; דָאס הֵייסְט, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל טְרַאכְטְן: דָאס אִיז מַיין טֶבַע, מַיין מַזָל, פֶּערְצוּפַאל אִיז אַזוֹי גֶעשֶׁעהְן. דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אוֹיסְרַייסְן מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן קְרִיאַת שְׁמַע, שְׁמַע יִשְׂרָאֵל הֲוָיָ"ה אֱלֹקֵינוּ הֲוָיָ"ה אֶחָד, וָואס מִיט דֶעם אִיז מֶען מְגַלֶּה אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט נָאר דוּרְכְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר דָאס גֶעוָואלְט צוּשְׁטֶערְן, זֵיי זָאלְן נִישְׁט זָאגְן קְרִיאַת שְׁמַע. אָבֶּער דָוִד הַמֶּלֶךְ וָואס עֶר אִיז אַלֶע יָארְן אָפְּגֶעזִיצְן אִין פֶעלְד, אוּן גֶעזִינְגֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת, עֶר וֵוייסְט אַז יֶעדֶע זַאךְ אִיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים סַיי גוּטְס סַיי שְׁלֶעכְטְס, אַלֶעס אִיז פוּן בַּאשֶׁעפֶער דֶערְפַאר הָאט עֶר גָארְנִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט.

# אַ גוּטֶע וָואךְ

גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל שְׁטֵייט פוּן אֵיין זַייט אוּן מֶען קוּקְט זִיךְ צוּ, דָוִד הַמֶּלֶךְ נֶעמְט אַ טֶעשְׁקֶעלֶע אוּן עֶר לֵייגְט אַרַיין דָארְט פִינֶעף שְׁטֵיינְדֶעלֶעךְ מִיט אַ שִׁיסֶער [סְלִינְג שַׁאט], אוּן עֶר נֶעמְט זַיין שְׁטֶעקְן אוּן פַאנְגְט אָן אַרוֹיפְצוּגֵיין אוֹיפְן בַּארְג קֶעגְן גָלְיַת, גָלְיַת הֵייבְּט אָן אַרָאפּ צוּקוּמֶען אָנְגֶעפַּאנְצֶערְט מִיט אַלֶע קְלֵיידֶער, מִיט זַיין שְׁוֶוערְד וְכוּ׳, אוּן עֶר זֶעהְט וִוי דָוִד קוּמְט מִיט זַיין שְׁטֶעקְן, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: אִיךְ בִּין עֶפֶּעס אַ הוּנְט, אַז דוּ קוּמְסְט מִיר אַנְטְקֶעגְן מִיט אַ טַאשְׁקֶע אוּן שְׁטֶעקֶענֶעס?! זָאגְט אִים דָוִד: אַוַודַאי בִּיזְטוּ נִישְׁט מֶער וִוי אַ הוּנְט! אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִיר! הֵייבְּט עֶר אָן אַרָאפּ צוּ גֵיין אוּן עֶר קוּמְט שׁוֹין צוּ נָאנְט, נֶעמְט דָוִד הַמֶּלֶךְ אַרוֹיס אֵיין שְׁטֵיינְדֶעלֶע פוּן דֶעם טֶעשְׁקֶעלֶע, אוּן לֵייגְט דָאס אַרַיין אִין דֶעם סְלִינְג שַׁאט אוּן שִׁיסְט דָאס אִים אִין שְׁטֶערְן אַרַיין, גָלְיַת פַאלְט אַרָאפּ אוֹיפְן פָּנִים, גֵייט דָוִד הַמֶּלֶךְ גְלַייךְ צוּ אוּן נֶעמְט אַרוֹיס גָלְיַת׳נְס שְׁוֶוערְד, אוּן שְׁנַיידְט אִים אָפּ זַיין קָאפּ, אוּן טְרָאגְט זַיין קָאפּ אוֹיפְן

# אַ גוּטֶע וָואך

**שְׁפִּיז אוּן וַוייזְט פַאר יֶעדְן דִי מַפָּלָה, אַזוֹי זֶענֶען אַלֶע פְּלִשְׁתִּים אַנְטְלָאפְן, אוּן אָפְּגֶעלָאזְט דִי אִידְן, כֵּן יֹאבְדוּ כָּל אוֹיְבֶיךָ ה׳.**

דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט מִיט דֶעם גֶעוִויזְן אַ וֶועג אַז וֶוען מֶען אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה דַארְף מֶען נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פַאר גָארְנִישְׁט, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין גַאנְצֶער כֹּחַ: עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (עֵקֶב דַף רעב ע״א): דִי פִּינֶעף שְׁטֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען קֶעגְן דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים ו, ד): שְׁמַע יִשְׂרָאֵל הֲוָיָ״ה אֱלֹקֵינוּ הֲוָיָ״ה אֶחָד, וָואס מֶען זָאגְט בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע. אֵיין שְׁטֵיין קֶעגְן: שְׁמַע יִשְׂרָאֵל: אוּן דִי אַנְדֶערֶע פִיר שְׁטֵיינֶער קֶעגְן: הֲוָיָ״ה, אֱלֹקֵינוּ, הֲוָיָ״ה, אֶחָד. דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי פִּינֶעף שְׁטֵיינֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אִין זַיין זֶעקְל. דִי מְקוּבָּלִים זָאגְן אַז מִיט דֶעם שְׁטֵיין וָואס אִיז גֶעוֶוען קֶעגְן ׳אֶחָד׳ הָאט אִים דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעגֶעבְּן אַ זֶעץ אִין קָאפּ, אָבֶער אֵיינֶער זָאגְט: מִיט דֶעם שְׁטֵיין וָואס אִיז גֶעוֶוען קֶעגְן

# אַ גוטֶע וָואך

׳שְׁמַע יִשְֹרָאֵל׳ - הֶערְט אוֹיס אַלֶע אִידְן, הָאט עֶר אַרָאפּ גֶעהַאקְט גָלְיַת; וַוייל אַז מֶען נֶעמְט זִיך צוּזַאם בְּאַחְדוּת, מֶען הֶערְט צוּזַאמֶען אוּן מֶען רֶעדְט צוּזַאמֶען, הָאט דָאס דֶעם גְרֶעסְטְן כֹּחַ.

נָאכְדֶעם וָואס דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט בַּאזִיגְט גָלְיַת, הָאט עֶר דָאךְ גֶעדַארְפְט בַּאקוּמֶען דִי טָאכְטֶער פוּן שָׁאוּל הַמֶלֶךְ אַזוֹי וִוי עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אוּן גֶעשְׁוואוֹירְן: וֶוער עֶס וֶועט אָפּשְׁנַיידְן דֶעם קָאפּ פוּן גָלְיַת וֶועט עֶר אִים גֶעבְּן זַיין טָאכְטֶער פַאר אַ וַוייבּ. [כָאטְשִׁיג דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט דָאס נִישְׁט גֶעטוּעְן פַאר אַ שִׁידוּךְ, נָאר כְּדֵי צוּ וַוייזְן אַז מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער], בִּיז דֶערְוַוייל זָאגְט אִים שָׁאוּל הַמֶלֶךְ: אַז דוּ וֶועסְט מִיר בְּרֶענְגֶען נָאךְ הוּנְדֶערְט עָרְלוֹת (עֲרֵלִים) פוּן פְּלִשְׁתִּים, וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען מַיין טָאכְטֶער. הָאט עֶר גֶעבְּרֶענְגְט צְוֵויי הוּנְדֶערְט עָרְלוֹת (עֲרֵלִים), עֶנְדְלִיךְ הָאט עֶר חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט מִיכַל דִי טָאכְטֶער פוּן שָׁאוּל הַמֶלֶךְ, וָואס זִי אִיז

# אַ גוטֶע וָואךְ

גֶעוֶועְן זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (עֵירוּבִין צו ע"א): זִי הָאט גֶעלֵייגְט תְּפִילִין. און עֶס זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען טוֹיזְנְטֶער טוֹיזְנְטֶער מֵיידְלֶעךְ און גֶעזִינְגֶען און גֶעטַאנְצְן (שָׁם יח, ז): **הִכָּה שָׁאוּל בַּאֲלָפָיו** - שָׁאוּל הָאט גֶע'הַרְגֶ'עט טוֹיזְנְטֶער, **וְדָוִד בְּרִבְבוֹתָיו** - און דָוִד צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער. וֶועגְן דֶעם אִיז אַרַיין אִין שָׁאוּל הַמֶלֶךְ אַ מוֹרָא'דִיגֶע קִנְאָה, אַז דָאס הָאט אִים נָאכְדֶעם גֶעבְּרֶענְגְט צו אַזַא שִׂנְאָה אַז עֶר הָאט צוגֶערֶעדְט מִיכַל זָאל זִיךְ אָפְּלָאזְן פון אִים, און עֶר הָאט צוזַאמְגֶענוּמֶען אַ גַאנְצֶע אַרְמֵיי צו כַאפְּן דָוִד כְּדֵי אִים צו הַרְגֶ'ענֶען, און דָוִד הָאט גֶעדַארְפְט לוֹיפְן פון אֵיין פְּלַאץ צום אַנְדֶערְן.

אָבֶער דָוִד הַמֶלֶךְ אִיז שְׁטֶענְדִיג אַנְטְלָאפְן צום בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן אִין תְּהִלִים (קַאפִּיטְל נט): **בִּשְׁלֹחַ שָׁאוּל וַיִּשְׁמְרוּ אֶת הַבַּיִת לַהֲמִיתוֹ**, דִי סָאלְדַאטְן הָאבְּן עֶנְדְלִיךְ גֶעכַאפְּט דִי הוֹיז וואו דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען, הָאבְּן זֵיי בַּאלַאגֶערְט דָאס הוֹיז און פַארְמַאכְט דִי

## אַ גוטֶע וָואךְ

טוֹיעֶרְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט, דָאךְ הָאט זִיךְ דָוִד הַמֶלֶךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן זָאגְט פַאר מִיכָל: אִיךְ וֶועל פוּן דָא אַרוֹיסְגֵיין, אָבֶער זֵיי וֶועלְן זִיךְ אַוַודַאי דָא אַרַיין בְּרֶעכְן, זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ דָאמִי אוּן דָאס אַרַיינְלֵייגְן אִין מַיין בֶּעט אוּן דָאס צוּדֶעקְן. דָוִד הַמֶלֶךְ נֶעמְט זַיין פִּידֶעלֶע אוּן מַאכְט אוֹיף זַיין מוֹיל אוּן זִינְגְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן נֶעמְט זִיךְ שְׁרֵייעֶן צוּם בַּאשֶׁעפֶער (תְּהִלִּים שָׁם): הַצִּילֵנִי מֵאֹיְבַי אֱלֹקָי מִמִּתְקוֹמְמַי תְּשַׂגְּבֵנִי, הַצִּילֵנִי מִפֹּעֲלֵי אָוֶן וּמֵאַנְשֵׁי דָמִים הוֹשִׁיעֵנִי, כִּי הִנֵּה אָרְבוּ לְנַפְשִׁי יָגוּרוּ עָלַי עַזִּים לֹא פִשְׁעִי וְלֹא חַטָּאתִי ה׳; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וָואס ווִילְן זֵיי פוּן מִיר, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט?! רַאטֶעוֶוע מִיךְ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, פוּן אַלֶע מַיינֶע פַיינְט וָואס לָאקֶערְן נָאךְ מִיר וְכוּ׳. אַזוֹי ווִי זֵיי הֶערְן אִים זִינְגֶען הָאבְּן זֵיי שׁוֹין גֶעזוּכְט דֶעם טִיר אַרַיינְצוּגֵיין, אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער טִיר אִיז דֶער זַייט, אַן אַנְדֶערֶער שְׁרֵייט אַז דָארְט אִיז דֶער טִיר, בִּיז דֶערְוַוייל הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט מִיט אַ שְׁטְרִיק, אוּן גֶעמַאכְט אַ

## אַ גוטֶע וָואך

'וַיִבְרַח', און עֶר אִיז מֶער נִישְׁט דָארְט גֶעוֶוען, זֵיי הָאבְּן זִיך עֶנְדְלִיך אַרַיין גֶעבְּרָאכְן און אִים גֶענוּמֶען זוּכְן, בִּיז מִיכַל וַוייזְט זֵיי: דָארְטְן אִיז זַיין בֶּעט, הָאבְּן זֵיי אִים גֶענוּמֶען גַאנְצֶערְהֵייט און אַזוֹי גֶעבְּרֶענְגְט צוּ שָׁאוּל כְּדֵי שָׁאוּל זָאל אִים הַרְגֶ'ענֶען, וִוי נָאר מֶען דֶעקְט אִים אוֹיף, זֶעהֶען זֵיי אַז דָאס אִיז נִישְׁט מֶער וִוי אַ דָאמִי (עַיֵין כָּל זֶה בִּשְׁמוּאֵל-א, קַאפִּיטְל יז-יט). און וִוי אַזוֹי הָאט דָאס דָוִד הַמֶלֶךְ גֶעקֶענְט בַּאוַוייזְן? נָאר דוּרְךְ דֶער כֹּחַ פוּן תְּפִלָה, דֶערְפַאר הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע בִּיטֶערְסְטֶע צַייטְן.

דָאס הָאט דָוִד הַמֶלֶךְ אוּנְז גֶעלֶערְנְט: דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז נָאר תְּפִלָה; אַז מֶען אִיז מִתְפַּלֵל צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מֶען זֶעהְן אַ יְשׁוּעָה, און נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן. און אַזוֹי זֶעהְט מֶען וַוייטֶער וִוי אַזוֹי עֶר אִיז אָנְגֶעגַאנְגֶען אֲפִילוּ מֶען הָאט אִים גֶע'רוֹדֶפְ'ט פוּן אַלֶע זַייטְן, אַז אֲפִילוּ זַיין וַוייבּ מִיכַל הָאט נָאכְדֶעם חוֹזֶק

# אַ גוטְע וָואךְ

גֶעמַאכְט פוּן אִים, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעלִיטְן פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן אַ גַאנְץ לֶעבְּן הָאט מֶען נָאר גֶעמַאכְט לֵיצָנוּת פוּן אִים, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (יְרוּשַׁלְמִי שְׁקָלִים סוֹף פֶּרֶק ב): **אֵין לְךָ דוֹר שֶׁאֵין בּוֹ לֵיצָנִים כְּדוֹרוֹ שֶׁל דָוִד**; וַוייל פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט מֶען גֶעמַאכְט לִיצֵי לֵיצָנוּת, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען נָאךְ אֵיינֶער אִין דֶער וֶועלְט וָואס זָאל אַזוֹיפִיל לַיידְן אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ.

וֶועגְן דֶעם וֶוערְט דִי סְעוּדַת מְלַוֶה מַלְכָּה אָנְגֶערוּפְן: **סְעוּדַת דָוִד מַלְכָּא מְשִׁיחָא**, וַוייל דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעוִויזְן אַ וֶועג, אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שַׁבָּת, אוּן מֶען גֵייט אַרַיין אִין דִי זֶעקְס טֶעג פוּן דִי וָואךְ, קֶען מֶען אוֹיךְ מַמְשִׁיךְ זַיין דִי שִׂמְחָה פוּן שַׁבָּת אוֹיף אַ גַאנְצֶע וָואךְ אוּן זַיין פְרֵיילֶעךְ. דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (מִשְׁפָּטִים קז ע"א): **דָוִד הַמֶּלֶךְ** אִיז גֶעוֶוען **בַּדְחָא דְמַלְכָּא**, עֶר הָאט גֶעמַאכְט פְרֵיילֶעךְ אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת. דֶערְפַאר קֶען עֶר וַוייזְן אַ וֶועג מֶען זָאל וִויסְן אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט דִי זֶעקְס טֶעג פוּן

# אַ גוטֶע וָואך

דִי וָואךְ, אוּן מֶען וֶועט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן אוּן זִיךְ דְרֵייעֶן אִין דִי וֶועלְט וואוּ עֶס אִיז פַארְהַאנֶען **גַנָבִים רַמָאִים צְבוּעִים,** פָּאפֶּערְס פֶעלְטְשֶׁערְס אוּן לִיגֶענֶערְס, דָאךְ זָאל מֶען הַאלְטְן דֶעם קָאפּ זִיךְ נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן אוּן בְּלַייבְּן אַ אִיד, אוּן זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי אֱמוּנָה אוּן וִויסְן אַז מִיר הָאבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, מְמֵילָא דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן.

וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער **בַּעַל-שֵׁם-הַקָדוֹשׁ** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מְתַקֵן גֶעוֶוען אַז עֶרֶב שַׁבָּת בַּיי מִנְחָה זָאל מֶען זָאגְן דִי מִזְמוֹר: **הוֹדוּ לַה׳ כִּי טוֹב** (תְּהִלִים קז), וָואס חַזַ״ל (בְּרָכוֹת נד ע״ב), לֶערְנֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם מִזְמוֹר דִי פִיר וָואס דַארְפְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: אֵיינֶער וָואס אִיז דוּרְךְ דֶעם יַם, אֵיינֶער וָואס אִיז דוּרְךְ דֶעם מִדְבָּר, אַ קְרַאנְקֶער וָואס אִיז אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן, אוּן אֵיינֶער וָואס אִיז בַּאפְרֵייט גֶעוָוארְן פוּן תְּפִיסָה. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז מַסְבִּיר (לִקוּטֵי הֲלָכוֹת הוֹדָאָה הֲלָכָה ו, אוֹת ט): אַז דִי אַלֶע פִיר זַאכְן גֵייט דוּרְךְ אוֹיף יֶעדְן אִיד

# אַ גוטֶע וָואך

בְּמֶשֶׁך דִי זֶעקְס טֶעג פוּן דִי וָואך, אַמָאל אֲפִילוּ פָּשׁוּט בְּגַשְׁמִיוּת, אָבֶער בְּעִיקָר בְּרוּחָנִיוּת, דָאס הֵייסְט, אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְך בְּמֶשֶׁך דִי וָואך אַזַאלֶעכֶע שְׁוֶועריֶעקֵייטְן אוּן נִסְיוֹנוֹת אוּן מִיטְמַאכֶענִישְׁן אַז עֶר אִיז קְרַאנְק בִּפְרַט מִיט חוֹלִי הַנֶפֶשׁ רַחְמָנָא לִצְלָן, וָואס זַיין נְשָׁמָה אִיז נֶעבֶעך אִינְגַאנְצְן קְרַאנְק גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע בִּיטֶערֶע דוּרְכְפֶעלֶער בִּפְרַט אִין פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ׳, אַזוֹי אוֹיך שְׁפִּירְט עֶר אַז עֶר הַאלְט זִיך שׁוֹין כִּמְעַט בַּיים דֶערְטְרֶענְקֶען אִין דִי יַם פוּן צָרוֹת, אוּן עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר בְּלָאנְדְזְשֶׁעט אִין אַ וִוסְטְן מִדְבָּר אוּן וֵוייסְט נִישְׁט צוּ וֶועמֶען זִיך צוּ וֶוענְדְן, אוּן וואוּ מֶען טְרֶעפְט דֶעם וֶועג אַרוֹיס, אוּן וִוידֶער שְׁפִּירְט עֶר זִיך אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין אַ מוֹרָא׳דִיגֶע תְּפִיסָה פוּן זַיינֶע תַּאֲווֹת אוּן מִדוֹת רָעוֹת דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, דֶערְפַאר נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז דוּרְך דִי זֶעקְס טֶעג דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶס קוּמְט יֶעצְט צוּ גֵיין דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת, אוּן עֶר גֵייט אִין מִקְוָה, אוּן עֶר וַוארְפְט אַרָאפּ פוּן זִיך דִי וָואכֶעדִיגֶע קְלֵיידֶער אוּן עֶר טוּט זִיך אָן דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע

קְלֵיידֶער, און עֶר גֵייט אַרַיין אִין שַׁבָּת, קֶען עֶר טַאקֶע דַאנְקֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז כָאטְשִׁיג עֶס אִיז אִים דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַ שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע וָואך, אִיז עֶר בָּרוּךְ הַשֵּׁם אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שַׁבָּת אַלְס אַ אִיד וָואס גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן און זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ גֶעוֶועזְן, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער חִידוּשׁ, און עֶר דַארְף אוֹיף דֶעם אָפְּגֶעבְּן אַ שֶׁבַח וְהוֹדָאָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועגְן דֶעם הָאט מֶען אַיינְגֶעפִירְט צוּ זָאגְן דֶעם מִזְמוֹר פוּן הוֹדוּ עֶרֶב שַׁבָּת.

## ג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן מֶען אִיז זִיךְ צוּזַאם גֶעקוּמֶען אוֹיף אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת, וָואס אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה (פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא) רֶעדְט טַאקֶע דִי תּוֹרָה וִוי אַזוֹי יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעזוּכְט און זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט פַאר זַיין שִׁידוּךְ.

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): **רַבִּי אַבָּהוּ פָּתַח** - ר' אַבָּהוּ הָאט גֶע'דַרְשֶׁ'נְט אוֹיפְן פָּסוּק (מִשְׁלֵי יט, יד): **בַּיִת**

# אַ גוטֶע וָואך

וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמַה׳ אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת, אַ הויז און גֶעלְט קֶען מֶען יַרְשֶׁ׳ענֶען פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אָבֶּער אַ שִׁידוּךְ אִיז נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער. לֵייגְט דֶער מֶדְרָשׁ צוּ: מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִווּגוֹ שֶׁל אָדָם אֶלָּא מֵהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, סַיי פוּן תּוֹרָה סַיי פוּן נְבִיאִים און סַיי פוּן כְּתוּבִים גֶעפוּנֶען מִיר אַז אַ שִׁידוּךְ קוּמְט נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ): מֵהֲוָיָ״ה יָצָא הַדָּבָר, אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵהֲוָיָ״ה הִיא, און בַּיי כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד): וּמֵהֲוָיָ״ה אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת. זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן ב): אַז אִין דִי אַלֶע דְרֵיי פְּסוּקִים וֶוערְט דֶערְמַאנְט דַוְוקָא דֶער שֵׁם הֲוָיָ״ה; וָואס וַוייזְט אוֹיף הָיָה הֹוֶה וְיִהְיֶה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז יֶעצְט, עֶר אִיז גֶעוֶוען און עֶר וֶועט זַיין, עֶס קֶען נִישְׁט גֶעטוֹישְׁט וֶוערְן. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ בַּיי יֶעדֶע שִׁידוּךְ דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס אִיז דָאס, און מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מְשַׁנֶּה זַיין, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רסה): אוֹיבְן

# אַ גוטֶע וָואך

אִין הִימְל זֶענֶען דִי מַאן אוּן דִי וַוייבּ גֶעוֶוען אֵיין נְשָׁמָה, נָאר וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז דֶער חָתָן אַרָאפְּגֶעקוּמֶען בַּיי אֵיין פָּאר עֶלְטֶערְן, אוּן דִי כַּלָּה בַּיי אַ אַנְדֶערֶע פָּאר עֶלְטֶערְן, אָבֶער בִּיז זֵיי טְרֶעפְן זִיךְ נֶעמְט צַייט, וַוייל עֶס אִיז דָא אַסַאךְ קִטְרוּגִים, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ב ע"א): **קָשֶׁה לְזַוְוגָן כִּקְרִיעַת יַם סוּף**, וֶועגְן דֶעם טוּט זִיךְ אָפּ אִיבֶּערְקֶערֶענִישְׁן בִּיז עֶס וֶוערְט אַ שִׁידוּךְ, אָבֶער צוּם סוֹף מוּז דָאס וֶוערְן.

דֶער הֵיילִיגֶער מַהֲרַ"ל מִפְּרָאג זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז מַסְבִּיר (חִדוּשֵׁי אַגָּדוֹת, סוֹטָה ב ע"א): דָאס וָואס חַזַ"ל גְלַייכְן צוּ אַ זִיווּג צוּ קְרִיעַת יַם סוּף, וַוייל פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט אַז דֶער יַם אִיז קוֹדֶם גֶעוֶוען אֵיינְס, נָאכְדֶעם הָאט דָאס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעשְׁפָּאלְטְן אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן צוּטֵיילְט, וָואס דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ אַז פוּן אֵיין זַאךְ זָאל וֶוערְן צְוֵויי, אוּן נָאכְדֶעם זָאל דָאס צוּרִיק וֶוערְן אֵיינְס, דִי זֶעלְבֶּע נֵס אוּן פֶּלֶא אִיז דָא בַּיי

# אַ גוּטֶע וָואךְ

יֶעדֶע שִׁידוּךְ - וָואס אִיז אוֹיךְ קוֹדֶם גֶעוֶוען אֵיין נְשָׁמָה אוֹיבְן אִין הִימְל, אוּן נָאכְדֶעם זֶענֶען זֵיי צוּשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן - אַז דָאס זָאל זִיךְ יֶעצְט קֶענֶען צוּרִיק צוּזַאם קוּמֶען.

דָאס זָאגְט מֶען בַּיי דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת: שַׂמֵּחַ תְּשַׂמַּח רֵעִים הָאֲהוּבִים כְּשַׂמֵּחֲךָ יְצִירְךָ בְּגַן עֵדֶן מִקֶּדֶם; מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי חָתָן אוּן דִי כַּלָּה, וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן: 'רֵעִים הָאֲהוּבִים', זָאלְן זַיין אַזוֹי פְּרֵיילֶעךְ, אוּן לֶעבְן מִיט אַזַא שִׂמְחָה אוּן לִיבְּשַׁאפְט, אַזוֹי וִוי זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִין הִימְל, וָואס דָארְטְן זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען אֵיין נְשָׁמָה, זָאלְן זֵיי יֶעצְט וַוייטֶער זַיין אֵיין נְשָׁמָה, אוּן זַיין מוֹרָא'דִיג פְּרֵיילֶעךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁלֹמֹה'קֶע זֶעוִוילֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעטַייטְשְׁט דָאס וָואס מֶען זָאגְט בַּיי אַ תְּנָאִים: הָעוֹמֵד מִצַּד הַחָתָן, הָעוֹמֵד מִצַּד הַכַּלָּה, וָואס אִיז דֶער לָשׁוֹן 'הָעוֹמֵד מִצַּד' - דֶער וָואס שְׁטֵייט אִין דִי זַייט? נָאר וֶוען מֶען לֵיינְט דֶעם תְּנָאִים זָאגְט מֶען פַּאר בֵּיידֶע

מְחוּתָּנִים - עֶלְטֶערְן: **הָעוֹמֵד מִן הַצַּד**, דוּ הָאסְט גָארְנִישְׁט וָואס צוּ טוּעֶן, דַארְפְסְט נָאר שְׁטֵיין אִין דֶער זַייט, וַוייל אַלֶעס אִיז פוּן הִימְל.

## ד.

נָאךְ זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (שָׁם, ד): אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים סח, ז): **אֱלֹקִים מוֹשִׁיב יְחִידִים בַּיְתָה מוֹצִיא אֲסִירִים בַּכּוֹשָׁרוֹת**, אַ בָּחוּר אוּן אַ מֵיידְל זֶענֶען אִין אַ תְּפִיסָה בִּיז זֵיי טְרֶעפְן זֵייעֶר זִיווּג, עֶנְדְלִיךְ וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט אוּן זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה, וֶוערְט מְקוּיָּים בַּיי זֵיי: **מוֹצִיא אֲסִירִים בַּכּוֹשָׁרוֹת**, אַז זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן תְּפִיסָה, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער שִׂמְחָה, זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ אַז דָאס וָוארְט **בַּכּוֹשָׁרוֹת** אִיז צְוֵויי וֶוערְטֶער: **בְּכִי**-וַויינֶען, **וְשִׁירוֹת**-זִינְגֶען, וֶוער עֶס וִויל וַויינְט, וֶוער עֶס וִויל דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס הֵייסְט, אֵיינֶער אִיז פְרֵיילֶעךְ אוּן לִיסְטִיג אַז עֶר הָאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעטְרָאפְן זַיין זִיווּג, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית כו ע"ב): דָאס

## אַ גוּטֶע וָואךְ

אִיז מַמָש אַזוֹי וִוי בִּנְיָן בֵּית הַמִקְדָש, אוֹיךְ זָאגְן חַזַ"ל (יְרוּשַלְמִי בִּכּוּרִים פֶּרֶק ג, הֲלָכָה ג): וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה אִיז מֶען מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת. אוּן עֶר וֶועט יֶעצְט קֶענֶען לֶעבְּן אִין גַן עֵדֶן אַזוֹי וִוי אָדָם וְחַוָה פַאְרן חֵטְא, אוּן אַנְדֶערֶע בַּאוֵויינֶען זֵייעֶר לֶעבְּן, אַז דָאס אִיז נִישְט קַיין גוּטֶע שִידוּךְ, מֶען אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן וְכוּ'; דָאס אִיז דִי 'בְּחִירָה' וָואס מֶען גֶעט פַאר דֶעם מֶענְטְש: הָאט עֶר שֵכֶל מַאכְט עֶר פוּן דֶעם לֶעבְּן אַ גַן-עֵדֶן, הָאט עֶר נִישְט קַיין שֵכֶל לֶעבְּט עֶר נֶעבֶּעךְ אִין גֵיהִנוֹם, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כב): דֶער גֵיהִנוֹם אוּן דֶער גַן-עֵדֶן אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט; אָבֶּער דָאס וֶוענְדְט זִיךְ וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְש פִירְט זִיךְ אוֹיף.

דֶער הֵיילִיגֶער רָאפְּשִיצֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: אַ שָאד אַ שָאד אַז מֶען הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם גֶעלֶעגְנְהַייט פוּן אַזַא גְרוֹיסְן טָאג פַאר קִינְדֶער; וַוייל אוּנְטֶער דִי חוּפָּה קֶען מֶען בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים

## אַ גוטֶע וָואך

אויף יֶעדְן פְּרַט און פְּרַט. דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס טָאכְטֶער אָדֶל זְכוּתָהּ תָּגֵן עָלֵינוּ, אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ אִיר טַאטְן און זַייעֶר גֶעוֵויינְט: אִיךְ הָאב אַ דִינְסְט וָואס דֶערְקוּטְשֶׁעט מִיךְ, און זִי טוּט נִישְׁט אִיר אַרְבֶּעט, אִיךְ הָאב גֶעפֶּערְלִיכֶע צָרוֹת פוּן אִיר, אִיךְ וִויל אִיר פַארְשִׁיקְן און זִי וִויל נִישְׁט גֵיין, אִיךְ קֶען דָאס שׁוֹין נִישְׁט אִיבֶּערְטְרָאגְן! הָאט אִיר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעבֶּעטְן אוֹיף דֶעם אוּנְטֶער דִי חוּפָּה?! זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאלְטְן אַז אֲפִילוּ אוֹיף אַזַא קְלֵיינִיקַייט, דַארְף מֶען אוֹיךְ בֶּעטְן אוּנְטֶער דִי חוּפָּה, וַוייל דֶעמָאלְטְס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע צַייט וָואס מֶען קֶען אַלֶעס אוֹיסְבֶּעטְן.

און מֶען זֶעהְט טַאקֶע דִי קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה פוּן אַ חָתָן וְכַלָּה אִין דִי טָאג פוּן זַייעֶר חוּפָּה, מֶען הַאלְט אִין אֵיין בֶּעטְן און מֶען זָאגְט אַסַאךְ תְּהִלִים און וֶוער עֶס קֶען זָאגְט אוֹיס גַאנְץ תְּהִלִים, און מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אוֹיף אַלֶע

## אַ גוטֶע וָואךְ

נַארִישְׁקֵייטְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהְן אַלְץ בָּחוּר אוּן אַלְץ מֵיידְל, אוּן אַזוֹי גֵייט מֶען צוּ צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שִׂמְחָה, מַמָשׁ אַזוֹי וִוי שַׁבָּת, וָואס אִיז גֶעגְלִיכְן צוּ דִי יִחוּד פוּן חָתָן אוּן כַּלָה, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן בַּיי דִי זֶמֶר פְרַייטִיג צוּנַאכְטְס: **לְכָה דוֹדִי לִקְרַאת כַּלָה, פְּנֵי שַׁבָּת נְקַבְּלָה.**

נָאכְדֶעם הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי זִיבְּן טֶעג **שֶׁבַע בְּרָכוֹת**, וָואס יֶעדֶע נַאכְט מַאכְט אַן אַנְדֶערֶער קָרוֹב אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת, אוּן יֶעדֶער קוּקְט אוּן בַּאטְרַאכְט, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ יֶעדֶע פֶעטֶער אוּן מוּמֶע, שְׁוָואגֶער אוּן שְׁוֶועגֶערִין, קָאזִינְס וְכוּ׳, בִּשְׁעַת דֶער חָתָן הָאט שׁוֹין גֶעוַואוּרְט אַזוֹיפִיל יָארְן עֶר זָאל קֶענֶען הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ אוּן מַחְשָׁבָה, אַזוֹי אוֹיךְ דִי כַּלָה, אוּן דָא דַארְף עֶר זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם וְכוּ׳, נָאר מֶען וִויל דֶערְמִיט לֶערְנֶען דִי חָתָן אוּן כַּלָה: אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן; וַוייל דִי זִיבְּן טֶעג פוּן דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת אִיז מְרַמֵז אוֹיף דִי זִיבֶּעצִיג יָאר וָואס אַ

## אַ גוּטֶע וָואך

מֶענְטְשׁ לֶעבְּט, וָואס דָאס הֵייבְּט זִיךְ אָן פוּן דִי צְוָואנְצִיג יָאר, וַוייל בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה מִשְׁפָּט נִישְׁט בִּיז דִי צְוָואנְצִיג, אוּן וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה וֶוערְט מֶען נֵיי גֶעבּוֹירְן, דֶערְפַאר וִויל מֶען מְרַמֵז זַיין פַאר חָתָן כַּלָה: עֶנְק הָאבְּן זִיךְ בֵּיידֶע גוּט צוּגֶעגְרֵייט צוּ דִי חֲתוּנָה, אָבֶּער יֶעצְט דַארְף מֶען וִויסְן אַז דֶער לֶעבְּן גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען ווִיל, יֶעדֶען טָאג וֶועסְטוּ דַארְפְן גֵיין צוּ אַן אַנְדֶערֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן זִיךְ מוּזְן אַרָאפְּלָאזְן וְכוּ׳, אוּן יֶעדֶער וֶועט זָאגְן אַ מֵיינוּנְג, צוּ וַוייזְן אַז אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן: אַרָאפּ אוּן אַרוֹיף, אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן סח): דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִיק אִיז אַז וֶוען עֶר אִיז אוֹיבְן זָאל עֶר אוֹיךְ זַיין אוּנְטְן, וֶוען עֶר אִיז אוּנְטְן זָאל עֶר אוֹיךְ זַיין אוֹיבְן; חֲזַ״ל זָאגְן (חֲגִיגָה יב ע״א): דִי וָוארְט שָׁמַיִם-הִימְל אִיז צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן צְוֵויי וֶוערְטֶער: אֵשׁ-פַייעֶר אוּן מַיִם-וַואסֶער, וָואס אִיז צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן וָואס

# אַ גוטֶע וָואךְ

פַארְטְרָאגְן זִיךְ נִישְׁט, מִיט פַייעֶר קֶען מֶען אוֹיסְקָאכְן וַואסֶער בִּיז עֶס בְּלַייבְּט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אוּן מִיט וַואסֶער קֶען מֶען אוֹיסְלֶעשְׁן אַ פַייעֶר, אוּן וֶוען דִי צְוֵויי קֶעגְן זַייטִיגֶע זַאכְן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען וֶוערְט דָאס אָנְגֶערוּפְן: שָׁמַיִם, אוּן דָאס הֵייסְט אַ הִימְל מֶענְטְשׁ, וַוייל דִי גְרֶעסְטֶע חָכְמָה פוּן אַ אִיד אִיז אַז עֶר פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר קֶען זִיךְ שְׁטֶעגְדִיג דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע מַצָּבִים; סַיי וֶוען עֶס אִיז בַּיי אִים 'שַׁבָּת', דָאס הֵייסְט עֶס גֵייט אִים גוּט, עֶר אִיז דֶערְהוֹיבְּן, אוּן אֲפִילוּ אַ גַאנְצֶע וָואךְ אִיז עֶר אוֹיךְ מַמְשִׁיךְ דִי הֵיילִיגְקַייט פוּן שַׁבָּת, עֶר גֵייט דַאוֶוענֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ שַׁחְרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, אֲפִילוּ עֶס קוּמְט אִים אָן שְׁוֶוער עֶר אִיז זֵייעֶר פַארְנוּמֶען וְכוּ'. מֶען זֶעהְט טַאקֶע 'מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל' כָאטְשִׁיג אִידְן זֶענֶען זֵייעֶר פַארְפְלָאגְט אוֹיף פַּרְנָסָה, דָאךְ קוּמֶען זֵיי מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, [בִּפְרַט מִנְחָה אִין דִי ווִינְטֶער טֶעג,] וָואס דָאס אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר חָשׁוּב, אַזוֹי אוֹיךְ גֶעט מֶען אַכְטוּנְג אִין דִי בִּיזְנֶעס נִישְׁט צוּ גַנְבְ'נֶען גַזְל'נֶען

# אַ גוטֶע וָואך

אַרום פָּאפֶּען, כָאטְשִׁיג מֶען הָאט דִי גֶעלֶעגְנְהַייט דָאס צוּ טוּהְן, וַוייל מֶען וֵוייסְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, בִּפְרַט אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אוּן מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אַ דַף גְמָרָא, שֻׁלְחָן עָרוּךְ וְכוּ', דָאס הֵייסְט אַ הִימְל מֶענְטְשׁ, אַז וֶוען מֶען אִיז אוֹיבְן אִיז מֶען אוֹיךְ אוּנְטֶען, אוּן וֶוען מֶען אִיז אוּנְטְן אִיז מֶען אוֹיךְ אוֹיבְן, וואוֹיל אִיז אִים וואוֹיל אִיז זַיין חֵלֶק.

אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע לִימוּד צוּ וִויסְן: בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַז פוּן אֵיין זַייט אִיז מֶען רוּחָנִי אוּן פוּן אֵיין זַייט אִיז מֶען גַשְׁמִי. דָאס הֵייסְט, מֶען דַארְף זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ אַ וַוייבּ, וָואס דָאס אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה, מֶען זָאל חַתוּנָה הָאבְּן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב, יח): **לֹא טוֹב הֱיוֹת הָאָדָם לְבַדּוֹ, אֶעֱשֶׂה לּוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ**; אַלֵיינְס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גוּט, מֶען מוּז הָאבְּן אַ וַוייבּ. זָאגְן דִי חַזַ"ל אוֹיף דֶעם

# אַ גוטֶע וָואך

(יְבָמוֹת סג ע״א): **זָכָה** - אִיז עֶר זוֹכֶה, **עוֹזְרָתּוֹ** - הֶעלְפְט זִי אִים, **לֹא זָכָה** - אִיז עֶר נִישְׁט זוֹכֶה, **כְּנֶגְדּוֹ** - אִיז זִי קֶעגְן אִים. וַוייל זִי אִיז אַ בֵּיין פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער (בְּרֵאשִׁית ב, כג), דָאס הֵייסְט, פִּירְט עֶר זִיךְ עֶרְלִיךְ עֶר לֶערְנְט אוּן דַאוֶונְט, וֶועט זִי זִיךְ אוֹיךְ פִּירְן עֶרְלִיךְ אוּן זִי וֶועט אִים אַרוֹיס הֶעלְפְן, אָבֶּער אוֹיבּ חָלִילָה וְחַס עֶר פִּירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף עֶרְלִיךְ, עֶר רֶעדְט וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, פַאנְגְט זִיךְ אָן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דֶער תַּנָא זָאגְט (אָבוֹת א, ה): **כָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחָה עִם הָאִשָּׁה, גוֹרֵם רָעָה לְעַצְמוֹ, וּבוֹטֵל מִדִּבְרֵי תוֹרָה וְסוֹפוֹ יוֹרֵשׁ גֵיהִנוֹם.** דָאס הֵייסְט, אוֹיבּ מֶען רֶעדְט וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, מֶען זָאגְט פַאר דִי וַוייבּ אַ שְׁטֶעךְ וָוארְט וְכוּ׳, אִיז מֶען זִיךְ אַלֵיין גוֹרֵם שְׁלֶעכְטְס, מְמֵילָא הָאט מֶען שׁוֹין נִישְׁט דֶעם קָאפּ צוּ לֶערְנֶען, אוּן נָאכְדֶעם הָאט מֶען נָאךְ דִי גֵיהִנוֹם דָא אוֹיף דִי וֶועלְט. דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן אוֹיף אִיר טַאטֶע מַאמֶע, נִישְׁט

# אַ גוטֶע וָואך

רֶעדְן פוּן אִירֶע חֶסְרוֹנוֹת, אוּן נִישְׁט זוּכְן קַיין חֶסְרוֹנוֹת, נָאר שְׁטֶענְדִיג מְשַׁבֵּחַ זַיין אוּן אוֹיסְרִימֶען, אַזוֹי וִוי הִלֵּל הָאט גֶעזָאגְט (כְּתוּבּוֹת יז ע״א): מֶען זָאל זָאגְן: **כַּלָּה נָאֶה וַחֲסִידָה**, דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן דִי בֶּעסְטֶע כַּלָּה; דֶעמָאלְטְס לֶעבְּט מֶען אַ חַיִּים טוֹבִים.

ה.

**עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ וְהָיוּ לְבָשָׂר אֶחָד** (בְּרֵאשִׁית ב, כד), וֶועגְן דֶעם זָאל אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלָאזְן זַיין טַאטֶע מַאמֶע אוּן זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּ זַיין וַוייבּ וְכוּ׳. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ קַשְׁיָא וִוי אַזוֹי קֶען דִי תּוֹרָה זָאגְן אַזַא זַאךְ, עֶס אִיז דָאךְ דָא אַ מִצְוַת עֲשֵׂה (שְׁמוֹת כ, יב): **כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ**, זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין טַאטֶע מַאמֶע. וָואס דִי מִצְוָה גֵייט אָן אוֹיפְן גַאנְצְן לֶעבְּן, נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוֹיךְ?!

נָאר דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה ווִיל לֶערְנֶען זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ פַאר אַ פָּארְפָאלְק צוּ ווִיסְן אִין לֶעבְּן, אַז ווִיבַאלְד מַאן

# אַ גוטֶע וָואךְ

און וַוייבּ הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט, און עֶס קֶען זיךְ מַאכְן אוּמְפַארְשְׁטֶענְדְליכְקֵייטְן וָואס מֶען דַארְף אוֹיסְגְלַייכְן, זָאל מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן דִי עֶלְטֶערְן, נָאר זִיךְ אוֹיסְגְלַייכְן צְווִישְׁן זִיךְ, אָדֶער גֵיין צוּ אַ גְרוֹיסְן עֶרְלִיכְן אִיד אַ צַדִיק, וָואס עֶר וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי עֶס גֵייט דָאס צוּזַאם לֶעבְּן וְכוּ׳, וַוייל טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט בִּיז מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי קִינְדֶער אוּנְטֶער דִי חוּפָּה, און זֵיי וִוילְן נָאר הָאבְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, און הֶערְן אַז עֶס אִיז גוּט בָּרוּךְ הַשֵּׁם וְכוּ׳, פוּן דֶעם זוּהְן אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַזַא טַייעֶרֶע וַוייבּ, און פוּן דִי טָאכְטֶער אַז זִי הָאט אַזַא פַיינֶע מַאן וָואס עֶר אִיז קוֹבֵעַ עִתִּים לְתוֹרָה, און עֶר אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ אִיר, דָאס מֵיינְט דֶער פָּסוּק צוּ זָאגְן, אַז מֶען זָאל אָפְּלָאזְן דִי עֶלְטֶערְן, נִישְׁט חָלִילָה וְחַס מֶען זָאל אָפְּלָאזְן טַאטֶע מַאמֶע און פַארְגֶעסְן פוּן זֵיי, נָאר זֵיי נִישְׁט אַרַיין מִישְׁן אִין דִי צָרוֹת, אֲפִילוּ עֶס מַאכְט זִיךְ אַמָאל עֶפֶּעס אַ אוּמְפַארְשְׁטֶענְדֶענִיש, נָאר עֶנְדֶערְשׁ גֵיין צוּם רֶבִּי׳ן.

# אַ גוּטֶע וָואךְ

דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוֹיסְגֶעקְרִיצְט אוֹיף זַיין טִיר דֶעם פָּסוּק (אִיוֹב לא, לב): **בַּחוּץ לֹא יָלִין גֵּר דְּלָתַי לָאֹרַח אֶפְתָּח**, אַ גֵר זָאל נִישְׁט נֶעכְטִיגְן אִינְדְרוֹיסְן, מַיין טִיר אִיז אָפֶען פַאר יֶעדֶעם אֵיינֶעם, אוּן דִי הוּנְגֶערִיגֶע זָאל קוּמֶען דָא עֶסְן. [בִּיז דִי עֶרְשְׁטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה אִיז נָאךְ דִי הוֹיז גֶעשְׁטַאנֶען,] זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א וָואס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי דָבוּק אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעטוֹהְן פוּן דִי וֶועלְט, דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַזוֹי וַוייט אַריינְצוּנֶעמֶען יֶעדְן גַאסְט, אוּן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט אִים, וָואס דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ. אָבֶּער דָאס וִויל דֶער בַּאשֶׁעפֶער: פוּן אֵיין זַייט טַאקֶע זַיין אוֹיבְן, לֶערְנֶען מַהַרְשָׁ"א אוּן זִיךְ מְיַגֵּעַ זַיין אִין דִי תּוֹרָה, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זִיךְ אַרָאפּ לָאזְן צוּ יֶעדֶעם אֵיינֶעם, עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה דַארְף דָאס וִויסְן אַ חָתָן וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט, עֶר דַארְף טַאקֶע לֶערְנֶען, אָבֶּער צוּ זַיין וַוייב דַארְף עֶר זִיךְ אוֹיךְ אַרָאפְּלָאזְן.

# אַ גוטֶע וָואךְ

דֶער גְרוֹיסֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז קוֹדֶם גֶעוֶוען אַ חַבֵר מִיטְן הֵיילִיגְן פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע מִתְנַגְדִים אוֹיפְן דֶרֶךְ פוּן בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל-שֵׁם-טוֹב, הָאט אִים אֵיינֶער אַמָאל גֶעפְרֶעגְט: פַארְוָואס הָאט אִיר זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרָאפּ צוּ לָאזְן צוּ פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן, אַמָאל זֶענְט אִיר גֶעוֶוען אַ לַמְדָן אוּן אַ חַבֵר מִיטְן פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ, אוּן יֶעצְט לָאזְט אִיר זִיךְ אַרָאפּ אֲפִילוּ צוּ אַלֶע דָארְפְס לַייט?! הָאט עֶר גֶעשְׁמֵייכֶעלְט אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָאךְ אַוַודַאי זֵייעֶר גְרוֹיס עַד אֵין סוֹף, אוּן עֶר אִיז אִין הִימְל מִיט אַלֶע נְשָׁמוֹת פוּן צַדִיקִים, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפּ גֶעלָאזְט זֶעקְס טֶעג, אוּן בַּאשַׁאפְן אַ גַאנְצֶע בְּרִיאָה מִיט אַלֶע גוֹיִם, אוּן עֶר אִיז זֵיי מְחַיֶה אוּן מְהַוֶה, אוֹיבּ אַזוֹי מֶעג אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ אַרָאפּ לָאזְן.

# אַ גוּטֶע וָואךְ

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי טו, יז): **טוֹב אֲרֻחַת יָרָק וְאַהֲבָה שָׁם, מִשּׁוֹר אָבוּס וְשִׂנְאָה בוֹ**, עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ עֶסְן אַ טְרוּקְן שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט מִיט אַבִּיסְל גְרִינְצֵייג, אָבֶער עֶס אִיז דָא דָארְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע לִיבְּשַׁאפְט, וִוי אֵיידֶער עֶסְן דִי בֶּעסְטֶע פְלֵיישְׁן מִיט אַלֶע מַעֲדַנִים אָבֶער עֶס אִיז דָא דָארְט שִׂנְאָה און מֶען הַרְגֶ׳עט זִיךְ אַרוּם. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תקכ״ח): **בְּרוֹיט מִיט אִיגֶערְקֶעס אִיז אַ גוּט מַאֲכָל**. דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶעהְן אַז אִין שְׁטוּב זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְשְׁן שָׁלוֹם און לִיבְּשַׁאפְט, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה.

וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען וִויסְן אַז דִי גְרֶעסְטֶע חָכְמָה אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, און דָאס הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט (קִיצוּר לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ו): **הָעִיקָר שֶׁקּוֹרִין דֶערְהַאלְטְן זִיךְ**, דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן. און מִיט וָואס קֶען מֶען זִיךְ אַזוֹי דֶערְהַאלְטְן וִוי מִיט לִימוּד מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס אִיז

## אַ גוּטֶע וָואךְ

מְשַׁנֶה דֶעם מֶענְטְשׁ, אוֹיךְ אִיז מִשְׁנֶה דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָה (בְּאֵר הֵיטֵב אוֹרַח חַיִּים סִימָן א, סְעִיף קָטָן ו, בְּשֵׁם הָאֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ), דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תִּיקוּנֵי זֹהַר יד ע״ב), אַז מִשְׁנַיוֹת אִיז דֶער מַלְאָךְ מְטַ״ט (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן עט), אוּן דָאס אִיז מְקַשֶׁר דֶעם עוֹלָם הָעֶלְיוֹן צוּם עוֹלָם הַתַּחְתּוֹן; אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת אִיז עֶס אַ סְגוּלָה אוֹיף אַ זִיווּג, וַוייל מִשְׁנַיוֹת אִיז מְקַשֶׁר דִי וֶועלְט צוּ יֶענֶע וֶועלְט. זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אִיר זָאלְט אַלֶע זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ הַאלְטְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן בַּיי דִי מִשְׁנַיוֹת, וָואס דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה (וַיִּקְרָא רַבָּה ז, ג), בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

~ תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם ~

בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# דוּ וֵוייסְט וָואס דוּ פַארְמָאגְסְט?!

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת וִויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָארְכְטִיגֶער רֶבִּי, דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט, וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

### רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְּמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ נָאר פְרֵיילֶעךְ זַיין, זָאלְסְט נִישְׁט צוּלָאזְן צוּ זִיךְ אַ מִינוּט דָאס עַצְבוּת אוּן בִּיטֶערְנִישׁ אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וְכוּ׳, וְכוּ׳, וָוארוּם וָואס דַארְפְסְטוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג? חַזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נז.) אוֹיפְן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד׳) ״כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ״, מַאי רַקָּתֵךְ? אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן; אֲפִילוּ יֶעדֶער לֵיידִיגֶער מֶענְטְשׁ אִיז פוּל מִיט מִצְווֹת אַזוֹי וִוי אַ מִילְגְרוֹים; אוּן דִי מְקוּבָּלִים זָאגְן, דָאס אִין אַ מִילְגְרוֹים אִיז דָא תַּרְיַ״ג קֶערְנְדְלֶעךְ. קוּמְט אוֹיס וֶוען אַ אִיד הָאט אֵיין מִצְוָה, אִיז אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט מְקַיֵים גֶעוֶוען אַלֶע תַּרְיַ״ג מִצְווֹת, וִוי דִי חַזַ״ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ מִשְׁלֵי א׳) וְכָל הַמְקַיֵים מִצְוָה אַחַת כְּאִילוּ קִיֵים כָּל הַתּוֹרָה; אִיבֶּער דֶעם זֶע זִיךְ זֵייעֶר צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן לָאז זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן, אוּן בְּרֶענְג אַרַיין שִׂמְחָה בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, וִוי דִי חַזַ״ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו׳) אִשָּׁה בַּעֲלָהּ מְשַׂמְחָהּ; אוּן אַז סְ׳אִיז דָא שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ, רוּט דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ, אוּן וואוּ דִי שְׁכִינָה אִיז דָארְטְן אִיז דִי בְּרָכָה פַארְהַאנֶען, זֶע צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג נָאר אוֹיפְגֶעלֵייגְט, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(אשר בנחל באידיש חלק א׳ מכתב ט)

# דו וֵוייסְט וָואס דו פַּארְמָאגְסְט?!

## א.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית לב, ד): **וַיִּשְׁלַח יַעֲקֹב מַלְאָכִים לְפָנָיו אֶל עֵשָׂו אָחִיו אַרְצָה שֵׂעִיר שְׂדֵה אֱדוֹם.** זָאגְט דֶער מִדְרָשׁ (עַיֵּין בְּרֵאשִׁית רַבָּה עה, ב–ג): יַעֲקֹב אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אֵיינֶער וָואס גֵייט אִין אַ וַואלְד, אוּן עֶר זֶעהְט אַ לֵייבּ שְׁלָאפְט, אוּן עֶר וֶועקְט אִים אוֹיף, פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיין

## דו וַוייסְט וָואס דו פַארְמָאגְסְט ? !

אַז עֶר וֶועט אִים אַוַודַאי אוֹיפְּעֶסְן און פַארְצִיקְן, אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כו, יז. וְעַיֵּין בְּרַשִׁ״י שָׁם): **מַחֲזִיק בְּאָזְנֵי כָלֶב** וְגוֹ׳, אַז אֵיינֶער כַאפְּט אָן דֶעם אוֹיעֶר פון אַ הונְט, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר וֶועט אִים בַּייסְן. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ יַעֲקֹב אָבִינוּ נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז שׁוֹין אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פון זַיין טַאטֶענְס שְׁטוּב, און עֶר אִיז דורְכְגֶעגַאנְגֶען דִי אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן בַּיי לָבָן, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ גַאנְצֶע שְׁטוּב פון דִי הֵיילִיגֶע שְׁבָטִים, פַארְוָואס הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט שְׁלוּחִים צו עֵשָׂו וְכוּ׳, און אִים אוֹיפְגֶעוֶועקְט פון זַיין שְׁלָאף ? !

און דָאס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶער לִימוּד פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ צו וִויסְן, אַז אוֹיב הָאט עֶר אַ שׂוֹנֵא וָואס רֶעדְט אוֹיף אִים כָּל דָבָר אָסוּר, זָאל עֶר נִישְׁט גֵיין צו אִים. דָאס גֶעפוּנֶען מִיר אוֹיךְ (יִרְמְיָהוּ מא, ט): **בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פון גְדַלְיָהוּ בֶּן אֲחִיקָם**, וָואס מֶען הָאט אִים אָנְגֶעזָאגְט עֶר זָאל נִישְׁט

## דוּ וֵוייסְט וָואס דוּ פַארְמָאגְסְט ? !

גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ, וַוייל עֶס אִיז דָא דָארְט מֶענְטְשְׁן וָואס ווילְן אִים הַרְגֶ'נֶען, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גְלֵייבְן, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ וויל נִישְׁט הֶערְן קַיין לָשׁוֹן הָרַע, און עֶר אִיז יָא גֶעגַאנְגֶען און מֶען הָאט אִים טַאקֶע נֶעבֶעךְ גֶע'הַרְגֶ'ט (נִדָּה סא ע"א), וָואס אוֹיף דֶעם פַאסְטְן מִיר צוּם גְדַלְיָה.

דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר הָאט אוֹיפְגֶערוּדֶערְט דִי וֶועלְט וֶועגְן דִי עֲבֵירָה פוּן לָשׁוֹן הָרַע, [צַדִיקִים הָאבְן בַּאוואוּנְדֶערְט אַז אַ מֶענְטְשׁ פוּן אוּנְזֶער דוֹר (עֶר אִיז אַוֶועק אִין יָאר תרצ"ג), זָאל מְחַבֵּר זַיין אַזַא סֵפֶר וָואס נָאר רִאשׁוֹנִים קֶענֶען דָאס מַאכְן,] דָאךְ זָאגְט עֶר (הִלְכוֹת לָשׁוֹן הָרַע כְּלַל ו, אוֹת י): אַז אוֹיב מֶען וָוארֶענְט אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע פְּלַאץ וַוייל מֶען וויל אִים כַאפְּן, אִיז דָאס נִישְׁט קַיין לָשׁוֹן הָרַע, פַארְקֶערְט, דָאס אִיז אַ מִצְוָה אִים צוּ זָאגְן, וַוייל אַזוֹי קֶען עֶר זִיךְ רַאטֶעוֶועןְ. וֶועגְן דֶעם, אַז אַ

## דו וֵוייסְט וָואס דו פַארְמָאגְסְט?!

מֶענְטְשׁ הָאט שׂוֹנְאִים זָאל עֶר נִישְׁט גֵיין דָארְטְן, אַזוֹי וֶועט עֶר זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן בִּזְיוֹנוֹת און שְׁפִיכוּת דָמִים וְכוּ׳, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת פַּחַד חֵלֶק ב, סִימָן ג): **מִי שֶׁבּוֹרֵחַ מִן הַצָּרָה, הוּא פִּקֵחַ.** אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר זֶעהְט אַ צָרָה, אַנְטְלוֹיפְט עֶר דֶערְפוּן.

כָאטְשִׁיג מִיר גֶעפוּנֶען אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דָתָן וַאֲבִירָם און אַזוֹי אוֹיךְ צוּ קֹרַח און פְּרָאבִּירְט צוּ פּוֹעֵלְ׳ן אֶפְשָׁר דָאךְ וֶועלְן זֵיי תְּשׁוּבָה טוּהְן, און דָתָן וַאֲבִירָם הָאבְּן אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ חוּצְפָּה און עַזוּת (בַּמִדְבָּר טז, יד): **לֹא נַעֲלֶה,** מִיר גֵייעֶן נִישְׁט! דֶעמָאלְטְס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזֶעהְן אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט וָואס צוּ טוּעֶן מִיט זֵיי, הָאט עֶר גֶעזָאגְט (בַּמִדְבָּר טז, כח): **בְּזֹאת** תֵּדְעוּן כִּי הֲוָיָ״ה שְׁלָחַנִי וְגוֹ׳, אוֹיבּ וֶועט אִיר שְׁטַארְבְּן אוֹיף אַ נַאטוּרְלִיכְן וֶועג, וֶועט אִיר וִויסְן אַז נִישְׁט דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט, אָבֶער אוֹיבּ וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן אַ נַייעֶ בְּרִיאָה, און דֶער עֶרְד

## דוּ וֵוייסְט וָואס דוּ פַּארְמָאגְסְט?!

וֶועט זִיךְ עֶפֶּענֶען, וֶועט אִיר וִויסְן אַז דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זֵייעֶר דֶערְצֶערֶענְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. אָבֶּער בִּיז דֶעמָאלְטְס אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵיי אוּן פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע וֶועגְן שָׁלוֹם צוּ מַאכְן, וַוייל מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי אִידְן (מְנָחוֹת סה ע״ב), אוּן אֲפִילוּ אַזַאלֶעכֶע טְמֵאִים וּמְטוּמָאִים ווי דָתָן וַאֲבִירָם, וָואס זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעמַאכְט אַזַא מִין חוּרְבָּן פַּאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפוּנֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת טז, כח): **עַד אָנָה מֵאַנְתֶּם לִשְׁמֹר מִצְוֹתַי וְתוֹרֹתָי**, ווִילַאנְג נָאךְ וֶועט אִיר נִישְׁט פָּאלְגְן מַיין תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת. אוּן גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעוָוארְן בַּאשוּלְדִיגְט צוּלִיב זֵיי, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵיי, וַוייל אֶפְשָׁר דָאךְ וֶועט עֶר זֵיי מַחְזִיר זַיין לַמּוּטָב. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז יָא גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיינֶע שׂוֹנְאִים, וַוייל עֶר הָאט אַזוֹי לִיבּ

## דו ווייסט וואס דו פארמאגסט?!

גֶעהַאט דִי אִידְן אוּן עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶש גֶעוֶועֶן פַאר זֵיי, אוּן נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט.

אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט שׁוֹין גְלַייךְ בַּיים אָנְהֵייבּ נָאכְדֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעשִׁיקְט צוּ פַּרְעֹה, גֶעפְרֶעגְט (שְׁמוֹת ה, כב): **לָמָה הֲרֵעֹתָה לָעָם הַזֶּה** וְכוּ׳, פַּארְוָואס הָאסְטוּ שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּהְן פַאר דֶעם אִידִישְׁן פָאלְק?! אוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער מוּזְן נֶעבֶּעךְ אַזוֹיפִיל לַיידְן? אָבֶּער מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דָאס נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט חַס וְשָׁלוֹם וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר וַוייל עֶר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ גֶעהַאט דִי אִידְן, הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן צוּקוּקֶענְדִיג אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן פַּיינִיגוּנְגֶען וָואס אִידְן גֵייעֶן דוּרְךְ אִין מִצְרַיִם, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת ו, א): **עַתָּה תִרְאֶה אֲשֶׁר אֶעֱשֶׂה לְפַרְעֹה**, זָאגְט רַשִׁ״י (בְּשֵׁם חַזַ״ל, סַנְהֶדְרִין קיא ע״א): יֶעצְט וֶועסְטוּ זֶעהְן וָואס אִיךְ וֶועל טוּהְן מִיט פַּרְעֹה, אָבֶּער דוּ וֶועסְט

## דו וַוייסְט וָואס דו פַּארְמָאגְסְט?!

נִישְׁט זֶעהְן וֶועט אִיךְ וֶועל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי אִידְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אוּן עֶר הָאט שׁוֹין דָא בַּאקוּמֶען דֶעם שְׁטְרָאף, אָבֶּער מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר גֶעהַאט אַ טַעֲנֶה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶס הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּהְן דִי וֶוייטָאג אוּן צַעַר פוּן אִידְן.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זֶעהְט מֶען אַמָאל אַז אַ צַדִיק בֶּעהְט אַ תְּפִלָּה מִיט אַ טַעְנֶה, אוּן דְרִיקְט זִיךְ אוֹיס מִיט אַ קַשְׁיָא, כַּבְיָכוֹל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאס נָאר וַוייל עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר אוֹיךְ זֵייעֶר לִיבּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט (כֶּתֶר שֵׁם טוֹב הוֹסָפוֹת אוֹת כג): אַז מֶען הָאט לִיבּ דֶעם טַאטְן, הָאט מֶען לִיבּ דִי קִינְדֶער, אוּן אַז מֶען הָאט לִיבּ דִי קִינְדֶער הָאט מֶען לִיבּ דֶעם טַאטְן. אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט חָלִילָה וְחַס וַוייל עֶר הָאט עֶפֶּעס אַ קַשְׁיָא כַּבְיָכוֹל אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, נָאר עֶס גֵייט

## דו ווייסט וואס דו פארמאגסט?!

אים אין לעבן פארוואס אידישע קינדער דארפן מיטמאכן אזויפיל צרות.

און די גרעסטע צרה אין היינטיגן דור איז, אז די 'ערב רב' לאזן נישט אידישע קינדער זאלן חתונה האבן יונג. ביים הייליגן רבי'ן איז געווען די ערשטע זאך פאר א בחור, אז ער זאל חתונה האבן; ווייל דאס איז דער עיקר 'תיקון הברית'. אזוי ווי דער הייליגער רבי נתן זאגט (לקוטי הלכות שבת הלכה ו, אות כג): חתונה האבן דאס איז דער תיקון הברית, און ווילאנג מען איז א 'פלג גוף' איז דאס 'פגם הברית'; דערפאר דארף מען זעהן אז די קינדער זאלן חתונה האבן וואס יונגער. אין שולחן ערוך ווערט גע'פסק'נט (אבן העזר סימן א, סעיף ג): עס איז א מצוה חתונה צו האבן ביי די אכצן יאר זאגט דער בית שמואל אויפן פלאץ: דאס מיינט ביי די זיבעצן יאר, ווען מען גייט אריין אין די אכצנטע יאר. פירט אויס ווייטער דער מחבר: אז די מצוה מן המובחר איז חתונה

**דו וֵוייסְט וָואס דו פַּארְמָאגְסְט?!**

צוּ הָאבְּן בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר, אָבֶּער כָּאטְשִׁיג וֶוען מֶען וֶוערְט זִיבֶּעצְן מִיט אַ טָאג.

אוּן אוֹיבּ מֶען וָואלְט אַזוֹי גֶעטוּהְן וָואלְט מֶען אָפְּגֶעַראטֶעוֶועט דִי בְּנֵי הַנְעוּרִים, אוּן זִיךְ אַיינְגֶעשְׁפָּארְט אַסַאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען, וֶועגְן דֶעם הָאבְּן דִי צַדִיקִים אַ מוֹרָא'דִיגֶע צַעַר, פוּן וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, קֶענֶען זֵיי זִיךְ אַמָאל פוּן פִיל צַעַר אוֹיסְדְרִיקְן כַּבְיָכוֹל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַּארְוָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְפְן אַזוֹיפִיל לַיידְן, אוּן מֶען הָאט גֶעגֶעבְּן אַזוֹי סַאךְ כּוֹחוֹת פַאר דִי 'עֵרֶב רַב'?!

## ב.

**וַיִשְׁלַח יַעֲקֹב מַלְאָכִים** וְגוֹ' (בְּרֵאשִׁית לב, ד) זָאגְט רַשִׁ"י: **מַלְאָכִים מַמָשׁ**, יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעשִׁיקְט אֱמֶת'ע מַלְאָכִים. וָואס הֵייסְט אֱמֶת'ע מַלְאָכִים? נָאר יֶעדֶער אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט מַלְאָכִים, נָאר עֶר

## דוּ וֵוייסְט וָואס דוּ פַּארְמָאגְסְט ? !

כַּאפְּט נִישְׁט וֶוער עֶס בַּאגְלֵייט אִים. וֶועגְן דֶעם וֶוען מֶען פָּארְט אוֹיפְן וֶועג, און מֶען זָאגְט 'תְּפִילַּת הַדֶּרֶךְ' (אוֹרַח חַיִּים סִימָן קי, סְעִיף ד), זָאגְט מֶען נָאכְדֶעם דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לב, ב-ג): **וְיַעֲקֹב הָלַךְ לְדַרְכּוֹ וַיִּפְגְּעוּ בוֹ 'מַלְאֲכֵי אֱלֹקִים', וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב כַּאֲשֶׁר רָאָם מַחֲנֵה אֱלֹקִים זֶה וַיִּקְרָא שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא מַחֲנָיִם.** וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מַלְאָכִים וָואס בַּאגְלֵייטְן אִים, אַזוֹי אוֹיךְ פִירְט מֶען זִיךְ צוּ זָאגְן: **בְּשֵׁם ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל מִימִינִי מִיכָאֵל וּמִשְּׂמֹאלִי גַּבְרִיאֵל וּמִלְּפָנַי אוֹרִיאֵל וּמֵאֲחוֹרַי רְפָאֵל וְעַל רֹאשִׁי שְׁכִינַת אֵל.** וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ה): אַז מִיט דִי וֶוערְטֶער בִּינְדְט מֶען זִיךְ צוּ, צוּ דִי מַלְאָכִים פוּן דִי 'מֶרְכָּבָה'. אַז זֵיי זָאלְן אִים אָפְּהִיטְן אוֹיפְן וֶועג. [דֶערְפַאר זָאגְט מֶען דָאס אוֹיךְ פַאר מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן, כְּדֵי מֶען זָאל נִיצוֹל וֶוערְן פוּן פְּגַם הַבְּרִית און אַ מִקְרֶה חַס וְשָׁלוֹם (עַיֵּין שָׁם).]

## דו ווייסט וואס דו פארמאגסט?!

און עס זייער וויכטיג אז יעדעס מאל וואס מען פארט אויפן וועג, זאל מען זאגן תפלת הדרך, ווייל חז"ל זאגן (קהלת רבה ג, ג): **כל הדרכים בחזקת סכנה**, בפרט היינטיגע צייטן דארף מען אסאך רחמים ווען מען פארט אויפן וועג, דער אייבערשטער זאל שומר ומציל זיין, וועגן דעם איז כדאי אז שטענדיג ווען מען פארט, זאל מען זאגן 'תפלת הדרך', אבער וויבאלד על פי הלכה איז גענוג דאס צו זאגן נאר איינמאל א טאג (שם, סעיף ה), וועגן דעם זאל מען ענדיגן מיט: **יהיו לרצון אמרי פי וגו'**, אנשטאט: **ברוך אתה ה' שומע תפלה**, כדי מען זאל נישט זאגן א ברכה לבטלה.

דער הייליגער רבי מנחם מענדל מרימענאוו זכותו יגן עלינו האט אמאל געזאגט: ביזן דאוועגען האב איך שוין דורכגעזאגט זעקס און צוואנציג יהי רצון'ס. ווייל ער האט שטענדיג געבעטן אויף פארשידענע זאכן, און יעדע תפלה האט ער אנגעהויבן מיט א 'יהי רצון'.

## דו ווייסט וואס דו פארמאגסט?!

אזוי אויך דארף א איד וויסן, אז ווען ער גייט ארויס פון שטוב, זאל ער לייגן די האנט אויף די מזוזה און בעטן דעם באשעפער: רבונו של עולם! אזוי ווי איך גיי יעצט ארויס געזונטערהייט, בעט איך דיר, ברענג מיר צוריק געזונטערהייט. און ווען מען קומט אהיים, לייגט מען אויך ארויף די האנט אויף די מזוזה און מען זאגט: רבונו של עולם! איך דאנק דיר און איך לויב דיר, אז דו האסט מיר צוריק געברענגט געזונטערהייט. און דאס נעמט אינגאנצן אפאר סקונדעס, אבער דאס היט אפ דעם מענטש, ווייל תפלה באשיצט אונז, און די מתנה האבן מיר ברוך השם מקבל געווען פונעם הייליגן רבי׳ן, און דאס וועט די גאנצע וועלט באקומען דורך משיח צדקינו, אז מען קען רעדן צום באשעפער, און יעדער קען זיך מאכן אייגענע תפלות מיט יהי רצון׳ס.

קומט אויס אז יעדער מענטש ווערט שטענדיג באגלייט פון מלאכים, און פון וואו קומען די מלאכים,

און ווי אזוי ווערן זיי באשאפן? נאר אז א איד האט שכל, און ער איז מקיים די מצוות וואס ער האט, מיט שמחה, דורכדעם באשאפט ער מלאכים.

ג.

און יעדער מענטש האט יעדן טאג ברוך השם אסאך מצוות אזוי ווי די גמרא זאגט (מנחות מג ע״ב): רבי מאיר האט געזאגט: יעדער איד דארף זאגן יעדן טאג הונדערט ברכות. און דער ירושלמי (ברכות סוף פרק ט): רופט דאס אן הונדערט מצות; קומט אויס אז יעדער איד האט יעדן טאג ווייניגסטנס הונדערט מצוות. וועגן דעם ווען מען זאגט א ברכה, זאל מען דאס זאגן מיט א געוואלדיגע שמחה, און אינזינען האבן וואס מען זאגט.

דער הייליגער רבי יוסף יצחק פון ליובאוויטש זכותו יגן עלינו, האט מעיד געווען אויף זיין טאטע דער הייליגער רבי שלום דובער פון ליובאוויטש זכותו יגן

## דו ווייסט וואס דו פארמאגסט?!

עלינו, אז עס איז געווען א תקופה וואס ער האט כסדר געטרינקען, נאך א גלאז טיי און נאך א גלאז טיי, און יעדעס מאל געמאכט די ברכה: שהכל נהיה בדברו, ביז דער ריי"צ זכותו יגן עלינו האט געכאפט אז זיין טאטע האט אין דעם א כוונה, ממשיך צו זיין די שכינה אויף זיך, מיט דעם וואס ער זאגט די ברכה: שהכל נהיה בדברו; דאס הייסט, אלעס ווערט נאר געטוהן פונעם אייבערשטן.

אזוי אויך דערציילט מען אויף נאך צדיקים, אז ווען א צובראכענער איד איז אריינגעקומען מיט א צרה, האט דער צדיק אנגעגאסן אביסל בראנפן אין א בעכערל, פאר זיך און פאר דעם איד, און געמאכט די ברכה: שהכל נהיה בדברו, און נאכדעם מכבד געווען דעם איד אויך מיט די ברכה, און ווען דער איד האט נאר געהערט פון זיין רבי'ן די ברכה מיט אזא חיות און כוונה, האט ער אינגאנצן פארגעסן אז ער האט א צרה,

## דו ווייסט וואס דו פארמאגסט?!

און וואס ער איז געקומען דא בעטן. ווייל א מענטש דארף וויסן, אז יעדע זאך וואס גייט אויף אים דורך איז נאר פון אויבן, און עס איז נאר דא איין עצה: בעטן דעם באשעפער. און אפילו ער האט שוין געבעטן און ער זעהט נאכנישט אז ער איז געהאלפן געווארן, זאל ער נאכאמאל בעטן, אזוי ווי חז"ל (ברכות לב ע"ב), לערנען דאס ארויס פונעם פסוק (תהלים כז, יד): קוה אל ה' חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה', אז א מענטש זאל נישט מיד ווערן, נאר שטענדיג האפן און בעטן דעם אייבערשטן.

קומט אויס אז מיט יעדע ברכה וואס א איד זאגט מיט שמחה, באשאפט ער א מלאך, נאר מיר זענען ביי זיך אזוי צובראכן, אז מען קען דאס נישט גלייבן, אבער דער הייליגער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א' סימן ס"א): פונקט אזוי ווי א איד דארף האבן אמונה אין בורא כל עולמים וואס דאס איז דער יסוד היסודות פון א איד,

## דו ווייסט וואס דו פארמאגסט?!

אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ, אַז אִיךְ בִּין אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. און וֶועון אַ אִיד זָאל וִויסְן ווי טֵייעֶר און חָשׁוּב עֶס אִיז בַּיים בַּאשֶׁעפֶער יֶעדֶע בְּרָכָה וָואס עֶר מַאכְט, און וָואסְפַארַא רַעַשׁ עֶר מַאכְט אִין הִימְל מִיט דֶעם, וָואלְט עֶר דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שִׂמְחָה און כַּוָונָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן נָאךְ דִי פְּטִירָה פוּן זַיין מַאמֶע (נַעֲמָה שָׂרָה ע״ה), וָואסְפַארַא טוֹבָה עֶר קֶען טוּהְן פַאר אִיר נְשָׁמָה? הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: זָאלְסְט זָאגְן אַן עֶרְנְסְטֶער ׳אֲשֶׁר יָצַר׳. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן עֶרְלִיךְ אַ בְּרָכָה, בִּפְרַט דִי בְּרָכָה פוּן אֲשֶׁר יָצַר וָואס מֶען לוֹיבְּט און דַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז, וַוייל אוֹיב עֶס וֶועט זִיךְ פַארְמַאכְן דָאס וָואס עֶס דַארְף זַיין אָפֶען, אָדֶער עֶס וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען דָארְט וואו

## דוּ וֵוייסְט וָואס דוּ פַּארְמָאגְסְט?!

עֶס דַארְף זַיין פַּארְמַאכְט, דֶעמָאלְטְס: אִי אֶפְשָׁר לְהִתְקַיֵּם וְלַעֲמֹד לְפָנֶיךָ אֲפִילוּ שָׁעָה אֶחָת, קֶען אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט בְּלַייבְּן לֶעבְּן. נָאר אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט דִי נִסִים וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט מִיט אִים שְׁטֶענְדִיג.

חֲזַ"ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה כד, א): יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ קְוַואל בַּיי זִיךְ אִין הַאלְז, פוּן וואוּ דִי שְׁפַּייעֶכְץ קוּמְט אַרוֹיס, אוּן אַז עֶר זָאל דָאס נִישְׁט הָאבְּן וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרָאפּ שְׁלִינְגֶען דָאס עֶסְן, וַוייל עֶר וָואלְט גְלַייךְ דֶערְשְׁטִיקְט גֶעוָוארְן, אָבֶער אַז עֶס אִיז דָא פַּייכְטְקַייט אִין הַאלְז קֶען דָאס עֶסְן אַרָאפְּגֵיין, אוּן עֶר קֶען שְׁלִינְגֶען.

מֶען זֶעהְט אַז מֶענְטְשְׁן שְׁטוּפֶּען זִיךְ צוּ בַּאקוּמֶען אַ בְּרָכָה בַּיי אַ חוּפָּה וְכוּ', אָבֶער וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן וָואס עֶס וֶוערְט פוּן יֶעדֶע בְּרָכָה וָואס עֶר מַאכְט פַּארְן בַּאשֶׁעפֶער, וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעדַארְפְט מֶען זָאל אִים מְכַבֵּד זַיין, וַוייל עֶר הָאט יֶעדְן טָאג אַזוֹיפִיל בְּרָכוֹת וָואס

דו וֵוייסְט וָואס דו פַּארְמָאגְסְט?!

עֶר קֶען זָאגְן בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, וָואס יֶעדֶע בְּרָכָה אִיז אַ מִצְוָה, [און אַז עֶר ווִיל קֶען עֶר דָאס זָאגְן מִיטְן נִיגוּן פוּן שֶׁבַע בְּרָכוֹת].

ד.

אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ פְרֵייעֶן מִיט אַלֶע מִצְווֹת וָואס עֶר פַּארְמָאגְט: מְזוּזָה, צִיצִית, תְּפִילִין, אַזוֹי ווִי חַזַ"ל זָאגְן (מְנָחוֹת מג ע"ב): וֶוער עֶס הָאט אַ מְזוּזָה אוֹיף זַיין טִיר, צִיצִית אוֹיף זַיין קְלֵייד, טוּט אָן תְּפִילִין אוֹיף זַיין קָאפּ און הַאנְט, הָאט אַ חֲזָקָה אַז עֶר וֶועט נִישְׁט זִינְדִיגְן; אִיז שְׁוֶוער, וֶוער פוּן אוּנְז הָאט דֶען נִישְׁט אַ כָּשֵׁר'ע מְזוּזָה אוֹיפְן טִיר, וֶוער הָאט דֶען נִישְׁט קַיין צִיצִית, וֶוער הָאט דֶען נִישְׁט גֶעלֵייגְט קַיין תְּפִילִין, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן לֵיידֶער לַיידֶער פַאלְט מֶען דוּרְךְ רַחְמָנָא לִצְלָן, פוּן וואוּ נֶעמְט זִיךְ דָאס? חַזַ"ל הָאבְּן דָאךְ גֶעזָאגְט אַ חֲזָקָה אַז מֶען וֶועט נִישְׁט זִינְדִיגְן?!

## דוּ וֵוייסְט וָואס דוּ פַּארְמָאגְסְט?!

נָאר מִיר גֶעפוּנֶען, דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט (הוּבָא בִּבְאֵר הֵיטֵב, אוֹרַח חַיִים סִימָן תמז, סוֹף סְעִיף קָטָן א): וֶוער עֶס אִיז נִזְהָר פוּן אַ מַשֶׁהוּ חָמֵץ אִין פֶּסַח, וֶועט נִישְׁט זִינְדִיגְן אַ גַאנְץ יָאר; אִיז בַּיי דֶעם אוֹיךְ שְׁוֶוער, וֶועלְכֶער אִיד הָאט אֲפִילוּ אַ מַשֶׁהוּ חָמֵץ?! אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע הָאט מְלַמֵד זְכוּת גֶעוֶוען אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן גֶעזָאגְט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! דִי רֶעגִירוּנְג הָאט גֶע'אַסֶרְ'ט צוּ פַארְקוֹיפְן טַאבִּיק, אוּן אַז מֶען כַאפְּט אֵיינֶעם וָואס פַּארְלֶעצְט דֶעם גֶעזֶעץ, בַּאקוּמְט עֶר גָאר אַ הַארְבְּן שְׁטְרָאף, [אַזוֹי וִוי הַיינְט 'דְרָאגְס' רַחְמָנָא לִצְלָן] אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁטֶעלְט אַזוֹיפִיל פָּאלִיצֵיי דָאס נָאכְצוּגֵיין אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם, אוּן דָאךְ פַּארְקוֹיפְט מֶען דָאס שְׁטִילֶערְהֵייט אִין אַלֶע ווִינְקְלֶען, אוּן וֶוער? דִי פָּאלִיצֵיי אַלֵיינְס! וְכוּ', אָבֶער אַז דוּ הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער הָאסְט נָאר גֶעזָאגְט אֵיין וָוארְט: עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט גֶעפוּנֶען קַיין חָמֵץ, בְּבַל יֵרָאֶה וּבַל יִמָצֵא,

## דו וֵויסְט וָואס דו פַארְמָאגְסְט ? !

גֵיי קוּק רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִין אַלֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער אוֹיבּ דו וֶועסְט טְרֶעפְן אֲפִילוּ אַ מַשֶׁהוּ חָמֵץ !

נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעמוּטְשֶׁעט זַיין רֶבִּי׳ן דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ, אַז עֶר זָאל אִים אוֹיסְזָאגְן וִוי אַזוֹי עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַזֶעלְכֶע מַדְרֵיגוֹת, צוּ זֶעהְן אַלֶע עוֹלָמוֹת ? הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט און גֶעזָאגְט (עַיֵּין סֵפֶר חֲרֵדִים בְּהַקְדָּמָה) : גְלֵייבּ מִיר אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטוּעֶן קַיין שׁוּם סִיגוּפִים און עֲבוֹדוֹת, נָאר וֶוען אִיךְ הָאבּ מְקַיֵּים גֶעוֶועזְן אַ מִצְוָה בִּין אִיךְ גֶעוֶועזְן אַזוֹי פְרֵיילֶעךְ, מֶער וִוי דִי שִׂמְחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר זָאל גֶעוִוינֶען דִי וֶועלְטְס גֶעלְט, און אַזוֹי פְרֵיילִיךְ בִּין אִיךְ גֶעוֶועזְן מִיט יֶעדֶע מִצְוָה.

דָאס אִיז גֶעוֶועזְן דִי כַּוָונָה פוּנֶעם אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר מִיט אַ

## דוּ וֵוייסְט וָואס דוּ פַארְמָאגְסְט ? !

מוֹרָא׳דִיגֶע שִׂמְחָה: ״כָאטְשִׁיג אִיךְ בִּין שׁוֹין טַאקֶע דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט וָואס אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן, אָבֶּער דָאךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם, ׳חָמֵץ׳ הָאב אִיךְ נִישְׁט גֶעגֶעסְן״, און אַז עֶר וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם אַ גַאנְץ יָאר, וֶועט עֶר טַאקֶע נִישְׁט זִינְדִיגְן.

וַוייל אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט נָאר, וַוייל עֶר אִיז **בְּעַצְבוּת** און **מָרָה שְׁחוֹרָה** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קסט), וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן, בִּיז צוּ מַחְשָׁבוֹת פוּן זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן רַחְמָנָא לִצְלָן, און אַלֶע דִמְיוֹנוֹת און אַיינְרֶעדֶענִישְׁן וָואס פַּיינִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, נֶעמְט זִיךְ אוֹיךְ נָאר פוּן **עַצְבוּת** און **מָרָה שְׁחוֹרָה** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן כד), אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט אוֹיף צוּ טְרַאכְטְן פוּן זִיךְ, און עֶר הֵייבְּט אָן צוּ טְרַאכְטְן פוּן דִי מְצִיאוּת אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, און עֶר מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן: וָואס הָאב אִיךְ דֶען דֶערְלֵייגְט אוֹיף דֶער וֶועלְט ? ! אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען נַאקֶעט, [נָאר מֶען וִויקֶעלְט אִים

## דו ווייסט וואס דו פארמאגסט?!

גלייך ארום,] און אינעם קבר גיי איך אויך צוריק נאקעט [נאר ארומגעוויקעלט מיט 'תכריכים',] אויב אזוי וואס האב איך ארומצוגיין אזוי צובראכן?! און אויב איז מען נכשל געווארן, קען מען תשובה טוהן, וואס תשובה אליין איז אויך א מצוה; חז"ל זאגן (ויקרא רבה כא, ה): אז א מענטש האט פעקלעך עבירות, זאל ער מאכן אקעגן דעם פעקלעך פון מצוות; און יעדער מענטש האט ברוך השם אסאך מצוות.

דאס איז וואס חז"ל זאגן (מנחות מג ע"ב), אז ווער עס האט א מזוזה אויף זיין טיר, ציצית אויף זיין קלייד, טוט אן תפילין אויף זיין קאפ און האנט, האט א חזקה אז ער וועט נישט זינדיגן; ווייל אז ער פריידט זיך מיט די דריי מצוות וואס ער האט יעדן טאג, וועט אים די שמחה אפהיטן פון אלעם שלעכטס.

## ה.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז אַ מֶענְטְשׁ זוֹכֶה יֶעדְן טָאג צוּ נָאךְ מִצְווֹת, אַזוֹי וִוי 'בִּרְכַּת הַמָּזוֹן' וָואס דָאס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה מִן הַתּוֹרָה (בְּרָכוֹת כא ע"א), עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (וַיַּקְהֵל ריח ע"א): אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל בֶּענְטְשְׁן מִיט אַ שִׂמְחָה, אוּן דֶער חִידָ"א (נִיצוּצֵי אוֹרוֹת שָׁם): לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן דֶעם זוֹהַר אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בֶּענְטְשְׁט מִיט אַ שִׂמְחָה, אִיז דָאס אַ סְגוּלָה עֶר זָאל רַייךְ וֶוערְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי י, כב): בִּרְכַּת הֲוָיָ"ה הִיא תַעֲשִׁיר, וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען טַאקֶע זֶעהְן צוּ בֶּענְטְשְׁן נָאר אִין אַ סִידוּר, אוֹיבּ נִישְׁט, לָאזְט מֶען אוֹיס אַ בְּרָכָה; וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י"ז): בַּיים עֶסְן וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ צוּמִישְׁט; מְמֵילָא כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיסְלָאזְן, [בִּפְרַט דִי בְּרָכָה פוּן עַל הָאָרֶץ וְעַל הַמָּזוֹן,] זָאל עֶר זֶעהְן צוּ בֶּענְטְשְׁן אִין אַ סִידוּר.

## דו ווייסט וואס דו פארמאגסט?!

בשעת אמעריקע האט מלחמה געהאלטן אין 'וויעטנאם' (בשנות תשכ"ה-ל), האט מען יעדן וואס איז נישט געווען איינגעשריבן אין א ישיבה, גענומען אין מיליטער, האב איך מיטגעהאלטן ווי ביי א ווארליכן איד וואס זיין זוהן האט אויך באקומען א איינלאדענונג זיך צו שטעלן פארן מיליטער, [איך האב אויך באקומען דעמאלטס אן 'הזמנה', נאר איך האב געהאט א גרויסער נס,] הער איך ווי דער זוהן זאגט: טאטע, איך וועל גיין זיך שטעלן צום מיליטער, איך האב נישט קיין מורא. זאגט ער אים: וואס רעדסטו, מען וועט דיר דאך אפשערן די בארד און פיאות?! ענטפערט דער זוהן צוריק: אוי וועלן זיי דארפן באצאלן דערפאר, פארקערט, איך וועל נאך רייך ווערן דורכדעם, איך וועל אנקלאגן די רעגירונג אויף א פאר מיליאן דאלער. רופט זיך אן דער טאטע: מיין קינד, זאלסט מיר נישט רייך ווערן פון אפשערן בארד און

## דו ווייסט וואס דו פארמאגסט?!

פיאות, זאלסט בענטשן אין א סידור הויעך, וועסטו ווערן רייך, שרייב דיך איין אין א ישיבה, און מאך נישט קיין קונצן.

דער הייליגער נאסוידער רב זכותו יגן עלינו, פלעגט צוזאגן פאר פרויען וואס זענען געקומען בעטן, געהאלפן צו ווערן מיט קינדער, אז זיי וועלן האבן קינדער, אבער נאר בתנאי אז זיי וועלן זיך איינגאנצן אפשערן די האר, [וואס מען דארף זייער מקפיד זיין אויף דעם, עס שטייט אין זוהר הקדוש (נשא קכה ע"ב): א מורא'דיגע קללה זאל קומען פאר א מענטש וואס ער לאזט זיין ווייב גיין מיט אייגענע האר, און דאס ברענגט ארעמקייט אין שטוב, און נאך אסאך צרות וכו'. ליידער האט זיך די פירצה צוריק אריינגעכאפט, און היימישע ווייבלעך גייען מיט אייגענע האר רחמנא לצלן אונטערן שייטל אדער שפיצל, עס איז נאר פארדעקט פון אויבן, דער הייליגער סאטמארער רב זכותו יגן עלינו, האט

## דו וַייסְט וָואס דו פַּארְמָאגְסְט?!

אוֹיף דֶעם זַייעֶר פַּארְפִירְט, אוּן בַּיי דִי כָּל נִדְרֵי דְרָשׁוֹת הָאט עֶר גֶערֶעדְט אַרוֹיף צוּ דִי וַוייבֶּער שׁוּל אוּן גֶעוַויינְט מִיט טַייכְן טְרֶערְן: מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען קֵיינֶער זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין בֵּיי-הָאר,]

אַמָאל הָאט אַ חָסִיד [אַן עַזוּת פָּנִים] גֶעפְרֶעגְט דֶעם נַאסוֹידֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, רֶבִּי! וָואס וֶועט זַיין אַז אַ פְרוֹי וֶועט זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, אוּן עֶס וֶועט נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, זִי וֶועט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: יַאך [אִיךְ] וֶועל וֶוערְן אוֹיס רֶבִּי, אָבֶּער זִי וֶועט נִישְׁט גֵיין מִיט דִי הָאר.

ו.

קוּמְט אוֹיס אַז פוּן יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אַ אִיד טוּט מִיט שִׂמְחָה, אוּן יֶעדֶע בְּרָכָה וָואס אַ אִיד זָאגְט מִיט אַ שִׂמְחָה בַּאשַׁאפְט עֶר אַ מַלְאָךְ, אוּן דִי מַלְאָכִים בַּאגְלֵייטְן אִים שְׁטֶענְדִיג, נָאר אַ גַאנְצֶע וָואךְ וְוִיבַּאלְד מֶען אִיז

## דו ווייסט וואס דו פארמאגסט?!

פאריאגט און פארפלאגט שפירט מען דאס נישט, אבער ווען עס קומט שבת, הייבט מען דאס אן צו שפירן, דערפאר זאגן חז״ל (שבת קיט ע״ב): ווען א איד קומט אהיים פרייטיג צו נאכטס פון בית המדרש, בענטשן אים די צוויי מלאכים וואס באגלייטן אים שטענדיג; וועגן דעם זינגט מען שלום עליכם, ווייל שבת שפירט שוין יעדער איינער די מלאכים, [דערפאר דארף מען זייער אכטונג געבן גלייך אהיימצוגיין נאכן דאווענען, און נישט בלייבן שמועסן און אויפהאלטן די מלאכים.]

חז״ל זאגן (שבת י ע״ב): דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, איך האב א גוטע מתנה אין מיינע אוצרות, וואס הייסט 'שבת', און איך וויל דאס געבן פאר די אידן, 'לך והודיעם', גיי זיי עס מודיע פאר זיי; טייטשט דער הייליגער חידושי הרי״ם זכותו יגן עלינו (הובא בלקוטי הרי״ם כי תשא), אז יעדע פרייטיג נאכמיטאג פאר עס קומט שבת, גייט משה רבינו ארום

## דו ווייסט וואס דו פארמאגסט?!

צו יעדן איד, און ער איז אים 'מודיע' אז עס קומט שבת, און אזוי איז ער ממשיך אויף יעדן איד די הייליגקייט פון שבת. דאס זאגט דער הייליגער רבי (לקוטי מוהר"ן חלק ב' סימן כ"ו): משה רבינו איז דא ביי יעדן איד, אין זיינע רמ"ח איברים, און שטענדיג איז ער אים מעורר צו טוהן די מצוות.

אבער דווקא ערב שבת פארלייגט זיך דער סמ"ך מ"ם אז מען זאל זיך קריגן אין א אידישער שטוב. דער הייליגער חיד"א זאגט (מורה באצבע סימן ד, אות קמ): ערב שבת זאל מען זיך זייער היטן פון מחלוקת, ווייל דעמאלטס פארלייגט זיך דער שטן אנצומאכן מחלוקת. אזוי ווי די גמרא דערציילט (גיטין נב ע"א): רבי מאיר האט געהאט א שכן וואס יעדן ערב שבת איז דארט געווען מחלוקת, ביז רבי מאיר האט זיך דארט אריין געזעצט פאר דריי וואכן ערב שבת, און עס איז געווארן שלום, האט ער געהערט ווי דער שטן זאגט: ווי איז

## דו ווייסט וואס דו פארמאגסט?!

מיר אז רבי מאיר האט מיר פאריאגט פון דא. דערפאר דארף מען זעהן ערב שבת ארויס צוהעלפן אין שטוב מיט וואס מען קען נאר, און נישט ווארטן ביז די לעצטע מינוט כדי עס זאל חלילה נישט צוקומען צו מחלוקת.

ז.

חז"ל זאגן (שמות רבה לב, ו): דורך יעדע מצוה וואס א מענטש טוט, באשאפט ער א מלאך, און אז ער טוט אסאך מצות, געט אים דער אייבערשטער א האלבן מחנה מיט מלאכים.

און 'די' מלאכים האט יעקב אבינו געשיקט צו עשו, וועגן דעם האט ער געזאגט (בראשית לב, ה): **עם לבן גרתי**, און רש"י זאגט: גרת"י באטרעפט תרי"ג, אז כאטשיג איך האב געוואוינט ביי לבן, און איך האב געהאט שווערע ביטערע נסיונות, דאך האב איך מקיים געווען

## דו וַוייסְט וָואס דו פַּארְמָאגְסְט?!

דִי תַּרְיַ״ג מִצְוֹת. וָואס פוּן דִי אַלֶע מִצְווֹת הָאבּ אִיךְ אָן אַ שִׁיעוּר מַלְאָכִים, כְּדֵי עֵשָׂו זָאל זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן. אַזוֹי וִוי דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (תַּנְחוּמָא ג): אַז דִי מַלְאָכִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁלָאגְן עֵשָׂו, הָאט זֵיי עֵשָׂו גֶעזָאגְט: לָאזְט מִיר אָפּ, אִיךְ בִּין אַבְרָהָם׳ס אֵיינִיקְל! אוּן דִי מַלְאָכִים שְׁלָאגְן נָאךְ מֶער, זָאגְט עֶר זֵיי: אִיךְ בִּין אַ זוּהְן פוּן יִצְחָק! שְׁלָאגְן דִי מַלְאָכִים נָאךְ מֶער, בִּיז עֶר הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ בִּין יַעֲקֹב׳ס בְּרוּדֶער, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: אוֹיבּ אַזוֹי בִּיזְטוּ דָאךְ פוּן אוּנְזֶערֶע, דֶעמָאלְטְס הָאבְּן זֵיי אִים אָפְּגֶעלָאזְט. דָאס הָאט עֵשָׂו גֶעפְרֶעגְט: מִי לְךָ כָּל הַמַּחֲנֶה הַזֶּה אֲשֶׁר פָּגָשְׁתִּי, פוּן וואוּ הָאסְטוּ דִי אַלֶע מַלְאָכִים?! אָבֶּער דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען פוּן דִי אַלֶע תַּרְיַ״ג מִצְווֹת וָואס יַעֲקֹב הָאט גֶעטוּהְן, דָאס הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעטוּהְן פַאר עֵשָׂו: עִם לָבָן גַּרְתִּי וְתַּרְיַ״ג מִצְווֹת שָׁמַרְתִּי.

## דו ווייסט וואס דו פארמאגסט?!

### ח.

דער הייליגער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א' סימן רי"ד): 'תלמוד' באטרעפט אזויפיל ווי די קליפה וואס מאכט זינדיגן דעם מענטש, וואס הייסט 'לילי"ת', און ווען א מענטש לערנט גמרא, איז ער מבטל די קליפה; וועגן דעם האט דער סמ"ך מ"ם זייער מורא פון לערנען גמרא, און ער וועט לאזן דעם מענטש אלעס טוהן, נאר ער זאל נישט לערנען גמרא. חז"ל זאגן (סנהדרין כד ע"א): אויף דעם פסוק (איכה ג, ו): **במחשכים הושיבני**, אין די פינסטערניש האסטו מיר אריינגעזעצט, **זה תלמוד בבלי**, דאס גייט ארויף אויף גמרא בבלי; דאס הייסט אויב עס איז פינסטער פאר א מענטש, עס גייט אים איבער פארשידענע צרות און שוועריקייטן, זאל ער לערנען גמרא.

## דוּ וֵוייסְט וָואס דוּ פַּארְמָאגְסְט?!

עֶס שְׁטֵייט אִין סֵפֶר הַחַיִּים (סֵפֶר זְכִיּוֹת, פֶּרֶק ב. [בְּרוּדֶער פוּן מַהֲרַ"ל מִפְּרָאג]): גְּמָרָ"א אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: גַ'בְרִיאֵל מִ'יכָאֵל רְ'פָאֵל אַ'וֹרִיאֵל, וָואס דִי פִיר מַלְאָכִים הִיטְן אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג. דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי שְׁלֹמֹה'קֶע זֶעוִוילֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט נִישְׁט אַ דַף גְּמָרָא יֶעדְן טָאג, הָאט אַ פָּנִים וְוי אַ חַיָּה. אֵיינְמָאל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט גְּמָרָא, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן: אוֹי אוֹי! אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וְוי עֶר דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ וְכוּ', עֶר הָאט גֶעוָואלְט וַוייזְן פַאר זַיין גַּבַּאי [ר' אֵלִיָּהוּ רָאטְה זַ"ל] אַז מֶען הָאט טַאקֶע אַ פָּנִים פוּן אַ חַיָּה אוּן אַ בְּהֵמָה, אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט נִישְׁט אַ דַף גְּמָרָא אַ טָאג.

וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען כָאטְשִׁיג אֵיין דַף גְּמָרָא, אוּן אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט עֶס נִישְׁט, זָאל מֶען דָאס זָאגְן, אַזוֹי וְוי חֲזַ"ל זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה יט ע"א): **לְעוֹלָם**

## דו ווייסט וואס דו פארמאגסט?!

**לִיגְרִיס אִינִישׁ וְכוּ׳, אַף עַל גַּב דְּלֹא יָדַע מַאי קָאָמַר,** אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג זָאגְן דָאס לֶערְנֶען, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט; דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט נָאךְ מֶער (קְדוֹשִׁים פה ע״ב): **אִית מַאן דְּלָעִי בְּאוֹרַיְיתָא, וּמְגַמְגֵם בָּהּ וְכוּ׳,** אַז אֵיינֶער לֶערְנְט תּוֹרָה, אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אוּן עֶר קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט זָאגְן גֶעהֶערִיג דִי עִבְרִי, מִיט דֶעם אַלֶעם, יֶעדֶע וָוארְט וָואס עֶר זָאגְט, גֵייט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם, אוּן עֶס וֶוערְט דֶערְפוּן גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער אוּן טַייכְן בְּרוּחָנִיוּת וְכוּ׳.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ יֶעדֶע וָואךְ מַעֲבִיר סִדְרָה זַיין (בְּרָכוֹת ח), אוּן אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם, קֶען מֶען דָאס בַּאוַוייזְן (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג). אַזוֹי אוֹיךְ מִשְׁנַיוֹת דַארְף מֶען לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אַזוֹי וְוי חַזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת קכ ע״א): אוֹיפְן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה ג, ז): **וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה,** אִין

## דו ווייסט וואס דו פארמאגסט?!

מיין שטוב איז נישט דא קיין ברויט צו עסן, און קיין קלייד אנצוטוהן; אז דאס גייט ארויף אויף איינעם וואס לערנט נישט: מקרא, משנה, גמרא. ווייל דער וואס לערנט נישט די דריי לימודים יעדן טאג, איז דער גרעסטער ארימאן.

אבער אז מען לערנט יעדן טאג אביסל חומש רש״י, א פרק אדער צוויי דריי פרקים משניות, און די זעלבע זאך א בלאט נאך א בלאט גמרא, דאס באגלייט אים, ווען ער גייט אוועק פון דער וועלט, אזוי ווי דער פסוק זאגט (ישעיה נח, ח): **והלך לפניך צדקך.**

די זעלבע זאך, האט יעדער איד יעדן טאג די מצוה פון צדקה, וואס דער מצוה איז זייער גרויס, נאר די סבה פארוואס א מענטש געט נישט צדקה, ווייל ער טראכט, ער דארף געבן גרויסע געלטער פאר צדקה, און וויבאלד ער האט דאס נישט, געט ער גארנישט; אבער

## דו וַייסְט וָואס דו פַארְמָאגְסְט ? !

וֶוען עֶר זָאל וויסְן ווִי חָשׁוּב עֶס אִיז דִי פָּאר פְּרוּטוֹת וָואס עֶר גֶעט, וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעגֶעבְּן צְדָקָה (עַיֵין לִקוּטֵי הֲלָכוֹת תְּרוּמוֹת וּמַעַשְׂרוֹת, הֲלָכָה ג). דִי גְמָרָא זָאגְט (בָּבָא בַּתְרָא י ע״א): רֶבִּי אֶלְעָזָר הָאט גֶעגֶעבְּן אַפָּאר פְּרוּטוֹת פַארְן דַאוֶוענֶען, כְּדֵי עֶס זָאל נִתְקַבֵּל וֶוערְן זַיין תְּפִלָּה. אַזוֹי דַארְף זִיךְ אַ אִיד מְחַיֶה זַיין אוּן מְחַזֵק זַיין מִיט יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס עֶר טוּט אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם אוּן אוֹיף גָארְנִישְׁט.

ט.

ווִי בַּאוואוּסְט אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט בְּרָאד דֶער בְּרָאדֶער קְלוֹיז, וָואס דָארְט זֶענֶען גֶעוֶוען דִי חַכְמֵי בְּרָאד, וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, אַזוֹי וַוייט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט, עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַ כְּרוּז ווִי דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה זָאגְט: אִיךְ רוּה יֶעצְט בַּיי דֶער בְּרָאדֶער קְלוֹיז. [דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם

## דו ווייסט וואס דו פארמאגסט?!

בית המדרש איז געווען, אז פיר און צוואנציג שעה אין טאג האט מען דארטן געלערנט תורה, ווייל מען האט זיך איינגעטיילט, און אויב איינער איז געבליבן אליין, האט ער געווארט ביז דער צווייטער איז געקומען.]

ווען מען האט אנגעהויבן צו קריגן אויפן בעל שם טוב הקדוש, און די חכמי בראד האבן אים געוואלט אריין לייגן אין חרם רחמנא לצלן, איז דער בעל שם טוב הקדוש פלוצלינג אנגעקומען מיט 'קפיצת הדרך', און ער האט זיך געשטעלט ביי די מזוזה, האבן זיי זיך דערשראקן, און זיי האבן אים אריינגערופן, זאגט דער בעל שם טוב הקדוש: איך קען נישט אריינגיין! פרעגן זיי אים, פארוואס? זאגט ער: ווייל עס איז פול מיט תורה! האבן זיי זיך געוואונדערט, און נישט פארשטאנען וואס ער זאגט, האט ער זיי מסביר געווען: עס שטייט אין תיקוני זוהר (דף כה ע"ב): אזוי ווי א פייגל קען נאר פליען מיט אירע צוויי פליגלעך, אזוי אויך

## דו ווייסט וואס דו פארמאגסט?!

דארף יעדע מצוה האבן צוויי פליגלעך, וואס דאס איז: 'אהבה' מיט 'יראה', און אזוי קען די מצוה ארויפפליען צום אייבערשטן, אבער אז מען האט נישט קיין אהבה צום בורא כל עולמים, און קיין יראה פון בורא כל עולמים, וועט די מצוה נישט ארויף גיין, און אזוי ווי דא איז נישט דא קיין אהבה און קיין יראה, ווייל איר האט מיר געוואלט דן זיין נישט אין מיין געגנווארט, און אן מיר פרעגן, און די תורה זאגט (דברים א, טז): שמע בין אחיכם, מען דארף אויסהערן ביידע זייטן. ממילא איז די תורה געבליבן דא אונטן, ווען דעם איז עס א געפאקטע שול פול מיט תורה, און מען קען נישט אריין גיין.

מען זאגט אויפן גרויסן הייליגן צדיק רבי חיים צאנזער זכותו יגן עלינו, וואס ער איז אויך געווען פון די חכמי בראד, אז ער האט געהאט די צורה פון רבי יוחנן בן זכאי, און פאר ער איז נסתלק געווארן האט ער

## דו ווייסט וואס דו פארמאגסט?!

געבעטן: אז מען זאל זינגען ניגונים בשעת ער גייט אוועק, און ווען מען טראגט אים ביי די לויה. און אזוי איז טאקע אויסגעגאנגען זיין נשמה. ווערט געברענגט פון צדיקים דער טעם אויף דעם, ווייל ביי רבי יוחנן בן זכאי זאגט די גמרא (ברכות כח ע״ב), אז ער האט געוויינט בשעת ער איז נסתלק געווארן, און וויבאלד ער האט געהאט זיין נשמה, האט ער דאס יעצט געוואלט מתקן זיין, האט ער געבעטן אז ביי זיין הסתלקות זאל מען זיין פרייליך און זינגען א ניגון.

אויך איז דעמאלטס געווען צווישן זיי דער הייליגער רבי ישעיה פון אלעסק זכותו יגן עלינו, [וואס ער האט געמאכט א ספר חרב פיפיות אויף די ע״ב שמות וואס איז דא אין קריאת שמע], דערציילט מען אז ער האט זיך אמאל פארלערנט ביינאכט, און די ליכט האט געברענט א גאנצע נאכט, דעמאלטס האט ער געהאלטן אינמיטן שרייבן זיין ספר 'חרב פיפיות', פלוצלינג געט

## דו ווייסט וואס דו פארמאגסט?!

ער אַ קוק, און ער זעהט אַז מענטשן קומען שוין דאַווענען שַחֲרִית בַּיי וָתִיקִין, און די ליכט האט געברענט [בְּדֶרֶךְ נֵס] אַ גאַנצע נאַכט, האט ער פארשטאנען אַז דער סֵפֶר איז אָנגענומען אין הימל, און ער האט געהאט דערפון הַרְחָבַת הַדַּעַת. שפעטער איז אַריין געקומען רֶבִּי חַיִּים צאַנזער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, און ער האט אים נישט געוואלט אָנקוקן, ווייל ער האט געהאט אין זיך עפעס אַ מַחְשָׁבָה פון גַּדְלוּת, אַז ער איז חָשׁוּב אין הימל.

זעהט מען פון דעם, אַז כאָטשיג זיי זענען געווען זייער גרויסע און הייליגע אידן, דאָך האבן זיי געמאַכט אַ טָעוּת און געקריגט אויף דעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ. איז דאָך זיכער אַז היינטיגע צייטן, ווי אַזוי מיר קוקן אויס רַחֲמָנָא לִצְלָן, דאַרף מען זיין זייער געווארנט נישט מְזַלְזֵל זיין חַס וְשָׁלוֹם אין הייליגן רֶבִּי'ן און אין הייליגן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

## דו וֵויייסְט וָואס דו פַּארְמָאגְסְט ? !

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ בָּחוּר הָאבּ אִיךְ אַמָאל אַרוֹיסְגֶעהֶערְט וִוי דֶער וואוֹידִיסְלָאוֶוער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרֵייט אֵיינֶעם אָן [זֶעהְט אוֹיס דֶער אִיד הָאט רַחְמָנָא לִצְלָן גֶערֶעדְט עֶפֶּעס אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן]: וִוי אַזוֹי וַואגְט אִיר זִיךְ צוּ רֶעדְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן ? ! אִיר וֵוייסְט וֶוער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען ? ! רֶבִּי נָתָן וָואלְט גֶעקֶענְט זַיין אַזַא גְרוֹיסֶער רֶבִּי פּוּנְקְט וִוי אַלֶע רֶבִּי׳ס פוּן צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק ! נָאר זַיין גְרוֹיסְקֵייט אִיז גֶעוֶוען, אַז עֶר הָאט אַלֶעס אַוֶועקְגֶעלֵייגְט, אוּן עֶר הָאט בַּאדִינְט זַיין רֶבִּי׳ן, דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נַחְמָן.

וֶועגְן דֶעם דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר קְרִיגְן נִישְׁט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן אוֹיף זַיין גְרוֹיסְן הֵיילִיגְן תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אֵיינֶער וָואס מַאכְט - רַחְמָנָא לִצְלָן - לֵיצָנוּת, נָאר אָנֶעמֶען זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער מִיט תְּמִימוּת, בִּפְרַט דִי עִנְיָן פוּנֶעם ׳סֵדֶר דֶרֶךְ

## דוּ וֵוייסְט וָואס דוּ פַּארְמָאגְסְט ? !

הַלִימוּד׳ (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן עו), וָואס אוֹיבּ מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, נָאךְ אַלְץ יוּנְגֶער בָּחוּר צוּ לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג, גֵייט דָאס שׁוֹין נָאכְדֶעם אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן אוּן צַדִיק רֶבִּי דָוִד, דֶער רָב פוּן קַארְלִין [בַּעַל שְׁאֵלוֹת תְּשׁוּבוֹת שְׁאִילַת דָוִד,] וָואס אוֹיף דֶער עֶלְטֶער הָאט עֶר שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פַארְגֶעסְן רַחְמָנָא לִצְלָן, אָבֶּער וִויבַּאלְד עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶעלֶערְנְט בָּרוּךְ הַשֵׁם, [וִוי בַּאוואוּסְט אִיז עֶר גֶעוֶוען גָאר אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁער מַתְמִיד אוּן אַ הֵיילִיגֶער אִיד,] פְלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג חַזֶר׳ן וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

אַמָאל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ אִיד, אַ מְשׁוּלָח פוּן נֶעוָוארְדִיקֶער יְשִׁיבָה, אוּן עֶר הָאט דֶעמָאלְטְס גֶעזָאגְט גְמָרָא אַזוֹי וִוי זַיין סֵדֶר, פְלוּצְלִינְג כַאפְּט עֶר זִיךְ אַז אֵיינֶער שְׁטֵייט דָארְט, פְרֶעגְט עֶר אִים: וָואס וִוילְט אִיר? זָאגְט עֶר: אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען נָאךְ אַ נְדָבָה פַאר דִי

## דו וֵוייסְט וָואס דו פַארְמָאגְסְט?!

נֶעוָוארְדִיקֶער יְשִׁיבָה, הָאט עֶר אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן זַיין טַאשׁ גֶעלְט אוּן אִים דָאס גֶעגֶעבְּן, אוּן שׁוֹין וַוייטֶער גֶעלֶערְנְט, דֶערְוַוייל אִיז דֶער אִיד גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין דָארְט עֶרְשְׁטוֹינְט, אוּן זִיךְ צוּגֶעקוּקְט צוּ זַיין הַתְמָדָה, נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט בַּאמֶערְקְט עֶר דֶעם אִיד אוּן עֶר פְרֶעגְט אִים נָאכְאַמָאל: וָואס ווילְט אִיר? עֶנְטְפֶערְט עֶר: אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען דָא נָאךְ דִי נְדָבָה פַאר דִי נֶעוָוארְדִיקֶער יְשִׁיבָה, לֵייגְט עֶר אַרַיין דִי הֶענְט אִין טַאשׁ אוּן וִויל אִים גֶעבְּן אַ נְדָבָה, רוּפְט זִיךְ דֶער אִיד אָן: רֶבִּי! אִיר הָאט מִיר שׁוֹין גֶעגֶעבְּן אַ נְדָבָה, זָאגְט עֶר אִים: גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ גֶעדֶענְק גָארְנִישְׁט.

שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער מְשׁוּלָח גֶעפָארְן קַיין 'רַאדִין' צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס עֶר הָאט גֶעזֶעהְן בַּיים גְרוֹיסְן גָאוֹן רֶבִּי דָוִד פוּן קַארְלִין מִיט זַיינֶע אוֹיגְן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִים גֶעבֶּעטְן דֶעם אִיד עֶר זָאל

## דו וֵוייסְט וָואס דו פַארְמָאגְסְט?!

אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף דִי בִּימָה, אוּן דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן הֶערְן אוּן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז גֶעזֶעצְן אוּן גֶעלֶערְנְט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער עֶלְטֶער, אוּן עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ אַלֶעס פַארְגֶעסְן, דָאךְ אָבֶּער דִי תּוֹרָה הָאט עֶר נִישְׁט פַארְגֶעסְן.

זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן מִיר זָאלְן מְקַיֵים זַיין דִי מִצְווֹת יֶעדְן טָאג מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה, וָואס נָאר דָאס וֶועט אוּנְז בַּאגְלֵייטְן, אוּן מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן גָלוּת.

~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

אַ אִיד הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן מ): אוֹיבּ עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ, אַז אַ צַדִיק זָאל זַיין זֵייעֶר גְרוֹיס אֲפִילוּ מֶען זֶעהְט נִישְׁט בַּיי אִים קַיין סְפֶּעצְיֶעלֶע עֲבוֹדוֹת אוּן תְּנוּעוֹת, אַזוֹי וְוי מֶען זֶעהְט בַּיי אַנְדֶערֶע צַדִיקִים, פַּארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי הֶעכֶערֶע עֲבוֹדוֹת וְכוּ'? הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: פַּארְקֶערְט! עֶס קֶען גָאר זַיין אַז דֶער צַדִיק וָואס בַּאהַאלְט זִיךְ אוּן מֶען זֶעהְט נִישְׁט בַּיי אִים אָפֶּענֶערְהֵייט קַיין הֶעכֶערֶע סָארְט עֲבוֹדוֹת, קֶען זַיין אַסַאךְ אַסַאךְ גְרֶעסֶער, אַזוֹי וְוי מִיר גֶעפוּנֶען אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט צְוֵויי נֶעמֶען דֶער שֵׁם 'הֲוָיָ"ה', אוּן דֶער שֵׁם 'אדנ"י', דֶער שֵׁם 'אדנ"י' מֶעג מֶען אַרוֹיס זָאגְן, אָבֶּער דֶער שֵׁם 'הֲוָיָ"ה' טָאר מֶען נִישְׁט אַרוֹיס זָאגְן אַזוֹי וְוי עֶס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן, נָאר מֶען זָאגְט דָאס אַרוֹיס אַזוֹי וְוי דֶער שֵׁם 'אדנ"י', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן, אֲפִילוּ מֶען קֶען דָאס נִישְׁט אַרוֹיס זָאגְן, אִיז דָאס אַסַאךְ הֶעכֶער וְוי דֶער שֵׁם 'אדנ"י'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ: וֶוער עֶס קֶען מִיךְ, וֵוייסְט אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם תְּנוּעָה פוּן קַיין גוּטֶער אִיד, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהְן וְוי אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִינְגֶערְמַאן.

(קוּנְטְרֵס: דֶער טִיר אִיז אָפֶען)

בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת וִויאַזוֹי דוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם

## פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן כָּארְכְטִיגֶער רֶבִּי, דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט, וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

### רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, אוּן זָאגְט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אַז עֶס אִיז גוּט, זָאגְט מֶען פוּן הִימְל, "דָאס אִיז גוּט? אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן וָואס אִיז גוּט!", אוּן מֶען טוּט אִים גָאר גוּט; אָבֶּער וֶוען אַ אִיד בַּאקְלָאגְט זִיךְ אוּן עֶר זָאגְט סְ'אִיז אִים נִישְׁט גוּט, זָאגְט מֶען פוּן הִימְל, "דָאס אִיז נִישְׁט גוּט? אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן וָואס הֵייסְט נִישְׁט גוּט!", גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער נָאכְדֶעם בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע צָרוֹת אוּן נִסְיוֹנוֹת. אִיבֶּערְדֶעם גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ זָאגְן שְׁטֶענְדִיג "עֶס אִיז גוּט", וֶועסְטוּ זֶען דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ מַאכְן בֶּעסֶער.

(אשר בנחל באידיש חלק א' מכתב ס"ט)

# אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

### א.

דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קיח ע״ב): **אִלְמָלֵי מְשָׁמְרִין יִשְׂרָאֵל שְׁתֵּי שַׁבָּתוֹת כְּהִלְכָתָן מִיַּד נִגְאָלִים**, אוֹיבּ וָואלְטְן אִידְן גֶעהִיטְן ׳צְוֵויי שַׁבָּתִים׳ וָואלְטְן זֵיי גְלַייךְ אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן. זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער בְּאֵר מַיִם חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (בְּסִפְרוֹ סִדּוּרוֹ שֶׁל שַׁבָּת בְּהַקְדָּמָה): **חֲזַ״ל** וִוילְן אוּנְז מְרַמֵז זַיין, מֶען זָאל נִישְׁט אָפְּטֵיילְן אֵיין שַׁבָּת

# אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

פוּנֶעם צְוֵוייטְן מִיט דִי וָואכְן טֶעג, אוּן פַארְגֶעסְן אִינְצְוִוישְׁן פוּן שַׁבָּת, נָאר אֵיין שַׁבָּת זָאל זַיין צוּגֶעבִּינְדְן צוּם אַנְדֶערְן שַׁבָּת, דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר וֶועט אַ גַאנְצֶע וָואךְ אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶן דֶעם שַׁבָּת, דָאס וֶועט צוּאַיילְן דִי גְאוּלָה.

דָאס הֵייסְט, וֶוען אַ אִיד אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, אוּן דֶער שַׁבָּת אִיז בַּיי אִים גָאר אַ אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע פְרֵיילִיכֶע זַאךְ, אַזוֹי וַוייט, אַז אַ גַאנְצֶע וָואךְ פַארְגֶעסְט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט פוּן דֶעם שַׁבָּת, אוּן עֶר הַאקְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפּ פוּנֶעם שַׁבָּת, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַ פְרִישֶׁער שַׁבָּת, אִיז דָאס וַוייטֶער פַארְבִּינְדְן צוּם פְרִיעֶרְדִיגְן שַׁבָּת, וַוייל אִין דִי זֶעקְס טֶעג פוּן אֵיין שַׁבָּת בִּיזְן צְוֵוייטְן שַׁבָּת הָאט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דֶעם שַׁבָּת, קוּמְט אוֹיס אַז בֵּיידֶע שַׁבָּתִים זֶענֶען אֵיינִיג, אוּן וֶוען מֶען וָואלְט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט וָואלְט מֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן גָלוּת.

# אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

צַדִיקִים הָאבְּן עֵדוּת גֶעזָאגְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי מְנַחֶם מֶענְדְל פוּן וִויטֶעפְּסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז יֶעדֶער שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אִינְגַאנְצְן אַ נַייעֶ זַאךְ, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אַזוֹי חָשׁוּב, אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהִיטְן קַיין שַׁבָּת, אוּן דָאס אִיז זַיין עֶרְשְׁטֶער אוּן לֶעצְטֶער שַׁבָּת.

שְׁטֶעלְט אַייךְ פָּאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז יֶעצְט אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶר הָאט יֶעצְט אַ אֵיינְמָאלִיגֶע גֶעלֶעגֶענְהֵייט צוּ הִיטְן שַׁבָּת, וָואלְט עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ שַׁבָּת, עֶר וָואלְט גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעשְׁפְּרִינְגְן, אוּן גֶעזִינְגֶען דִי זְמִירוֹת פוּן שַׁבָּת מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שִׂמְחָה, אוּן עֶר וָואלְט גֶעהַאט אַן אַנְדֶערֶע גֶעפִיל אִינֶעם שַׁבָּת, עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעזִיצְן אוּן גֶערֶעדְט שְׁטוּתִים מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, נָאר עֶר וָואלְט זִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶוען אַ גַאנְצֶער שַׁבָּת, מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ ׳שׁוֹמֵר שַׁבָּת׳, וָואס דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אַלֶע

# אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וְוי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קיח ע"ב): **כָּל הַשּׁוֹמֵר שַׁבָּת כְּהִלְכָתוֹ, אֲפִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה כְּדוֹר אֱנוֹשׁ מוֹחֲלִין לוֹ**, אַז אֵיינֶער הִיט שַׁבָּת אַזוֹי וְוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת.

עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (יִתְרוֹ פח ע"ב): **מַהוּ שַׁבָּת? שְׁמָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, שְׁמָא דְאִיהוּ שְׁלִים מִכָּל סִטְרוֹי**; דָאס הֵייסְט, אַ גַאנְצֶע וָואךְ אִיז כַּבְיָכוֹל דֶער בַּאשֶׁעפֶער פַארְשְׁטֶעלְט, וַוייל מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרְבֶּעטְן אוּן זֶענֶען פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט וְכוּ', אָבֶער שַׁבָּת אִיז 'מְלַאכְתּוֹ עֲשׂוּיָה', אַלֶעס אִיז שׁוֹין גֶעפֶערְטִיגְט אוּן אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָפֶען, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ אִינְגַאנְצְן צוּבִּינְדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. וֶועגְן דֶעם אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ אוֹיךְ גֶעדֶענְקְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט עֶר אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן.

# אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

וַוייל דֶער גַאנְצֶער גָלוּת וָואס אַ מֶענְטְש לַיידְט, שְׁפִּירְט נָאר דֶער גוּף, אַזוֹי וִוי צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט: דִי נְשָׁמָה פוּן אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אִין גָלוּת, וַוייל דִי נְשָׁמָה אִיז אַ 'חֵלֶק אֱלוֹקַי מִמַעַל', אַ שְׁטִיק בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דִי גוּף פְּרוּאוְוט מֶען גוּט אוֹיס מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, יֶעדֶער אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע וֶועג, וָואס דָאס אִיז זַיין גָלוּת, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְש שְׁפִּירְט אַז זַיין צָרָה אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער צָרָה. פוּן דֶעסְטְוֶועגְן וֶוען עֶר זָאל אַריין טְרַאכְטְן אוּן גוּט קוּקְן, וֶועט עֶר זֶעהְן אַז נָאךְ אַלֶעם אִיז עֶר נָאךְ דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְש, לוֹיט וָואסְפַארַא צָרוֹת עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַנְדֶערֶע.

אַזוֹי אוֹיךְ בִּכְלָלִיוּת הָאבְּן אִידְן דוּרְכְגֶעמַאכְט אַ בִּיטֶערְן שְׁוֶוערְן גָלוּת שׁוֹין צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר, אוּן נָאךְ יֶעצְט אִיז מֶען אִין אַ פִינְסְטֶערְן גָלוּת, אוּן יֶעדֶער ווִיל שׁוֹין אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת, אוּן וָואס אִיז טַאקֶע דִי עֵצָה?!

# אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז): דֶער עִיקָר גָלוּת אִיז נָאר וֶועגְן עֶס פֶעלְט אֱמוּנָה. וַוייל וֶוען אַ אִיד זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶע קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואלְט אִים קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶּער אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ אַרְבֶּעטְן, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן סב): אֱמוּנָה מֵיינְט: אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן לֶעבְּן אִים, אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט אִין דֶעם קְלָאר, וֶועט עֶר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים בֶּעטְן אוּן דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף פָּשׁוּט אִידִישׁ, וַוייל עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן עֶר גֵייט אִין אִים, עֶר בַּאוֶועגְט זִיךְ אִין אִים, עֶר זֶעהְט אִין אִים, עֶר הֶערְט אִין אִים, עֶר שְׁמֶעקְט אִין אִים, אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער. אוּן

## אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין אֱמוּנָה, זֶעהְט עֶר דִי זַאךְ וָואס עֶר גְלֵייבְּט, אוּן אַז מֶען גְלֵייבְּט אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שְׁפִּירְט מֶען אַז עֶר אִיז דָא.

דָאס הֵייסְט, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה, וַוייל זַיין נְשָׁמָה אִיז אֱמוּנָה, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר וֶוערְט גֶעבּוֹירְן, אִיז דִי נְשָׁמָה אַ קְלֵיין פִּינְטֶעלֶע, אוּן לוֹיט וִויפִיל עֶר אַרְבֶּעט זִיךְ אוֹיס וֶוערְט דִי פִּינְטְל גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער, אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (מִשְׁפָּטִים צד ע״ב), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן גֶעט מֶען אִים אַ ׳נֶפֶשׁ׳, אוֹיבּ אִיז עֶר מֶער זוֹכֶה, גֶעט מֶען אִים צוּ דֶעם ׳רוּחַ׳, אוֹיבּ אִיז עֶר מֶער זוֹכֶה, גֶעט מֶען אִים צוּ זַיין ׳נְשָׁמָה׳; אוּן אַזוֹי גֵייט דָאס הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער בִּיז ׳חַיָה׳ אוּן ׳יְחִידָה׳, אוּן אִין יֶעדֶע פוּן דִי פִינֶעף זַאכְן הָאט אוֹיךְ אִין זִיךְ דִי אַלֶע פִינֶעף זַאכְן, אוּן אַזוֹי גֵייט דָאס וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער אָן אַ שִׁיעוּר. קוּמְט אוֹיס, אַז

# אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

מֶען קֶען נִישְׁט צוּגְלַייכְן דִי אֱמוּנָה פוּן אֵיין מֶענְטְשׁ צוּם אַנְדֶערְן, כָּאטְשִׁיג יֶעדֶער אִיד הָאט אֱמוּנָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן צא): עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מַדְרֵיגוֹת אִין אֱמוּנָה, אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוּמֶען צוּ אַזַא מַדְרֵיגָה אִין אֱמוּנָה, אַז דִי אֱמוּנָה זָאל זִיךְ אִים צוּשְׁפְּרֵייטְן אִין זַיין גַאנְצֶע קֶערְפֶּער, אַזוֹי ווִי דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט (שַׁעַר הַמִּצְווֹת פַּרְשַׁת עֵקֶב): וֶוען מֶען וַואשְׁט זִיךְ דִי הֶענְט, אוּן מֶען זָאגְט 'עַל נְטִילַת יָדַיִם' זָאל מֶען אוֹיפְהֵייבְּן דִי הֶענְט בִּיז קֶעגְן דֶעם קָאפּ, אוּן דוּרְכְדֶעם בְּרֶענְגְט מֶען אַרוֹיף אוֹיף זִיךְ דִי קְדוּשָׁה. אָבֶער צוּ דֶעם מוּז מֶען דָאךְ הָאבְּן אֱמוּנָה אִין דִי הֶענְט, אוּן גְלֵייבְּן אַז מִיט דֶעם וָואס עֶר הֵייבְּט אוֹיף דִי הֶענְט, אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ דִי קְדוּשָׁה; דָאס הֵייסְט 'שְׁלֵימוּת אֱמוּנָה', אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן אָן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַלֶעס אִיז בַּיי אִים נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן וִויבַּאלְד עֶר הָאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה,

## אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

קֶען עֶר רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דִי מַתָּנָה הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן מָשִׁיחַ וֶועט דָאס גֶעבְּן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, גֵייט שׁוֹין מְמֵילָא אַוֶועק דִי גֵיאוּת פוּן אִים, וַוייל פַאר וֶועמֶען זָאל עֶר זִיךְ גְרוֹיס הַאלְטְן, וֶוען נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אַזוֹי וְוי מִיר זָאגְן בַּיים דַאוֶוענֶען: הַגַּאֲוָה וְהַגְּדוּלָה לְחַי עוֹלָמִים. קֵיינֶער עֶקְזִיסְטִירְט בִּכְלַל נִישְׁט נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ה): אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוּמֶען צוּ אַזַא מִין 'בִּיטוּל' בִּשְׁעַת עֶר דַאוֶוענְט, אַז עֶר זָאל שׁוֹין זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ נִישְׁט זֶעהְן. קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָא, נָאר כַּבְיָכוֹל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא.

## אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: וֶוען דִי תַּלְמִידִים פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ וָואלְטְן גֶעהַאט אוּנְזֶערֶע דִיבּוּרִים, וָואלְט בַּיי זֵיי מֶער נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין 'בְּחִירָה', דָאךְ הָאבּ אִיךְ נָאךְ אַ שְׁמוּעֶס, וָואס וֶוען אִיךְ זָאל עֶס אַייךְ זָאגְן, וָואלְט אֲפִילוּ בַּיי עֶנְק אוֹיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין 'בְּחִירָה'. [בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער שְׁמוּעֶס אִיז דָא אִין לִקוּטֵי הֲלָכוֹת שְׁלוּחִין, הֲלָכָה ב, (גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי תּוֹרָה: לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כב), אוּן וֶוער עֶס לֶערְנְט דָאס דוּרְךְ קְלָאר, וֶועט זֶעהְן אַז עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא קַיין בְּחִירָה אוֹיף צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא גָארְנִישְׁט נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער].

דָאס אִיז דֶער שְׁלֵימוּת פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן עֶר הָאט נָאר אֵיין אַדְרֶעס וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל דָאס אַרַיינֶעמֶען אִין זִיךְ אוּן לֶעבְּן אַזוֹי, אִיז

## אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג, בִּפְרַט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ רַחְמָנָא לִצְלָן שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט דִי פָאלְגֶענְדֶע מַעֲשֶׂה (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תרח): אִין דִי צַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיז גֶעוֶוען אַ עֶרְלִיכֶער יוּנְגֶערְמַאן, אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן אוּן חַרִיף, וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג, אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הָאט זִיךְ מִיט אִים גֶעטְשַׁאטְשְׁקֶעט, אוּן יֶעדֶער הָאט אִים זֵייעֶר מְכַבֵּד גֶעוֶוען, עֶר אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מִתְנַגֵּד אוֹיפְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב.

וַיְהִי הַיּוֹם, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזֶעהְן וָואסְפַארַא הֵיילִיגֶע גְרוֹיסֶע נְשָׁמָה דֶער יוּנְגֶערְמַאן הָאט, [בֶּאֱמֶת הָאט יֶעדֶער אִיד אַ הוֹיכֶע נְשָׁמָה, אוּן יֶעדֶער אִיד אִיז אַ דֵיימַאנְט, נָאר דָאס אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט מַארַאסְט אוּן שְׁמוּץ, בִּיז עֶס קוּמְט אַ

צַדִיק, אוּן לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ אִין דִי טִיפֶענִישׁ אוּן נֶעמְט אִים אַרוֹיס פוּן זַיין גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע, אוּן וַואשְׁט אִים אוּן רֵיינִיגְט אִים אָפּ פוּן דִי בְּלָאטֶע וָואס עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ, דֶעמָאלְטְס זֶעהְט מֶען וָואסְפַארַא שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע דֵיימַאנְט עֶר אִיז]. אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים מֶען זָאל זֶעהְן צוּ בְּרֶענְגְן דֶעם יוּנְגֶערְמַאן צוּ אִים.

עֶנְדְלִיךְ הָאט מֶען אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּם בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ, אָבֶּער דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ הָאט אִים אַלְץ אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט אוּן מְרַחֵק גֶעוֶוען, אוּן גָארְנִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט אִים, דֶער יוּנְגֶערְמַאן הָאט גֶעהַאט דֶערְפוּן גְרוֹיס חֲלִישׁוּת הַדַעַת, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעוואוֹינְט שְׁטֶענְדִיג צוּ זִיצְן אוּן לֶערְנֶען, אוּן דָא גֵייט אִים שׁוֹין דוּרְךְ עֶטְלִיכֶע טֶעג מִיט בִּיטוּל תּוֹרָה, [וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען, בִּפְרַט אַז עֶר לֶערְנְט לוֹיטְן ׳סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד׳ פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן

## אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

הָאט עֶר זֵייעֶר לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, און דָאס אִיז זַיין בֶּעסְטֶע פַארְגֶענִיגְן,] און עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט צוּרִיק אַהֵיימְפָארְן, דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִיט גְרוֹיס הַכְנָעָה, און עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, דֶעמָאלְטְס הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ מְקַרֵב גֶעוֶועזְן און אִים גֶעזָאגְט: זָאלְסְט וִויסְן אַז יֶעצְט וֶוען דוּ וֶועסְט צוּרִיק אַהֵיים גֵיין וֶועט דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אָנְהֵייבְּן צוּ רֶעדְן אוֹיף דִיר, און אוֹיךְ דִי גַאנְצֶע מְדִינָה וֶועט רֶעדְן אוֹיף דִיר, און דִי וַוייבּ און קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיף דִיר רֶעדְן, און אֲפִילוּ 'עוֹפוֹת' וֶועלְן דִיר שְׁטֶערְן. [דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ הָאט שׁוֹין מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אוֹיף אִים אַזַא 'רוּחָנִיוּת', אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ.]

וִוי נָאר עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען, הָאט טַאקֶע דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן אוֹיף אִים, דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ און קִינְדֶער הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אִין אִים,

## אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן אוֹיף אִים כָּל דָבָר אָסוּר, אוּן אַזוֹי אַלֶע שְׁכֵנִים, נָאכְדֶעם דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט, נָאכְדֶעם דִי גַאנְצֶע גֶעגֶנְט וְכוּ׳, וָואס דָאס אִיז אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע שְׁוֶוערֶע נִסָיוֹן, אַמָאל וִויל עֶר זִיךְ שְׁטֶעלְן דַאוֶוענֶען מִיט אַ הִתְלַהֲבוּת אוּן אַ חַיוּת, קוּמְט אַ אִינְדִיק [טֶערְקִי] אוּן טַאנְצְט אַרוֹיף אוֹיף אִים, אוּן צוּשְׁטֶערְט אִים דָאס גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן עֶר הָאט אִים פַארְטְרִיבְּן, אוּן וַוייטֶער גֶעדַאוֶוענְט, אָבֶער נָאכְדֶעם וָואס דֶער טֶערְקִי אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען עֶטְלִיכֶע מָאל אוּן אִים גֶעשְׁטֶערְט, הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט נֶעמֶען אַ הַאק, אוּן אִים אָפְּהַאקְן דֶעם קָאפּ: גֶענוּג אַזּ מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן דִי שְׁכֵנִים מִיט דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט קְרִיגְן אוֹיף מִיר, דַארְף אִיךְ נָאךְ לַיידְן פוּן אַ טֶערְקִי אוֹיךְ?! דִי לֶעצְטֶע מִינוּט הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעהַאלְטְן, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט וָואס דֶער

## אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: אֲפִילוּ עוֹפוֹת וֶועלְן אוֹיף דִיר קְרִיגְן, אוּן עֶר זָאל זִיךְ אַיינְהַאלְטְן.

אוּן אַזוֹי זֶענֶען אַלְץ גֶעוֶועןאִידְן וָואס הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע אוּן בִּיטֶערְסְטֶע מַצָּבִים, אוּן נִישְׁט פַאְרלוֹירְן דִי אֱמוּנָה, אוּן עֶס אִיז נָאךְ הַיינְט דָא צְוִוישְׁן אוּנְז אִידְן וָואס זֶענֶען דוּרְךְ דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה, וָואס רַחְמָנָא לִצְלָן זַיי זֶענֶען גֶעוָוארְן גֶעפַּייְנִיגְט אוֹיף דִי עֶרְגְסְטֶע אוֹפַנִים וָואס אִיז נָאר שַׁיָּיךְ, וָואס מֶען קֶען זִיךְ דָאס נִיטְאַמָאל פָאְרשְׁטֶעלְן מִיטְן מֶענְטְשְׁלִיכְן שֵׂכֶל, אוּן זַיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן בַּיי דִי אֱמוּנָה.

וִוי בַּאוואוּסְט אִיז אִין דִי יָארְן פוּן תש״י גֶעוֶועןאִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֵייעֶר אַ שְׁוֶועֶרע מַצָּב, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וָואס צוּ עֶסְן. וַיְהִי הַיּוֹם, הָאט אַ אִיד אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען אַ צֶעטְל אִין דִי שׁוּלְן, אַז מָארְגְן אִין דִי

# אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

צַייט וֶועט זַיין אַ סִיוּם מַסֶכְתָּא, אוּן עֶר שְׁטֶעלְט צוּ אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה פוּן פִּישׁ אוּן פְלֵיישׁ לְכָבוֹד דֶעם סִיוּם, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס הָאט נִישְׁט גֶעפֶעלְט קַיין מֶענְטְשְׁן, וַוייל קֵיינֶער הָאט דֶעמָאלְטְס נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פְלֵיישׁ, אִין אַ צַייט פוּן אַזַא מוֹרָא'דִיגֶע הוּנְגֶער, אָבֶער דֶער אִיד הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפָּארְט אַ פְּרוּטָה נָאךְ אַ פְּרוּטָה, אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ סִיוּם אוֹיף מַסֶכֶת מוֹעֵד קָטָן, אוּן דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט דֶערוֹיף, אוֹיף אַזַא סִיוּם [מוֹעֵד קָטָן] גֶעבְּעִסְטוּ אוֹיס אַזוֹי פִיל גֶעלְט?! הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעטוּהְן.

וִוי בַּאוואוּסְט הָאט מֶען גֶעמוּזְט אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער בַּיי דִי לַאגֶערְן, אִיז גֶעוֶוען צְוִוישְׁן דִי אִידְן אֵיין אִיד וָואס עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ זִיךְ, אוּן עֶר הָאט מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶערֶעדְט, [כָאטְשִׁיג וָואס נָאךְ אַ

# אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

גַאנְצֶע טָאג שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, וֶוען מֶען אִיז גֶעקוּמֶען בַּיינַאכְט שְׁלָאפְן אוֹיף דִי בְּרֶעטֶער, אִיז וִוי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ, אַז מֶען רֶעדְט אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן, אָבֶער לֵיידֶער אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, וָואס זֶענֶען מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן אוּן אַרָאפּ פוּן זִינֶען פוּן דִי פִּיל צָרוֹת וְכוּ׳, אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּ זִיךְ אַלֵיין, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען וָואס זֶענֶען לֵיידֶער צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עֶלֶעקְטֶערִישְׁן דְרָאט אוּן זִיךְ עֶלֶעקְטֶערֶעזִירְט רַחְמָנָא לִצְלָן, וַוייל וִויפִּיל קֶען דֶען אַ מֶענְטְשׁ אוֹיסְהַאלְטְן?!] הָאט מֶען גֶעמֵיינְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אוֹיךְ מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן רַחְמָנָא לִצְלָן פוּן אַזוֹיפִּיל בִּיטֶערֶע צָרוֹת, אוּן וֶועגְן דֶעם הַאלְט עֶר אִין אֵיין זָאגְן עֶפֶּעס.

אֵיין נַאכְט קוּמְט עֶר צוּ אִים צוּ, עֶר וֶועקְט אִים אוֹיף, אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ בֶּעט עֶר אִים אִיבֶּער, אוּן זָאגְט אִים: זַיי מִיר מוֹחֵל וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט, אִיךְ מוּז אַייךְ אָבֶער זֵייעֶר וִויכְטִיג עֶפֶּעס זָאגְן: אִיךְ הָאבּ

## אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

אַלֶע יָארְן גֶעלֶערְנְט שַ״ס, יֶעצְט בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז מוֹעֵד קָטָן דַף ח׳, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז דִי נְשָׁמָה גֵייט מִיר שׁוֹין אוֹיסְגֵיין, דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ אַייךְ אֵיין זַאךְ: אִיר זָאלְט מִיר צוּ זָאגְן אַז וֶוען אִיר וֶועט אִיבֶּערְלֶעבְּן דִי מִלְחָמָה, וֶועט אִיר מַאכְן אַ סִיוּם אוֹיף מַסֶכְתָּא מוֹעֵד קָטָן וָואס אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט פוּן שַ״ס, אוּן מִיר אִינְזִין הָאבְּן, אוּן אִיךְ וֶועל אַייךְ אִינְזִינֶען הָאבְּן דֶערְפַאר, אוּן וִויסְן זָאלְט אִיר אַז אִיךְ בִּין יֶעצְט בַּיי דִי מַדְרֵיגָה פוּן דֶער תַּנָא ׳רֶבִּי עֲקִיבָא׳, וַוייל מֶען הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעפַּיינִיגְט, אוּן מִיר גֵייעֶן אַלֶע אוּמְקוּמֶען אוֹיף קִידוּשׁ הַשֵׁם, נָאר אִיר וֶועט דָאס אִיבֶּערְלֶעבְן, אוּן עֶר לֵייגְט אִים צוּ: דָאס וָואס אִיר הָאט גֶעזֶעהְן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין זָאגְן, אוּן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ בִּין מְשׁוּגָע, זָאלְט אִיר וִויסְן אַז אִיךְ הָאבּ שְׁטֶענְדִיג גֶע׳חַזֶר׳ט גְמָרָא, יֶעצְט בֶּעהְט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט מִיר צוּ זָאגְן אוּן מִיר גֶעבְּן אַ ׳תְּקִיעַת כַּף׳, אַז אִיר וֶועט מַאכְן

# אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

אַ סִיוּם אוֹיף מַסֶכֶת מוֹעֵד קָטָן. בְּלֵית בְּרֵירָה הָאט עֶר אִים צוּגֶעזָאגְט, וְוי אוֹיךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן: עֶר גֶעט דָאךְ מִיר אַזַא גְרוֹיסֶע בְּרָכָה אֶפְשָׁר ווֶעט דָאס טַאקֶע מְקוּיָם ווֶערְן.

וְכַּךְ הֲוָה, דֶער אִיד הָאט גְלַייךְ אוֹיסְגֶעהוֹיכְט זַיין נְשָׁמָה, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז לֵיידֶער קֵיינֶער פוּן דֶעם לַאגֶער נִישְׁט אַרוֹיס לֶעבֶּעדִיג נָאר עֶר אַלֵיין, אִין דֶעם זְכוּת וָואס עֶר הָאט דֶעם אִיד צוּגֶעזָאגְט צוּ מַאכְן דֶעם סִיוּם, אוּן עֶר הָאט אִים דֶערְפַאר אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן דוּרְכְצוּלֶעבְּן דִי קְרִיג. אוּן יֶעצְט אַז עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט דִי מִלְחָמָה מִיט נִיסֵי נִיסִים, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן גֶעקוּמֶען אַבִּיסְל צוּ זִיךְ פוּן דֶעם בִּיטֶערְן חוּרְבָּן וְכוּ׳, הָאט עֶר דָאס מְקַיֵים גֶעוֶוען אוּן יֶעצְט מַאכְט עֶר דֶעם גְרוֹיסְן סִיוּם, אוּן דָאס אִיז דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

# אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן כ״ב): דֶער ׳גֵיהִנוֹם׳ אוּן דֶער ׳גַן עֵדֶן׳ אִיז אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן קי״ט): עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי ׳**עוֹלָם הַזֶה**׳, מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ נָאר אַיין אַז עֶס אִיז דָא ׳**עוֹלָם הַזֶה**׳, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז דָא אָדֶער ׳גֵיהִנוֹם׳ אָדֶער ׳גַן עֵדֶן׳, אוּן לוֹיט דִי צָרוֹת אוּן יְסוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן מִיט אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז דָא דֶער ׳גֵיהִנוֹם׳ אַלֵיין. אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ קְלֶעבְּט זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז נָאר דָא דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן צוּ אִים רֶעדְט עֶר, דֶעמָאלְטְס אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ דֶעם ׳**עוֹלָם הַבָּא**׳ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר לֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן. אוּן דָאס שְׁפִּירְט אַ מֶענְטְשׁ שַׁבָּת, אוּן דִי פְרֵיילִיכְקֵייט אִין לֶעכְטִיגְקֵייט דַארְף מֶען מִיטְנֶעמֶען אוֹיךְ אוֹיף אַ גַאנְצֶע וָואךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ב).

# אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

## ב.

דֶער הֵיילִיגֶער בְּנֵי יִשָּׂשֹׂכָר זָאגְט (מַאֲמָרֵי חָדְשֵׁי כִּסְלָיו טֵבֵת ב, ח): חֲנוּכָּה לַייכְט דֶער 'אוֹר הַגָּנוּז'; וָואס אִיז דֶער 'אוֹר הַגָּנוּז'?! נָאר דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן דִי יְוָנִים אִיז גֶעוֶוען, אַז זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן דֶער עִנְיָן פוּן 'תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה' וָואס דָאס מֵיינְט 'אֱמוּנַת חֲכָמִים', אַז מֶען זָאל חָלִילָה נִישְׁט גְלֵייבְּן אִין דִי צַדִּיקִים, אָבֶּער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אוּן דִי חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן זֵיי בַּאזִיגְט, אוּן עֶס אִיז צוּרִיק שְׁטַארְק גֶעוָוארְן דִי כֹּחַ פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, אִיז גֶעוָוארְן אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה, אַז מִיר גְלֵייבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִין דִי חֲכָמִים.

חֲזַ"ל פְרֶעגְן (מְכִילְתָּא בְּשַׁלַּח, ו): אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת יד, לא): וַיַּאֲמִינוּ בַּה' וּבְמשֶׁה עַבְדּוֹ, אוֹיבּ אִין משֶׁה הָאבְּן זֵיי גֶעגְלֵייבְּט, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז זֵיי הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?! זָאגְט דֶער מְכִילְתָּא: אַז דִי גַאנְצֶע אֱמוּנָה

## אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אוֹיךְ נָאר דוּרְךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וַוייל וֶוען נִישְׁט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער. וַוייל דֶער צַדִיק אִיז מְגַלֶה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם זֵייעֶר מוֹרָא פוּן דֶעם צַדִיק, מְמֵילָא טוּט עֶר אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ פַארְדֶעקְן דֶעם צַדִיק, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת שַׁבָּת הֲלָכָה ה, ט): אוֹיף דֶעם מַאֲמַר חֲזַ״ל (תַּנְחוּמָא סוֹף כִּי תֵצֵא): [עֲמָלֵק] חוֹתֵךְ זְנָבוֹת וְזוֹרֵק כְּלַפֵּי מַעֲלָה; עֲמָלֵק נֶעמְט לֵיידִיג גֵייעֶרְס וָואס זֶענֶען פָּשׁוּטֶ׳ע שְׁוֶוענְץ, אוּן וַוייסְן נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אוּן קֶענֶען נִישְׁט הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, זֵיי נֶעמְט דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם אוּן עֶר הֵייבְּט זֵיי אוֹיף זֵייעֶר הוֹיעֶךְ, אוּן עֶר מַאכְט זֵיי זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן אַלֶע הַאלְטְן פוּן זֵיי, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט; דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס אִיז דָבוּק אִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אֲפִילוּ אֵיין סְקוּנְדֶע, אוּן עֶר קֶען מְחַזֵק

## אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

זַיין יֶעדְן אִיד, אוּן אִים אוֹיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים פַּארְדֶעקְט דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם אִינְגַאנְצְן, אוּן זָאגְט אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט, וַוייל עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּן אִים.

וֶועגְן דֶעם, פַּאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, הָאט דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם גֶעשְׁרִיגְן אוּן פַּארְפִירְט: אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה וֶועט אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט וָואס צוּ טוּעֶן [וַוייל אַז יֶעדֶער בָּחוּר אוּן יוּנְגֶערְמַאן וֶועט מַעֲבִיר סִדְרָה זַיין, אוּן לֶערְנֶען אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן בְּלֶעטֶער גְמָרָא יֶעדְן טָאג וְכוּ׳, אוּן מֶען וֶועט הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע בִּיטֶערְסְטֶע נִסְיוֹנוֹת דוּרְךְ דִי עֵצוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן, הָאט מֶען אִים אִינְגַאנְצְן עֶרְלֶעדִיגְט.] הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעזָאגְט: דִי נְשָׁמָה מוּז שׁוֹין אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דוּ גֵיי טְרֶעף דִיר אַן עֵצָה. הָאט עֶר

# אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַן עֵצָה: מֶען זָאל אָפְּלַאכְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן פוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע לִימוּדִים (עַיֵין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז).

אוּן דָאס אִיז וָואס מֶען צִינְדְט אָן חֲנוּכָּה זֶעקְס אוּן דְרַייסִיג לִיכְטֶעלֶעךְ, וָואס דָאס אִיז קֶעגְן דִי זֶעקְס אוּן דְרַייסִיג מַסֶכְתּוֹת וָואס מִיר הָאבְּן אִין שַׁ"ס (עַיֵין בְּנֵי יִשָּׂשכָר שָׁם). וָואס מִיט דֶעם דֶערְהַאלְטְן מִיר זִיךְ אִין גָלוּת, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כד ע"א): אוֹיף דֶעם פָּסוּק (אֵיכָה ג, ו): בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי, אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ הָאסְטוּ מִיר אַרַיינְגֶעזֶעצְט, זֶה תַּלְמוּד בַּבְלִי, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף גְמָרָא בַּבְלִי; דָאס הֵייסְט, אוֹיב עֶס אִיז פִינְסְטֶער פַאר אַ מֶענְטְשׁ, עֶס גֵייט אִים אִיבֶּער פַארְשִׁידֶענֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן, זָאל עֶר לֶערְנֶען גְמָרָא, אוּן דָאס וֶועט אִים רַאטֶעוֶוען.

## אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן רי״א): אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְמָרָא אִיז עֶר מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה פוּן ׳לִילִי״ת׳ וָואס בַּאטְרֶעפְט וְויפִיל ׳תַּלְמוּד׳, וָואס דִי קְלִיפָּה מַאכְט רַחְמָנָא לִצְלָן זִינְדִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ. דֶערְפַאר, וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְט אַז עֶס גֵייט אִים אִיבֶּער, זָאל עֶר זִיךְ מֶער בַּאהַאלְטְן אִין דִי גְמָרָא, אוּן זָאגְן וִוי מֶער גְמָרָא, אוּן דָאס וֶועט אִים דֶערְהַאלְטְן.

ג.

חֲזַ״ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יח ע״ב): דִי יְוָנִים הָאבְּן גוֹזֵר גֶעוֶוען אַ גְזֵירָה אַז מֶען זָאל נִישְׁט דֶערְמַאנֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְס נָאמֶען, אוּן אַז מֶען הָאט אֵיינֶעם גֶעהֶערְט רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט מֶען אִים גֶע׳הַרְגֶ׳ט. אוּן וֶוען דִי חַשְׁמוֹנָאִים זֶענֶען זֵיי בֵּייגֶעקוּמֶען הָאבְּן זֵיי מְתַקֵּן גֶעוֶוען אַז אֲפִילוּ אוֹיף אַ שְׁטַר זָאל שְׁטֵיין דֶערוֹיף דִי נָאמֶען פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן: ׳בִּסְיַיעֲתָּא דִשְׁמַיָא׳ [בס״ד],

## אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

אָדֶער ׳בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ׳ [בעזהשי״ת], אוּן דָאס גְלַייכְן, אַז אַלֶעס וֶועט גֶעפִירְט נָאר מִיטְן הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיףְ זָאגְן חֲזַ״ל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ב, ד): דִי יְוָנִים הָאבְּן פִינְסְטֶער גֶעמַאכְט דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידְן מִיט זֵייעֶרֶע גְזֵירוֹת, זֵיי הָאבְּן גוֹזֵר גֶעוֶוען: **כִּתְבוּ לָכֶם עַל קֶרֶן הַשּׁוֹר שֶׁאֵין לָכֶם חֵלֶק בֶּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל**, דִי אִידְן זָאלְן אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיף דִי הָארְן פוּן דִי אָקְס אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שוּם שַׁיְיכוּת מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. הָאב אִיךְ גֶעהֶערְט אַ מוֹרָא׳דִיגְן טַייטְשׁ [פוּן אַ אַלְטְן אִיד וָואס אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אִין יָאר תר״ע, וָואס עֶר הָאט דָאס דֶעמָאלְטְס גֶעהֶערְט פוּן אַ אַלְטְן אִיד אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אוּן עֶס קֶען זַיין אַז עֶר הָאט דָאס נָאכְגֶעזָאגְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן], לִכְאוֹרָה פַארְוָואס אִיז זֵיי גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן דָאס אוֹיסְצוּקְרִיצְן פוּנְקְט אוֹיף אַ ׳קֶרֶן הַשּׁוֹר׳?! נָאר אַ הָארְן [שׁוֹפָר] קֶען

מֶען נוּצְן צוּ מַאכְן דֶערְפוּן אַ מִילֶעךְ בָּאטְל פַּאר אַ קִינְד צוּ טְרִינְקֶען, וַוייל מֶען גִיסְט אַרַיין פוּן דִי בְּרֵייטֶע זַייט אוּן דָאס קִינְד טְרִינְקְט פוּן דִי שְׁמָאלֶע זַייט (עַיֵין שַׁבָּת לה ע״ב; לו ע״א), אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר טָמֵא׳נֶע כַּוָונָה, אַז וֶוען דִי בֶּעיבִּי זֵייגְט נָאךְ, אוּן טְרִינְקְט אַ מִילְךְ בָּאטְל, זָאל עֶר שׁוֹין זֶעהְן אַרַיינְגֶעקְרִיצְט קֶעגְן דִי אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם.

ד.

וַיֵּשֶׁב יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מְגוּרֵי אָבִיו (בְּרֵאשִׁית לז, א), בְּרֶענְגְט רַשִׁ״י (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פד, ג): **בִּקֵּשׁ יַעֲקֹב לֵישֵׁב בְּשַׁלְוָה קָפַץ עָלָיו רִגְזוֹ שֶׁל יוֹסֵף** וְכוּ׳, יַעֲקֹב הָאט גֶעטְרַאכְט: אִיךְ הָאב שׁוֹין גֶענוּג צָרוֹת גֶעלִיטְן אִין לֶעבְּן, יֶעצְט וִויל אִיךְ שׁוֹין אַבִּיסְל מְנוּחָה, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג פַּאר דִי צַדִיקִים וָואס עֶס

# אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

**אִיז אָנְגֶעגְרֵייט פַּאר זֵיי אִין 'עוֹלָם הַבָּא', וְוילְן זֵיי נָאךְ זִיצְן רוּאִיג אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיךְ?!**

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיף דֶעם (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רכח): וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעהְט אַז עֶס דָא אַ נְשָׁמָה וָואס קֶען מְקָרֵב זַיין אַנְדֶערֶע צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶעהְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אַז עֶס זָאל זַיין אוֹיף אִים מַחְלוֹקֶת, כְּדֵי עֶס זָאל זַיין אַ נִסָּיוֹן צוּ קוּמֶען צוּ אִים, וַוייל וֶוען אַלֶע זָאלְן הַאלְטְן פוּן אִים וָואלְט דָאךְ גֶעוֶוען 'בִּיטוּל הַבְּחִירָה', וָואס דָאס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וָואס דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען שׁוֹין נִישְׁט אָנְנֶעמֶען קַיין גֵּרִים אוּן בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה, וֶועגְן דֶעם מוּז זַיין מַחְלוֹקֶת אוֹיף דֶעם צַדִּיק, כְּדֵי אַז וֶוער עֶס וֶוערְט מְקוֹרָב צוּ דֶעם צַדִּיק, זָאל דָאס זַיין מִיט אַן אֱמֶת.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק (שָׁם): **בְּאֶרֶץ מְגוּרֵ"י אָבִיו**, אוּן דִי מִדְרָשׁ זָאגְט אוֹיף דֶעם (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פד, ד): יַעֲקֹב אָבִינוּ

הָאט מְגַיֵיר גֶעוֶועֶן גֵרִים אַזוֹי וִוי זַיינֶע עֶלְטֶערְן, דָאס זָאגְן חַזַ"ל (שָׁם, ג): **בִּקֵשׁ יַעֲקֹב לֵישֵׁב בְּשַׁלְוָה וְכוּ׳**, אַז יַעֲקֹב הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט זִיצְן רוּאִיג, וַוייל וִויבַּאלְד עֶר הָאט גֶעמַאכְט גֵרִים, מְמֵילָא הָאט גֶעדַארְפְט זַיין מַחְלוֹקֶת אוֹיף אִים, כְּדֵי עֶס זָאל זַיין אַ בְּחִירָה.

### ה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת הַשְׁכָּמַת הַבּוֹקֶר ד, אוֹת יח-יט): **אַז חִידוּשֵׁי תּוֹרָה וָואס מֶען אִיז מְחַדֵשׁ, וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן בִּינְטְלֶעךְ; וַוייל חִידוּשֵׁי תּוֹרָה וֶוערְט אוֹיפְגֶעבּוֹיט דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען שְׁטֶעלְט צוּזַאם פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם אַנְדֶערְן, אוּן מֶען בִּינְדְט דָאס צוּזַאם.**

אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אַלֶע חִידוּשִׁים וָואס מֶען אִיז מְחַדֵשׁ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן סא): **עֶס אִיז יֶעצְט דָא סְפָרִים אוּן עֶס וֶועט נָאךְ זַיין נָאךְ מֶער סְפָרִים, אוּן אַלֶעס אִיז הֵיילִיג**

## אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

אוּן טֵייעֶר אוּן מֶען דַארְף דָאס הָאבְּן, אוּן נִישְׁט מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן קַיין שׁוּם סֵפֶר וָואס גֵייט בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז דָאס מַסְבִּיר (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת קִידוּשִׁין, הֲלָכָה ג׳): מֶען זֶעהְט, אֵיינֶער וֶוערְט נִתְעוֹרֵר פוּן דֶעם סֵפֶר, אוּן אֵיינֶער פוּן אַ צְוֵוייטְן סֵפֶר, דֶערְפַאר אַז אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְט אַ סֵפֶר וָואס צִיעֶט אִים נִישְׁט אוּן רֶעדְט נִישְׁט צוּ אִים, צְוִוינְגְט אִים קֵיינֶער נִישְׁט אַרייַנְצוּקוּקְן דַוְוקָא אִין דֶעם, נָאר עֶר זָאל זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט אַנְדֶערֶע סְפָרִים וָואס עֶר הָאט יָא אַ גֶעפִיל דֶערִין, אָבֶער נִישְׁט חָלִילָה אָפְּשְׁפֶּעטְן אוּן אָפְּלַאכְן פוּן אַ סֵפֶר, וַוייל אַז אֵיינֶער שְׁפֶּעט פוּן סְפָרִים אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט צוֹאָה אִין קָאפּ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן שָׁם).

מֶען קֶען דָאס זֶעהְן בְּחוּשׁ, אַ חַסִידִי׳שֶׁער אִיד וֶוען עֶר קוּקְט אַרייַן אִין אַ ׳נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ׳, אָדֶער אִין אַ אַנְדֶערֶע חַסִידִי׳שׁ סֵפֶר, וֶוערְט עֶר זֵייעֶר פַארְפְלַאמְט; אָבֶער אַ

## אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

לִיטְוַואק וואונְדֶערְט זִיךְ, דָאס אִיז נִישְׁט דֶער 'פְּשַׁט' אִין פָּסוּק, עֶס אִיז דָאךְ פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט?! און אַ לִיטְוַואק וֶוען עֶר קוּקְט אַרַיין אִין אַ 'מֶשֶׁךְ חָכְמָה' שְׁפְּרִינְגְט עֶר אוּנְטֶער, דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע דֶערְהֶער! אָבֶּער דֶער חַסִידִי'שֶׁער אִיד וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר וִויל. אַ סְפַרְדִי, וֵוייסְט נִישְׁט וָואס בֵּיידֶע פוּן זֵיי וִוילְן, נָאר אַז דוּ וֶועסְט אִים זָאגְן אַ גוּטְן 'גִימַטְרִיָא' אָדֶער עֶפֶּעס אַ 'רֶמֶז', וֶועט עֶר זֵייעֶר נִתְפָּעֵל וֶוערְן, און אַ אוֹיבֶּערְלֶענְדֶער אִיד גְלַייכְט זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶעם 'דְרוּשׁ', זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַלֶע סְפָרִים: פְּשַׁט, רֶמֶז, דְרוּשׁ, סוֹד.

עֶס אִיז דָא אָבֶּער אַזַאלֶעכֶע 'חִידוּשֵׁי תּוֹרָה', וָואס דִי חִידוּשֵׁי תּוֹרָה זֶענֶען גֶעאֵייגְנְט פַּאר יֶעדְן אֵיינֶעם, פוּנֶעם גְרֶעסְטְן בִּיזְן קְלֶענְסְטְן, וָואס דָאס זֶענֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וָואס דָאס אִיז מְחַיֶה און מְחַזֵק און עֶס הֵייבְּט אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ, און עֶס גֶעט אַרַיין אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען אִין אַלֶע סְפָרִים וָואס אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט

# אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

(שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כח), אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, קֶען עֶר מִיט דִי הַקְדָמוֹת פַארְשְׁטֵיין נָאכְדֶעם אִין אַלֶע סְפָרִים.

מִיט דֶעם טַייטְשׁ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אוֹיס (הַשְׁכָּמַת הַבּוֹקֶר שָׁם): דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לז, ז): יוֹסֵף הַצַדִיק הָאט גֶעזָאגְט: **וְהִנֵּה אֲנַחְנוּ מְאַלְּמִים אֲלֻמִּים**, אוּנְז אַלֶע בִּינְדְן מִיר בִּינְטְלֶעךְ; דָאס הֵייסְט, אַלֶע צַדִיקִים זֶענֶען מְחַדֵשׁ שֵׁיינֶע 'חִדוּשֵׁי תּוֹרָה', אָבֶער דָאךְ: **וְהִנֵּה קָמָה אֲלֻמָּתִי וְגַם נִצָּבָה**, מַיינֶע 'חִידוּשֵׁי תּוֹרָה' הֵייבְּט אוֹיף יֶעדְן פוּן דִי נִידֶערִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער, אוּן פוּן זַיין בְּלָאטֶע, מְמֵילָא: **וְהִנֵּה תְסֻבֶּינָה אֲלֻמֹּתֵיכֶם וַתִּשְׁתַּחֲוֶיןָ לַאֲלֻמָּתִי**, הָאט דָאס אַזַא כֹּחַ, אַז אַלֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה וֶוערְן בָּטֵל אוּן פַאלְן אַוֶועק צוּ מַיינֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה.

**וַיְקַנְאוּ בוֹ אֶחָיו**, (בְּרֵאשִׁית לז, יא): דִי בְּרוּדֶערְס הָאבְּן אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן מְקַנֵא צוּ זַיין, אַז עֶר הָאט אַזַאלֶכֶע

חִידוּשִׁים. אוּן דָאס הָאט זַיי גֶעבְּרֶענְגְט צוּ 'שִׂנְאָה', אַזוֹי וְוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית לז, ד): **וַיִּשְׂנְאוּ אֹתוֹ, וְלֹא יָכְלוּ דַּבְּרוֹ לְשָׁלֹם**, בִּיז מֶען הָאט מַתִּיר גֶעוֶוען 'רְצִיחָה', אַזוֹי וְוי דֶער פָּסוּק (שָׁם לז, יח): **וַיִּתְנַכְּלוּ אֹתוֹ לַהֲמִיתוֹ**. אוּן חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פד, יד): זַיי הָאבְּן אָנְגֶערֵייצְט דִי הוּנְט אוֹיף אִים. אוּן וֶוען זַיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז דִי הוּנְט הָאבְּן אִים גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּהְן, הָאבְּן זַיי אִים גֶעוָואלְט הַרְגֶ'עֶנֶען, אוּן זַיי הָאבְּן אִים אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין אַ גְרוּבּ מִיט שְׁלֶענְג אוּן עֶגְדִיסְן, אוּן זַיי הָאבְּן נָאךְ צוּגֶעוָוארְפְן גְרוֹיסֶע שְׁטֵיינֶער אוֹיף אִים (תַּנְחוּמָא הַיָּשָׁן, וַיֵּשֶׁב יג), בִּיז יְהוּדָה הָאט פָארְגֶעשְׁלָאגְן אַז מֶען זָאל אִים פַארְקוֹיפְן, אוּן מֶען הָאט אִים פַארְקוֹיפְט פַאר 'עֶשְׂרִים כֶּסֶף'. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְרַאגֶע, אַ יוּנְגֶע גֶעזוּנְטֶע בָּחוּר זָאל מֶען פַארְקוֹיפְן פַאר אַזַא בִּילִיגְן פְּרַייז?! נָאר פוּן גְרוֹיס שְׁרֶעק פוּן זַיין אִין דֶעם גְרוּבּ, אִיז זַיין גַאנְצֶע צוּרָה

## אַ סוף צו די צָרות

גֶעטוֹישְׁט גֶעוָוארְן, און אִיז גֶעוָוארְן גְרִין און בְּלוֹי, און עֶר אִיז נִישְׁט וֶוערְד גֶעוֶוען מֶער (תַּנְחוּמָא וַיֵּשֶׁב, ב).

בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין מִצְרַיִם, און מֶען הָאט אִים גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיפְן סְטֶעידְזְשׁ וואו מֶען פַארְקוֹיפְט די קְנֶעכְט, שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר, אַ יוּנְגֶער שֵׁיינֶער בָּחוּר וָואס אִיז בִּיז יֶעצְט גֶעזִיצְן און גֶעלֶערְנְט בַּיי זַיין טַאטְן, דַארְף שְׁטֵיין מִיט אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע שְׁוַוארְצֶע קְנֶעכְט און דִינְסְטְן, מִיט דִי גְרֶעסְטֶע פְּרִיצוּת און שְׁמוּץ, און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער גֶעט אַ צִיע בַּיי דִי פֵּאָה, און דֶער גֶעט אַ זֶעץ, דֶער אַ קְנַאק, און יֶעדֶער לַאכְט, און עֶר דַארְף דָארְט שְׁטֵיין גְרָאד וְכוּ׳, וָואס דָאס אַלֶעס אִיז נָאר גֶעקוּמֶען צוּלִיב קִנְאָה און שִׂנְאָה.

און דָאס אִיז די גְרֶעסְטֶער שֶׁקֶ״ר, וַוייל קִ׳נְאָה אִיז מְרוּמָז אִין דֶער מִיטְלְסְטֶער אוֹת פוּנֶעם וָוארְט שֶׁקֶ׳ר, [וָואס דָאס אִיז דֶער ׳יְסוֹד׳ פוּנֶעם וָוארְט,] און מִיט

# אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

קִנְאָה פַאנְגְט זִיךְ אָן אַלֶע צָרוֹת אוּן מַחְלוֹקֶת, נָאכְדֶעם קוּמְט מֶען צוּ שִׂנְאָה, מֶען הָאט שׂוֹין יֶענֶעם פַּיינְט, וָואס דָאס אִיז דִי רֶעכְטֶע אוֹת פוּן שֶׁ׳קֶר, בִּיז מֶען קוּמְט נָאכְדֶעם רַחְמָנָא לִצְלָן צוּ רְ׳צִיחָה, מֶען מֶעג שׂוֹין יֶענֶעם הַרְגֶ׳ענֶען אוֹיךְ רַחְמָנָא לִצְלָן, וָואס דָאס אִיז דִי לִינְקֶע אוֹת פוּן שֶׁקֶ׳ר.

אָבֶער מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט זִיךְ יוֹסֵף גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶועְן דָבוּק אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וואוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען הָאט עֶר מוֹרָא׳דִיג מַצְלִיחַ גֶעוֶוען (בְּרֵאשִׁית לט, ב-ג), וַוייל: ׳כִּי ה׳ אִתּוֹ׳, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער (עַיֵין שָׁם בְּרַשִׁ״י). אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער קֶען אִים קֵיינֶער גָארְנִישְׁט טוּהְן.

חַזַ״ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה כז, ג-ו): אוֹיף יִתְרוֹ וָואס אִיז אַנְטְלָאפְן צוּ מֹשֶׁה אִין מִדְבָּר, אַ מָשָׁל, צוּ אַ פַאנְגֶער

## אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

וָואס כַאפְּט פֵייגְלֶעךְ, אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעזֶעהְן גָאר אַ שֵׁיינֶע פֵייגְל און עֶר הָאט דָאס גֶעוָואלְט כַאפְּן, הָאט זִיךְ דֶער פֵייגְל אַרָאפּ גֶעזֶעצְט אוֹיפְן קְרוֹין פוּן קֵיסָר, הָאט עֶר אִיר שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט שִׁיסְן, וַוייל אֵיין טָעוּת אַז עֶר מַאכְט, הָאט עֶר אַרַיין גֶעשָׁאסְן אִינֶעם קֵיסָר. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוען יִתְרוֹ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ און זִיךְ בַּאזֶעצְט לֶעבְן אִים, הָאט בִלְעָם גֶעזָאגְט (בַּמִדְבָּר כד, כא): עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף זֵייעֶר אַ גוּטְן פְּלַאץ. וַוייל וָואס הָאט עֶר גֶעהֶערְט בַּיי מֹשֶׁה? ! 'וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה', 'וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה', מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶערֶעדְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. און דָאס בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרַיין אִין אוּנְז, צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דָאס וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה.

# אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

## ו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: אוֹיבּ וָואלְט אִיךְ אַרָאפְּגֶעשְׁרִיבְּן דִי 'לִימוּד זְכוּת' וָואס אִיךְ קֶען זָאגְן אוֹיף יֶעדְן אִיד, וָואלְט פוּן יֶעדְן אִיד גֶעוָוארְן אַפָּאר בּוֹיגְן פוּן 'לִימוּדֵי זְכוּת'. דֶערְפַאר דַארְף מֶען מְלַמֵד זְכוּת זַיין, אוּן טְרֶעפְן דָאס גוּטְס בַּיי יֶעדְן אִיד, בִּפְרַט אוֹיף בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, וָואס עֶס גֵייט אוֹיף זֵיי נֶעבֶּעךְ אִיבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן אַזוֹי יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מִיט זַיינֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן, אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ בַּיי יֶענֶעם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אוּן עֶס אִיז דָא אִידְן וָואס לַיידְן מוֹרָא'דִיגֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת, בִּפְרַט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אוֹיבּ מֶען הָאט קְרַאנְקֶע קִינְדֶער, אִיז דָאס דִי עֶרְגְסְטֶע קְלָלָה. דֶער הֵיילִיגֶער 'חֲזוֹן אִישׁ' זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, פְלֶעגְט זִיךְ פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֶעלְן, אָבֶּער אוֹיבּ אִיז אַרַיין

# אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

גֶעקוּמֶען אֵיינֶער וָואס עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז יֶענֶער הָאט גֶעבֶּעךְ אַ קְרַאנְקְן קִינְד, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן פַאר אִים. וַוייל דֶער צַעַר פוּן דֶעם מֶענְטְש אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא גֶענוּג עוֹלָם הַבָּא פַאר אִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: אוֹיב דִי צַדִיקִים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט [וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע אֱמֶתְ׳ע צַדִיקִים], וָואלְטְן גֶעהַאט אַזַא ׳לֵב נִשְׁבָּר׳ וִוי מִיר, וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג ׳עוֹלָם הַבָּא׳ פַאר זֵיי. וַוייל מֶען הָאט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זֵייעֶר אוֹיסְגֶע׳רוֹדֶפְ׳ט, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט שְׁטֶענְדִיג מַחְלוֹקֶת אוֹיף זִיךְ, אוּן עֶר הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מִיטְגֶעמַאכְט אָן אַ שִׁיעוּר.

גְלֵייבְּט מִיר, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אִין מַיין לֶעבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ מִיטְגֶעמַאכְט, אַז מֶען נֶעמְט אַ פַּאפִּיר אוּן מֶען צוּרַייסְט דָאס וֶוערְט דֶערְפוּן צְוֵויי, אוּן אַז מֶען צוּרַייסְט

# אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

דָאס נָאכְאַמָאל וֶוערְט דֶערְפוּן פִיר, און אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז עֶס וֶוערְט אַזוֹי קְלֵיין אַז מֶען קֶען דָאס שׁוֹין מֶער נִישְׁט רַייסְן. אַזוֹי אִיז דָא אַמָאל אַ צַדִיק וָואס מֶען הָאט אִים שׁוֹין אַזוֹי צוּרִיסְן און צוּפִּיצֶלְט, אַז עֶס אִיז שׁוֹין מֶער נִישְׁט דָא אֲפִילוּ וָואס צוּ רַייסְן, אָבֶער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זֶעהְט מֶען אַז מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נָאךְ אִינְזִינֶען צוּ הֶעצְן רַחְמָנָא לִצְלָן. דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מַחְלוֹקֶת, און דַן זַיין יֶעדְן לְכַף זְכוּת.

דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וִוי אַזוֹי זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קי"ב): **אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְכוֹלִין לְקַלְקֵל תַּאֲמִין שֶׁיְכוֹלִין לְתַקֵן**, אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ בִּיזְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן און דוּ הָאסְט קַאלְיֶע גֶעמַאכְט, גְלֵייבּ אַז אוֹיבּ וֶועסְטוּ תְּשׁוּבָה טוּהְן וֶועט דִיר דֶער בַּאשֶׁעפֶער מוֹחֵל זַיין. און אַזוֹי אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּנְז מְחַזֵק, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא, בִּיז

## אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

מֶען פַאנְגְט אָן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם טַעַם פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן מֶען פַאנְגְט אָן צוּ לֶערְנֶען אוֹיךְ מִדְרָשׁ רַבָּה אוּן מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא וָואס דָאס אִיז אַזוֹי שֵׁיין, נָאכְדֶעם מַאכְט מֶען זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, פַארְוָואס זָאל אִיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען אַבִּיסְל יְרוּשַׁלְמִי אוּן תּוֹסֶפְתָּא אוֹיךְ, וָואס אוֹיב מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג בַּ׳בְלִי יְ׳רוּשַׁלְמִי תּ׳וֹסֶפְתָּא בּוֹיעֶט מֶען זִיךְ אַ הוֹיז [בַּיִ״ת], אוּן אַזוֹי אוֹיךְ לֶערְנְט מֶען אַבִּיסְל רַמְבַּ״ם אוּן טוּר, אוּן מֶען שְׁפִּירְט אַזַא חַיוּת אִין דִי תּוֹרָה, אַז מֶען דַארְף שׁוֹין נִישְׁט גָארְנִישְׁט מֶער.

אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַ גְרוֹיסְן צַדִיק אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, רֶבִּי זֶעלִיג רְאוּבֵן בֶּענְגִיס זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, [דֶער יְרוּשָׁלַיִמֶ׳ער רָב, בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר: לִפְלַגּוֹת רְאוּבֵן], פְלֶעגְט מֶען זָאגְן אוֹיף אִים, אַז עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל שַׁ״ס בְּעִיוּן, וַוייל עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג מַאכְן סִיוּמִים, אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ סִיוּם אוֹיף שַׁ״ס, אוּן נִישְׁט לַאנְג דֶערְנָאךְ הָאט עֶר

## אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

גֶעמַאכְט נָאךְ אַ סִיוּם הַשַׁ״ס, אוּן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט, ווִי אַזוֹי אִיז מֶעגְלִיךְ צוּ מַאכְן אַזוֹי שְׁנֶעל נָאךְ אַ סִיוּם הַשַׁ״ס? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אֱמֶת, אִיךְ לֶערְן טַאקֶע בְּעִיוּן, דָאךְ הָאבּ אִיךְ אָבֶּער נָאךְ אַ שִׁיעוּר וָואס אִיךְ זָאג שַׁ״ס, וְוִיבַּאלְד אִיךְ בִּין רָב אִין יְרוּשָׁלַיִם, דַארְף אִיךְ כְּסֵדֶר גֵיין אוֹיף חוּפָּה׳ס אוּן אוֹיף בְּרִית׳ן, הַאלְט אִיךְ מִיט מִיר אַ קְלֵיינֶע גְמָרָא, אוּן בִּיז מֶען קוּמְט אָן, כַאפּ אִיךְ אַלְץ אַרַיין אַבִּיסְל, יֶעצְט הָאבּ אִיךְ מְסַיֵים גֶעוֶוען שַׁ״ס, אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן זָאגְן דָא אוּן דָארְט אַבִּיסְל.

עֶר הָאט גֶעהַאט אַ מִנְהָג אַז צְוֵויי מָאל אַ יָאר פְלֶעגְט עֶר גֵיין בַּאזוּכְן דֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן רֶבִּי אִיסָר זַלְמָן מֶעלְצֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אוּן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן נָאכְן בַּאזוּךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: יַישֶׁר כֹּחַ! אוּן נָאכְדֶעם אִיז עֶר אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע ווּאוּנְדֶער, סַיי דָאס בַּאזוּכְן, וַוייל רֶבִּי

## אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

אִיסָר זַלְמָן אִיז גֶעוֶוען יוּנְגֶער פוּן אִים וְכוּ׳, בִּפְרַט אִיז גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט דָאס זָאגְן יֶעדֶעס מָאל יַיִשֶׁר כֹּחַ פַאְרן אַוֶועקְגֵיין, הָאבְּן דִי יְרוּשָׁלַיִמֶ׳ע אִידְן זִיךְ גֶעוַואגְט אִים צוּ פְרֶעגְן דֶערוֹיף, הָאט עֶר גֶעזָאגְט, אִיךְ וֶועל אַייךְ עֶפֶּעס דֶערְצֵיילְן: מִיר הָאבְּן בֵּיידֶע גֶעלֶערְנְט אִין וַואלָאזְשֶׁענֶער יְשִׁיבָה, וָואס אִין יֶענֶע צַייט זֶענֶען גֶעוֶוען אִין וַואלָאזְשִׁין גֶעפֶּערְלִיכֶע מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים, וָואס הָאבְּן גֶעמַאכְט לֵיצָנוּת פוּן דִי גְמָרָא, אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעטֵיילְט טָמֵא׳נֶע בִּיכֶער, כְּדֵי אַרַיינְצוּכַאפְּן דִי גוּטֶע קֶעפּ. לֵיידֶער אִיז זֵיי דָאס גֶעלוּנְגֶען אוּן זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶעכַאפְּט אָן אַ שִׁיעוּר בָּחוּרִים לוֹמְדִים, וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ פוּן אִידִישְׁן וֶועג רַחְמָנָא לִצְלָן.

אֵיין שֵׁיינֶעם טָאג - פַארְצֵיילְט עֶר וַוייטֶער - הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ צוּגֶעכַאפְּט צוּ אַזַא בּוּךְ, אוּן עֶס הָאט מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ צִיעֶן, אוּן רֶבִּי אִיסָר זַלְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דָאס בַּאמֶערְקְט, הָאט עֶר דָאס גְלַייךְ מִיט זַיין הוּט

# אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

אַרוֹיסְגֶעקְלַאפְּט פוּן מַיינֶע הֶענְט בִּיז דָאס אִיז אַרוֹיסְגֶעפַאלְן, וַוייל עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט אֲפִילוּ אָנְרִירְן, אוּן הָאט דָאס אַזוֹי גֶעשְׁטוֹיסְן מִיט זַיינֶע פוּס בִּיז צוּם אוֹיוְון, אוּן דָאס פַארְבְּרֶענְט, אוֹיךְ הָאט עֶר מִיר פָארְגֶעהַאלְטְן אוֹיף דֶעם.

לְמַעֲשֶׂה הָאט מֶען בַּיים סוֹף פַארְמַאכְט דִי יְשִׁיבָה, וַוייל מֶען הָאט אַיינְגֶעזֶעהְן אַז עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין יְשִׁיבָה ווִי אֵיידֶער מֶען זָאל רַחְמָנָא לִצְלָן גֶעכַאפְּט וֶוערְן אִין מִינוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת.

הָאט עֶר אוֹיסְגֶעפִירְט: וֶועגְן דֶעם קוּם אִיךְ אִים שְׁטֶענְדִיג בַּאזוּכְן, אוּן אִים אָפְּדַאנְקֶען, אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מְסַיֵים גֶעוֶוען אַזוֹיפִיל מַסֶכְתּוֹת, אַזוֹיפִיל מָאל גֶעלֶערְנְט שַׁ״ס, אוּן אִיךְ זָאג דֶעם יַישֶׁר כֹּחַ אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט מִיר גֶערַאטֶעוֶועט מַיין לֶעבְּן, וַוייל וֶוען נִישְׁט אִים וָואלְט אִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן מִיט מִינוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל

## אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת

אָפְּהִיטְן. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם, אַז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַז מֶען רַאטֶעוֶועט אַ אִידִישׁ קִינְד.

אַזוֹי וִוי גְלַייךְ פוּן דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ גֵייט מֶען אַרַיין אִין דִי לִיכְטִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג, וָואס דֶעמָאלְטְס שַׁיינְט אוֹיף דֶער 'אוֹר הַגָּנוּז', אוּן דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע גֶעלֶעגְנְהַייט צוּזַאם צוּ בִּינְדְן דִי צְוֵויי לֶעכְטִיגֶע שַׁבָּתִים, זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן אַז אִין דֶעם זְכוּת זָאל מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

**~תַּם וְנִשְׁלַם, שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~**

בעזהשי"ת

# קונטרס

# עס וועט דיר נאך לעבטיג ווערן

וואס דאס איז א וואונדערליכע שיעור, געזאגט געווארן דורך

## כבוד קדושת הרב הצדיק מוהרא"ש שליט"א

אריינצוברענגען אין אונז די ריינע און קלארע אמונה אין באשעפער,
ווי אויך עצות און התחזקות וויאזוי אדורך צו גיין דעם לעבן בשלום.

## פרשת מקץ תשע"ג

געבויעט און באגרינדעט אויף די ווערטער פון אונזער הייליגער און פארכטיגער רבי,
דער באהאלטענע ליכטיגקייט, דער הייליגער הויכער ליכט, אדוננו, מורינו ורבינו

## רבי נחמן מברסלב, זכותו יגן עלינו

און אויף די ווערטער פון זיין תלמיד, מורינו הגאון הקדוש, א וואונדערליכע ליכט,
וואס קיין שום באהעלטעניש איז נישט פארהוילן פון איהם,

## רבי נתן מברסלב, זכותו יגן עלינו

און עס איז צוזאמגעפלאכטן מיט פסוקים פון תורה, נביאים, כתובים, און מאמרים
פון אונזערע הייליגע חכמים פון גמרא און מדרשים און הייליגן זוהר.

עס איז געברענגט געווארן צום דרוק
דורך חסידי ברסלב - נוא יארק יצ"ו

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן י׳) פַּארְוָואס אִיז אַ מֶענְטְשׁ אַזוֹי וַוייט פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת, פַּארְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת? וַוייל עֶר אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, פַּארְוָואס אִיז עֶר נִישְׁט פְרֵיילִיךְ? וַוייל עֶר טְרֶעפְט נִישְׁט אִין זִיךְ קַיין נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, עֶר אִיז זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דַן לְכַף חוֹב; אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אַרַיין אִין דִיר אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן נָאר אוֹיף שִׂמְחָה, זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ שְׁטֶענְדִיג, אוּן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיג פָּנִים, אַ שְׁמֵייכְל אוֹיפְן פָּנִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן קנ"ג) וֶוען אַ אִיד הָאט אַ לֶעכְטִיג פָּנִים אוּן שְׁמֵייכְלְט שְׁטֶענְדִיג, לַייכְט אִין אִים דִי פָּנִים פוּן צַדִיק; אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, הֵייבּ אָן מִיט שִׂמְחָה, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ גֶעבְּן אַ לֶעכְטִיג לֶעבְּן אוּן אַ פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן, אוּן דוּ וֶועסְט צוּבְּרֶעכְן אַלֶע מִדוֹת רָעוֹת אוּן אַלֶע תַּאֲוֹות רָעוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, וָוארוּם דוּרְךְ שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט מֶען אַלְצְדִינְג, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט בְּפֵירוּשׁ (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן כ"ד) אַז דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ צוּ קוּמֶען צוּ שִׂמְחָה; אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן זַיי נָאר פְרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ זֶען אַז אַלֶעס וֶועט פַארְוָואכְטְן וֶוערְן עַל צַד הָכִי טוֹב.

(אשר בנחל באידיש חלק א׳ מכתב ס"ט)

# עֶס װעט דִיר נָאךְ לֶעכְטִיג װֶערְן

א.

**וַיְהִי מִקֵּץ שְׁנָתַיִם יָמִים** (בְּרֵאשִׁית מא, א), בְּרֶענְגְט דֶער מִדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פט, א), דֶעם פָּסוּק (אִיוֹב כח, ג): **קֵץ שָׂם לַחֹשֶׁךְ**, דִי צָרוֹת אוּן פִינְסְטֶערְנִישׁ הָאט אוֹיךְ אַ צַייט װִילַאנְג דָאס װֶעט אָנְהַאלְטְן, אָבֶער נָאכְדֶעם װֶעט מֶען אַרוֹיסְגֵיין דֶערְפוּן.

מֶען זֶעהְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט: מִיר װֶעט שׁוֹין שְׁטֶענְדִיג פִינְסְטֶער זַיין, אוּן אִיךְ װֶעל שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט

## עֶס װֶועט דִיר נָאךְ לֶעכְטִיג װֶוערְן

אַרוֹיס גֵיין פוּן מַיין צָרָה, אוּן עֶס וֶועט מִיר שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט לִיכְטִיג זַיין וְכוּ׳, אוּן אַז אֵיינֶער דַארְף נֶעבֶּעךְ שְׁמַאכְטְן אִין תְּפִיסָה רַחְמָנָא לִצְלָן, טְרַאכְט עֶר אַז עֶר וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט פוּן דָא אַרוֹיסְגֵיין. אָדֶער יֶעדֶער וָואס שְׁמַאכְטֶעט נֶעבֶּעךְ אִין זַיין אֵייגֶענֶע תְּפִיסָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין תִּקוּנֵי זוֹהַר (כב ע״א): **לְתַבְרָא בֵּית אַסִירִין** דִילְהוֹן, דֶער גוּף פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אוֹיךְ אַ תְּפִיסָה פַאר זַיין נְשָׁמָה; דָאס הֵייסְט, אַמָאל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין אַ תְּפִיסָה אוּן זַיין נְשָׁמָה פַּיינִיגְט זִיךְ דָארְטְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט מֶענְטְשְׁן פַּיינִיגְן זִיךְ אַלֵיין, בִּשְׁעַת קֵיינֶער רוֹדֶפְ׳ט זֵיי נִישְׁט. אוּן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ דַאכְט זִיךְ אַז פַאר יֶענֶעם גֵייט בֶּעסֶער, וָואס דָאס אִיז בֶּאֱמֶת אַ גְרוֹיסֶער נַארִישְׁקֵייט, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיין פֶּעקְל צָרוֹת, נָאר קֵיינֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶרֶעסִירְט צוּ דֶערְצֵיילְן זַיינֶע צָרוֹת פַאר אַ צְוֵוייטְן, אַזוֹי וִוי דִי וֶועלְט זָאגְט: מֶען וַואשְׁט נִישְׁט דִי שְׁמוּצִיגֶע וֶועשׁ אִינְדְרוֹיסְן.

# עֶס וֶועט דיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קיט): דִי וֶועלְט זָאגְט אַז עֶס אִיז דָא **'עוֹלָם הַזֶה'** אוּן **'עוֹלָם הַבָּא'**, **'עוֹלָם הַבָּא'** גְלֵייבְּן מִיר אַז עֶס אִיז דָא, אָבֶּער **'עוֹלָם הַזֶה'** אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא, אוּן לוֹיט דִי צָרוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן מִיט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אִיז דָא דֶער גֵיהִנוֹם. נָאר עֶס אִיז דָא אֵיין עֵצָה, צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, יג, ז): אוֹיפְן פָּסוּק (אִיּוֹב ה, ז): **אָדָם לְעָמָל יוּלָּד**, אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁעןֶ, **וְאַשְׁרֵי מִי שֶׁעֲמָלוֹ בַּתּוֹרָה**, ווארִיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִין דִי תּוֹרָה; דָאס הֵייסְט, וִויבַּאלְד מֶען דַארְף זִיךְ שׁוֹין יָא מוּטְשֶׁעןֶ, זָאל דָאס כָאטְשׁ זַיין אִין דִי תּוֹרָה. אוּן אֲפִילוּ עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער אוֹיפְצוּמַאכְן אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנָיוֹת, אַ גְמָרָא, אַ מִדְרָשׁ, זָאל עֶר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן אִין דֶעם אַרֵיינְלֵייגְן זַיין פְּלָאג, יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען דִי פִּיר לִימוּדִים, וָואס דוּרְךְ דֶעם בְּרֶענְגְט עֶר אַרוֹיף אוֹיף זִיךְ אַ מוֹרָא'דִיגֶע לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן דִי פִּיר

עוֹלָמוֹת: 'אֲצִילוּת, בְּרִיאָה, יְצִירָה, עֲשִׂיָּה', אַזוֹי וִוי דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שַׁעַר הַמִּצְווֹת, פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן): **מִקְרָא**: אִיז אִין **'עוֹלָם הָעֲשִׂיָּה'**. **מִשְׁנָה**: אִיז אִין **'עוֹלָם הַיְצִירָה'**. **גְמָרָא**: אִיז אִין **'עוֹלָם הַבְּרִיאָה'**. **מִדְרָשׁ אוּן זוֹהַר**: אִיז אִין **'עוֹלָם הָאֲצִילוּת'**.

דָאס זָאגְט דֶער מִדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פט, א): **קֵץ שָׂם לַחֹשֶׁךְ, זְמַן נָתַן לְעוֹלָם כַּמָּה שָׁנִים יֵעָשֶׂה בָּאֲפֵילָה**, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אַמָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיינֶע צָרוֹת. אַ בָּחוּר רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז עֶר וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מִיט זַיין צָרָה, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, אַז עֶס קוּמְט פַאר יֶעדְן דִי צַייט וֶוען עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן זַיינֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

ב.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לג): **אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג נָאכְגֵיין אוּן זֶעהְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אִידְן, אוּן אוֹיךְ אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ בַּיי זִיךְ**

## עֶס װֶעט דִיר נָאךְ לֶעכְטִיג װֶוערְן

אַלֵיין זָאל זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס זָאל אִים נִישְׁט זַיין קַיין חִילוּק וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, שְׁטֶענְדִיג זָאל עֶר טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה דוּרְךְ דִי 'תּוֹרָה', וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן: 'שָׁלוֹם', אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי ג, יז): **וְכָל נְתִיבוֹתֶיהָ שָׁלוֹם.** אוּן אוֹיךְ דוּרְךְ דִי '**צַדִיקִים**' וָואס וֶוערְן אוֹיךְ אָנְגֶערוּפְן: '**בְּרִית שָׁלוֹם**' (הַשְׁמָטַת הַזוֹהַר בְּרֵאשִׁית, רנז ע"א). דוּרְכְדֶעם קֶען זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אִידְן, אַז אִידְן זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ זָאל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זַיין צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מַחְלוֹקֶת, אוּן נִישְׁט רוֹדֶף'ן אָדֶער וֵויי טוּהְן אַ צְוֵוייטְן, נָאר זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ הָאבְּן אוּן שְׁטֶענְדִיג דַן זַיין יֶעדֶע אִיד לְכַף זְכוּת. חֲזַ"ל זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה ד ע"א): אַזוֹי וִוי דִי טֶבַע אִיז בַּיי פִּישׁ, אַז דֶער גְרֶעסֶערֶער עֶסְט אוֹיף דֶעם קְלֶענֶערְן, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי מֶענְטְשְׁן, וְויל אֵיינֶער אוֹיפְעֶסְן דֶעם אַנְדֶערְן, אוּן וֶוען מֶען

## עֶס וֶועט דִיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

וָואלְט נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דִי רֶעגִירוּנְג, וָואלְט אֵיינֶער אוֹיפְגֶעגֶעסְן דֶעם אַנְדֶערְן לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט (אָבוֹת ג, ב). אוּן בַּיי יֶעדֶע מַחְלוֹקֶת, שְׁרֵייט מֶען אַז מֶען מֵיינְט דָאס 'לְשֵׁם שָׁמַיִם', אוּן בֶּאֱמֶת נֶעמְט זִיךְ אַלֶע מַחְלוֹקֶת נָאר פוּן קִנְאָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַ בְּרֶסְלְבֶ'ער חָסִיד רֶבִּי חַיִים בִּנְיָמִין בְּרָאד זַ"ל, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען נָאר פְרֵיילֶעךְ, כָאטְשִׁיג עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין רוּסְלַאנְד אוּנְטֶער דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע קָאמוּנִיסְטְן יִמַח שְׁמָם, וָואס הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן אִידִישְׁקֵייט רַחְמָנָא לִצְלָן, מֶען הָאט אִים אַמָאל גֶעכַאפְּט לֵייגְן טַלִית אוּן תְּפִילִין, הָאט מֶען אִים גְלַייךְ אַרַיינְגֶעשְׁלַיידֶערְט אִין תְּפִיסָה, אָבֶּער וְויבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד, הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען טַאנְצְן: בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז צוּלִיבּ לֵייגְן תְּפִילִין הָאט מֶען מִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט דָא. הָאבְּן זִיךְ דִי אוֹיפְזֶעהֶערְס דָארְטְן אָנְגֶערוּפְן אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן: עֶר אִיז דָאךְ אַ

# עֶס וֶועט דִיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

מְשׁוּגֶענֶער, עֶר טַאנְצְט אַ גַאנְצְן טָאג, מֶען דַארְף אִים אַרוֹיסְלָאזְן! [בַּיי דִי רוּסְן יִמַח שְׁמָם הָאט מֶען אִידִישְׁקֵייט וְכוּ׳ גֶעדַארְפְט אוֹיסְרַייסְן, אָבֶער אוֹיף אַ מְשׁוּגָע׳נֶעם הָאט מֶען רַחְמָנוּת גֶעהַאט], אָבֶער בַּיים אַרוֹיסְלָאזְן דַארְף מֶען אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן, אוּן וְוִיבַּאלְד עֶס אִיז גֶעוֶוען שַׁבָּת, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט מְחַלֵל שַׁבָּת זַיין אוּן אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן בְּשׁוּם אוֹפָן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: עֶר שְׁרַייבְּט נִישְׁט שַׁבָּת. הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: ווִילְסְטוּ דֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין?! שְׁרַייבּ דַיין נָאמֶען אוּן בִּיזְט פְרֵיי! הָאט עֶר נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט: נֵיין! שַׁבָּת שְׁרַייבּ אִיךְ נִישְׁט. רוּפְן זֵיי זִיךְ אָן: וֶועסְטוּ דָא בְּלַייבְּן שְׁמַאכְטְן אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין.

הָאט עֶר גֶענוּמֶען טַאנְצְן נָאךְ מֶער: בָּרוּךְ הַשֵׁם אַז נִישְׁט נָאר מֶען הָאט מִיר אַיינְגֶעזֶעצְט וֶועגְן טַלִית וּתְפִילִין, נָאר יֶעצְט ווִילְן זֵיי מִיר דָא לָאזְן שְׁמַאכְטְן וֶועגְן הִיטְן שַׁבָּת, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְטֶערְלִישׁ פְרֵיילִיךְ, אוּן נָאר

# עֶס וֶועט דִיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

גֶעטַאנְצְן אַגַאנְצְן שַׁבָּת פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט: וֶוען וֶועסְטוּ יָא קֶענֶען חַתְמֶ'עֶנֶען?! הָאט עֶר גֶעזָאגְט: וֶוען אִיר וֶועט זֶעהְן שְׁטֶערְנְס אִינְדְרוֹיסְן, זֵיי הָאבְּן קוֹים אוֹיסְגֶעוַוארְט בִּיז בַּיינַאכְט, אוּן גְלַייךְ אִים גֶעהֵייסְן חַתְמֶ'עֶנֶען, אוּן פַארְשִׁיקְט פוּן דָארְט.

זַיין אֵיידֶעם דֶער בַּאקַאנְטֶער מַגִיד רֶבִּי יַעֲקֹב גַאלִינְסְקִי שְׁלִיטָ"א, הָאט טַאקֶע דֶערְצֵיילְט אַז זַיין שְׁוֶוער פְלֶעגְט נָאר רֶעדְן פוּן שִׂמְחָה, אוּן שְׁטֶענְדִיג פְלֶעגְט עֶר רֶעדְן דִי תּוֹרָה פוּן: **'אַזַמְרָה'** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפב), וָואס דָארְט שְׁמוּעֶסְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיס, דִי וִויכְטִיגְקֵייט פוּן זַיין פְרֵיילֶעךְ אוּן טְרֶעפְן שְׁטֶענְדִיג **'נְקוּדוֹת טוֹבוֹת'** בַּיי זִיךְ אוּן בַּיי יֶעדְן אִיד, אוֹיךְ פְלֶעגְט עֶר אַסַאךְ חַזֶרְ'ן דִי תּוֹרָה פוּן: **בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קצה), אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז זֵייעֶר עֶנְג פַאר אַ מֶענְטְש, זָאל עֶר טְרֶעפְן דִי 'הַרְחָבוֹת', אוּן זֶעהְן דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט אַ צָרָה.

## עֶס וֶועט דִיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

הָאט דֶער מַגִיד רֶבִּי יַעֲנְקֶעלֶע גַאלִינְסְקִי שְׁלִיטָ"א אוֹיךְ אַמָאל פַארְצֵיילְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה, וָואס עֶר הָאט אַלֵיינְס בַּייגֶעוואוֹינְט, עֶר הָאט אַמָאל גֶעוָואלְט גֵיין צוּם פָּאנֶעוִויזְשֶׁער רֹאשׁ יְשִׁיבָה דֶער בַּאוִויסְטֶער גָאוֹן הָרַב שַׁךְ זַצַ"ל, [עֶר הָאט אִים נָאךְ גֶעקֶענְט פוּן יוּרָאפּ,] הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ טֶעקְסִי, פְרֶעגְט אִים דֶער טֶעקְסִי דְרַייוֶוער: וואוּ ווילְט אִיר פָּארְן? זָאגְט עֶר: קַיין בְּנֵי בְּרַק צוּ 'הָרַב שַׁךְ', אוּן עֶר הֵייבְּט אִים אָן מַסְבִּיר צוּ זַיין: עֶר אִיז אַן אָדָם גָדוֹל, עֶר קֶען כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ, אָבֶער דָאס הָאט דֶעם פְרֵייעֶן טֶעקְסִי דְרַייוֶוער גָארְנִישְׁט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, עֶר פְרֶעגְט אִים נָאר: בְּרָכוֹת טֵיילְט עֶר?! עֶנְטְפֶערְט רֶבִּי יַעְנְקֶעלֶע: אַז דוּ ווילְסְט אַ בְּרָכָה, וֶועל אִיךְ אִים זָאגְן, אוּן עֶר וֶועט דִיר זִיכֶער גֶעבְּן אַ בְּרָכָה, עֶר קוּמְט אַרַיין צוּ אִים, אוּן עֶר שְׁטֶעלְט אִים פָאר: עֶר הָאט מִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט מִיטְן טֶעקְסִי, אוּן עֶר וִויל אַ בְּרָכָה אוֹיף אַ קְרַאנְקְן, פְרֶעגְט הָרַב שַׁךְ זַצַ"ל דֶעם טֶעקְסִי דְרַייוֶוער: וֶוער אִיז דֶער חוֹלֶה? זָאגְט עֶר: מַיין הוּנְט! [דֶערְצֵיילְט רֶבִּי יַעֲקֹב אַז עֶר הָאט

## עֶס וֶועט דיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

בַּאמֶערְקְט ווי אַזוֹי הָרַב שַׁךְ הַאלְט זִיךְ אַיין מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט צוּ לַאכְן,] הָאט עֶר אִים בַּארוּאִיגְט, אוּן עֶר נֶעמְט אַ סִידוּר אוּן מִישְׁט אוֹיף בַּיי 'מִי שֶׁבֵּרַךְ לְחוֹלֶה', אוּן הֵייבְּט אָן צוּ זָאגְן: מִי שֶׁבֵּרַךְ אֲבוֹתֵינוּ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב הוּא יְבָרֵךְ וִירַפֵּא אֶת הַחוֹלֶה... אוּן פְרֶעגְט אִים: וְוי אַזוֹי הֵייסְט דֶער הוּנְט? זָאגְט עֶר: לַאסִי! אוּן וְוי אַזוֹי הֵייסְט זַיין מַאמֶע? זָאגְט עֶר: אִיךְ וֵוייס נִישְׁט. מַאכְט עֶר צוּ דֶעם סִידוּר, אוּן הַאלְט אִים אָן בַּיי דִי הֶענְט מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אוּן זָאגְט אִים: מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן אַ 'מִי שֶׁבֵּרַךְ' אָן דִי מַאמֶעס נָאמֶען, אוּן עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן, אוּן נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה.

פוּן דִי מַעֲשֶׂה קֶען מֶען זִיךְ אַרוֹיסְלֶערְנֶען אַ מוֹרָא'דִיגְן מוּסָר הַשְׂכֵּל וְוי וַוייט מֶען דַארְף מְקָרֵב זַיין יֶעדְן אִיד, אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיין כָּבוֹד, בִּפְרַט אַ בָּחוּר וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אַלֶע שְׁוֶועוֶרע נִסְיוֹנוֹת, אוּן מֶען נֶעמְט אִים, אוּן מֶען בּוֹיעֶט אִים אוֹיף, אוּן מֶען בְּרֶענְגְט אִים

# עֶס וֶועט דִיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

צוּבִּיסְלֶעךְ צוּרִיק, אִיז דָאךְ דָאס דִי גְרֶעסְטֶע זְכוּת, אוּן אַוַודַאי זָאל אַ בָּחוּר נִישְׁט זַיין עֶרְגֶער פוּן אַ הוּנְט.

דָאס גֶעפוּנֶען מִיר שׁוֹין אוֹיךְ אִין חַזַ"ל (שַׁבָּת לא ע"א): וֶוען דֶער גֵר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ שַׁמַאי, אַז עֶר וִויל לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אוֹיף אֵיין פוּס, הָאט אִים שַׁמַאי גֶעזָאגְט: גֵיי פוּן דָא, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין מְשׁוּגָעִים. וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ הִלֵל הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: אִיךְ וֶועל דִיר אוֹיסְלֶערְנֶען, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: מַה דְעָלָךְ סָנִי לְחַבְרָךְ לֹא תַעֲבִיד, וָואס דוּ ווִילְסְט נִישְׁט מֶען זָאל טוּהְן פַאר דִיר, טוּה נִישְׁט פַאר אַ צְוֵוייטְן. אוּן אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ שְׁטֶעגְדִיג מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן, וֶוען דָאס וָואלְט גֶעוֶוען זַיין אֵייגְן קִינְד, וָואלְט עֶר דֶען גֶעוָואלְט מֶען זָאל זִיךְ וַוארְפְן מִיט אִים?! דֶערְפַאר דַארְף מֶען מְקַרֵב זַיין יֶעדְן אִידִישׁ קִינְד. אָבֶער זוֹכֶה זַיין אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אֵיין אִיד מִיטְן אַנְדֶערְן, דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ.

# עֶס װֶועט דִיר נָאךְ לֶעכְטִיג װֶוערְן

אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען אַלֵיין זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, און וִויסְן אַז דֶער לֶעבְּן גֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען הָאט גֶעוָואלְט, און מֶען הָאט 'עֲלִיּוֹת' און 'יְרִידוֹת', אַמָאל הָאט מֶען אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַצְלָחָה, און אַלֶעס גֵייט גוּט, און פְּלוּצְלִינְג דְרֵייט זִיךְ עֶס אִיבֶּער, און עֶס הֵייבְּט אָן אִיבֶּערְצוּגֵיין, אָבֶּער דָאס אִיז דִי מַעֲלָה פוּן אַ אִיד, אַז עֶר אִיז: **שָׁלוֹם בִּמְדוֹתָיו**, עֶר אִיז צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ, און עֶס אִיז בַּיי אִים נִישְׁט קַיין חִילוּק צוּ עֶס גֵייט אִים גוּט צוּ נִישְׁט, שְׁטֶענְדִיג דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ.

חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת י ע"ב): דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶנְס נָאמֶען אִיז 'שָׁלוֹם', [װֶועגְן דֶעם זָאל מֶען נִישְׁט זָאגְן שָׁלוֹם אִין מִקְוָה]. קוּמְט אוֹיס, אַז װֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זִיךְ, אִיז דָא שָׁלוֹם און מֶען קֶען זַיין צוּפְרִידְן. דָאס זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען אִין שְׁטוּב אוֹיךְ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִמֵילָא װֶועט דָארְט זַיין 'שָׁלוֹם בַּיִת'. דָאס הֵייסְט, מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג מְוַותֵּר זַיין

## עֶס וֶועט דִיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

אִין שְׁטוּבּ, אוּן גֶעבְּן גֶערֶעכְט פַארְן וַוייבּ, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְּן הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן. אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל דַוְוקָא אוֹיסְפִירְן, אוּן וַוייזְן אַז עֶר אִיז בַּעַל הַבַּיִת, קוּמְט נָאכְדֶעם אַרוֹיס אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אַזוֹי ווִי דִי גְמָרָא דְרוּקְט זִיךְ אוֹיס: **הֲרֵי זֶה בָּא לְלַמֵּד וְנִמְצָא לָמֵד**, אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶר וֶועט אִיר לֶערְנֶען, בִּיז דֶערְוַוייל וֶוערְט עֶר גֶעלֶערְנְט. וַוייל זִי קֶען דָאס נִישְׁט פַארְנֶעמֶען אוּן זִי אַנְטְלוֹיפְט צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן, אוּן עֶר דַארְף שׁוֹין הָאבְּן אַ גַאנְצֶע שָׁלוֹם בַּיִת קָאמִיטֶע וְכוּ׳, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל, דַארְף עֶר נִישְׁט קוּמֶען צוּ דֶעם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן נא): מֶען דַארְף אַסַאךְ הָארֶעוֶוען אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, [דָאס הֵייסְט, מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן,] אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סִיַעְתָּא דִשְׁמַיָא, אַז דִי זַאץ אוּן אָפְּפַאל פוּנֶעם מֹחַ זָאל זִיךְ זֶעצְן. וַוייל אַ יוּנְגֶע מֶענְטְשׁ קָאכְט נָאךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן

# עֶס וֶועט דיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

הָאבְּן אַסאךְ סִיַעְתָּא דִשְׁמַיָא, אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ יִשּׁוּב הַדַעַת און קֶענֶען מְוַותֵּר זַיין און נָאךְ גֶעבְּן.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן לג): דוּרְךְ דִי צַדִּיקִים, און דוּרְךְ דִי תּוֹרָה וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן שָׁלוֹם, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין דֶערְצוּ. וַוייל דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט פוּן צַדִּיקִים: אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין אַ מֶענְטְשׁ דִי מִדָה פוּן שָׁלוֹם, עֶר זָאל זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, מְמֵילָא בַּאדֶערְט אִים שׁוֹין נִישְׁט אַלֶע זַאכְן אַרוּם אִים, אַזוֹי אוֹיךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, זֶעצְט דָאס אִים דֶער מֹחַ.

ג.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער (שָׁם): אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן אַז: מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. וְלֵית אֲתַר פָּנוּי מִינֵיה, עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַ פְּלַאץ וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל נִישְׁט זַיין. וְאִיהוּ מְמַלֵא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

# עֶס וֶועט דיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

פִילְט אָן אַלֶע וֶועלְטְן, אוּן עֶר נֶעמְט אַרוּם אַלֶע וֶועלְטְן. אוּן אֲפִילוּ אַ מֶענְטְש אַרְבֶּעט צְוִוישְׁן גוֹיִם, זָאל עֶר נִישְׁט זָאגְן: דָא אוֹיף אַזַא פְּלַאץ קֶען אִיךְ נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר עֶר זָאל וִויסְן אַז דָארְטְן קֶען עֶר אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דָארְטְן אִיז אוֹיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; נָאר וִויבַּאלְד דֶער מֶענְטְש אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט קְלִיפּוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ו ע״א): וֶוען אַ מֶענְטְש וָואלְט גֶעזֶעהְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אַרוּם אִים, אוּן וִויפִיל טוֹיזְנְטֶער מַזִיקִים אוּן קְלִיפּוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן גֶעפוּנֶען זִיךְ אוֹיף זַיין רֶעכְטֶע אוּן לִינְקֶע זַייט, וָואלְט עֶר דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְנֶעמֶען. [אֲפִילוּ דִי סֵייעֶנְטִיסְטְן זָאגְן: זֵיי קֶענֶען זֶעהְן וִוי אַזוֹי אַלֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט דְזְשֶׁערְמְס. וָואס בֶּאֱמֶת אִיז דָאס 'קְלִיפּוֹת' וָואס אַ מֶענְטְש הָאט בַּאשַׁאפְן מִיט זַיינֶע זִינְד רַחְמָנָא לִצְלָן, נָאר זֵיי רוּפְן דָאס אָן דְזְשֶׁערְמְס], אוּן דִי אַלֶע קְלִיפּוֹת מַאכְן אִים שְׁפִּירְן אַז עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

## עֶס וֶועט דִיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

אָבֶער לוֹיט וִויפִיל עֶר נֶעמְט אַרָאפּ פוּן זִיךְ דִי **קְלִיפּוֹת** און **לְבוּשִׁים** וָואס דָאס פַארְדֶעקְט און פַארְהוֹילְט פוּן אִים דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵייבְּט עֶר אָן מֶער און מֶער צוּ זֶעהְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, מְמֵילָא שְׁפִּירְט עֶר זִיךְ נֶענְטֶער צוּם בַּאשֶׁעפֶער, און עֶר הָאט זִיךְ לִיבּ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; און עֶר הֵייבְּט אָן צוּ זִינְגֶען **שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת** און גֶעזַאנְגֶען פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל שְׁפִּירְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא.

און וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן צוּ עֶר הָאט שׁוֹין מְבַטֵל גֶעוֶוען דִי קְלִיפּוֹת? אוֹיבּ עֶר אִיז פְרֵיילֶעךְ אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז שׁוֹין בַּיי דִי קְדוּשָׁה, און עֶר אִיז נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נָאר דָא שִׂמְחָה, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דִּבְרֵי הַיָמִים-א טז, כז): **עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ**. און שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת.

# עֶס וֶועט דיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

און אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע **נְקוּדָה טוֹבָה** וָואס עֶר הָאט, און אֲפִילוּ עֶר טְרֶעפְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵיילֶעךְ, קֶען עֶר זִיךְ אָבֶּער פְרֵייעֶן מִיט דֶעם אַלֵיין אַז עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִיד, **שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי!** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן י), און אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט, דַארְף עֶר אוֹיךְ נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן, נָאר תְּשׁוּבָה טוּהְן, וַוייל תְּשׁוּבָה אִיז אוֹיךְ אַ מִצְוָה אַזוֹי וְוי אַלֶע מִצְווֹת, און דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה צוּ זַיין, און אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן (רַמְבַּ"ם הִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, פֶּרֶק א), וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז אִים דֶער בַּאשֶׁעפֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט, אַזוֹי וְוי חֲזַ"ל זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים בְּחֻקֹּתַי, פֶּרֶק ח): **אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְמשֶׁה מִיַּד שֶׁמִּתְוַדִּים, אֲנִי מוֹחֵל לָהֶם**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר משֶׁה: גְלַייךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְצֵיילְט מִיר אוֹיס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, בִּין אִיךְ אִים מוֹחֵל; פּוּנְקְט אַזוֹי וְוי אַ טַאטֶע וֶוען עֶר וֶוערְט אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף אַ קִינְד וָואס הָאט עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּעֶן, אָבֶּער אוֹיב דֶער קִינְד

## עֶס װעט דיר נָאךְ לֶעכְטִיג װֶוערְן

קוּמְט און זָאגְט: טַאטֶע! אִיךְ װֶועל שׁוֹין זַיין גוּט, טַאטֶע! אִיךְ װֶועל שׁוֹין זַיין װואוּיל, הָאט דֶער טַאטֶע רַחְמָנוּת אוּיף אִים, און עֶר אִיז אִים מוֹחֵל, אִיז דָאךְ אַוַודַאי און אַוַודַאי - אָן קַיין שׁוּם פַארְגְלַייךְ - אַז װֶוען מֶען קוּמְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און מֶען דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס, אִיז עֶר גְלַייךְ מוֹחֵל.

עֶס פְלֶעגְט זַיין דֶער סֵדֶר בַּיים הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז פַאר סוּכּוֹת פְלֶעגְט מֶען אִים בְּרֶענְגֶען צְוֵויי קֶעסְטְלֶעךְ פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע אֶתְרוֹגִים עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְקְלוֹיבְּן פַאר זִיךְ, און עֶס זָאל זַיין גֶענוּג אוֹיךְ פַאר זַיינֶע קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ, און דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט אָנְגֶעוָוארֶענְט: קֵיינֶער זָאל נִישְׁט אוֹיפְמַאכְן דִי קֶעסְטְלֶעךְ פוּן דִי אֶתְרוֹגִים בִּיז ווִילַאנְג עֶר קְלוֹיבְּט זִיךְ אוֹיס אַן אֶתְרוֹג, נָאכְדֶעם קֶענֶען שׁוֹין דִי קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ אוֹיךְ נֶעמֶען. הָאט זִיךְ אֵיינֶער פוּן דִי אֵיינִיקְלֶעךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן: מִן הַסְתָּם װֶועל אִיךְ זַיין

# עֶס װעט דיר נָאךְ לֶעכְטִיג װֶוערְן

דֶער לֶעצְטֶער צוּ קֶענֶען קְלוֹיבְּן אוּן מֶען װֶועט מִיר אִיבֶּערְלָאזְן דֶעם שְׁוַואכְסְטְן אֶתְרוֹג, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען שְׁטִילֶערְהֵייט אוּן אוֹיפְגֶעמַאכְט אֵיין קֶעסְטְל אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ אֶתְרוֹג אוּן דָאס צוּרִיק פַארְמַאכְט. נָאכְדֶעם װוען מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט פַארְן הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב דִי אֶתְרוֹגִים, אוּן עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט אַז אֵיינֶער הָאט דָאס שׁוֹין אָנְגֶערִירְט, הָאט עֶר זִיךְ גֶערֶעגְט: װֶוער הָאט דָא אָנְגֶערִירְט?! פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט אַוַודַאי גֶעוואוּסְט װֶועלְכֶער אֵיינִיקְל דָאס אִיז גֶעוֶועןָ, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט אִים, אוּן עֶר הָאט אִים מְרַחֵק גֶעוֶועןָ.

מֶען הַאלְט שׁוֹין עֶרֶב סוּכּוֹת נָאכְמִיטָאג, וָואס וִוי בַּאוִויסְט פְלֶעגְט דֶעמָאלְטְס דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב טֵיילְן אוֹיסְטֶערְלִישׁ אַסַאךְ צְדָקָה, וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעהַאט, [אַזוֹי וִוי דֶער אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵין פְּרִי עֵץ חַיִים שַׁעַר יוֹם הַכִּפּוּרִים, פֶּרֶק א; שַׁעַר חַג הַסֻכּוֹת, פֶּרֶק

## עֶס וֶועט דִיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

א): עֶרֶב סוּכּוֹת אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צַייט פוּן צְדָקָה.] אָבֶער אוֹיף דֶעם אֵיינִיקְל הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט שׁוֹין גוּט חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעטוּעֶן, אִיז עֶר אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם זֵיידְן אוּן אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת: זֵיידֶע! אִיךְ הָאבּ עֶס גֶענוּמֶען, אוּן אִיךְ וִויל שׁוֹין זַיין וואוֹיל. זָאגְט דֶער צַאנְזֶער רָב: אַזוֹי! דוּ ווִילְסְט שׁוֹין זַיין וואוֹיל?! אִיךְ וִויל שׁוֹין אוֹיךְ זַיין וואוֹיל! לָאמִיר בֵּיידֶע זַיין וואוֹיל אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט אוּנְז בֵּיידֶע מוֹחֵל זַיין.

עַל אַחַת כַּמָה וְכַּמָה וֶוען אַ אִיד קוּמְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זָאגְט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת, אָבֶער אִיךְ וֶועל שׁוֹין זַיין וואוֹיל, אִיךְ וֶועל דָאס שׁוֹין מֶער נִישְׁט טוּהְן, אוּן אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַסַאךְ מָאל צוּגֶעזָאגְט, אוּן אִיךְ בִּין לֵיידֶער נָאכְאַמָאל דוּרְכְגֶעפַאלְן, וִויל אִיךְ נָאכְאַמָאל תְּשׁוּבָה טוּהְן וְכוּ'. אִיז אַוַודַאי אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

נֶעמְט אָן זַיין תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר אִיז אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס; וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקָר מַעֲלָה פוּן אַ אִיד אוֹיף דֶער וֶועלְט, אַז עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ.

ד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לג): עֶס אִיז דָא צְוֵויי עֶרְלֵיי טֶעג, גוּטֶע טֶעג אוּן שְׁלֶעכְטֶע טֶעג, אַזוֹי וְוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ז, יד): **בְּיוֹם טוֹבָה הֱיֵה בְטוֹב, וּבְיוֹם רָעָה רְאֵה**; דָאס הֵייסְט, וֶוען דוּ הָאסְט אַ גוּטֶע טָאג זַיי אוֹיפְגֶעלֵייגְט אוּן פְרֵיילֶעךְ, אוּן אִין אַ שְׁלֶעכְטְן טָאג, קוּק גוּט אַרַיין, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דָארְט אִיז אוֹיךְ דָא גוּטְס, וָואס דָאס אִיז דִי תּוֹרָה; דָאס זָאגְט אוֹיךְ דֶער פָּסוּק (דְּבָרִים יא, כו-כח): **רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם 'הַיּוֹם'**, דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַ מַתָּנָה דֶעם 'טָאג', אָבֶער אִין דֶעם טָאג אִיז דָא אַ **בְּרָכָה** אוּן חָלִילָה דָאס פַארְקֶערְטֶע אַ **קְלָלָה**. אוּן דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶעם מֶענְטְשׁ: **אֶת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה' אֱלֹקֵיכֶם**

## עֶס וֶועט דיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם, אִיז עֶר זוֹכֶה און עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת וָואס עֶר הָאט, לֶעבְּט עֶר אַ גוּטְן טָאג און עֶר אִיז פְרֵיילֶעךְ, **וְהַקְּלָלָה אִם לֹא תִשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹת ה׳ אֱלֹקֵיכֶם, וְסַרְתֶּם מִן הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם וְגוֹ׳**, אָבֶער אוֹיב אִיז עֶר נִישְׁט פְרֵיילֶעךְ מִיט זַיינֶע מִצְווֹת וָואס עֶר הָאט, וַוייל עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין זִיךְ, און עֶר וֵוייסְט נִישְׁט ווִי חָשׁוּב עֶר אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז נֶעבֶּעךְ דֶער גְרֶעסְטֶער קְלָלָה, און דֶער גַאנְצֶער טָאג גֵייט אִים אַוֶועק מִיט צוּבְּרָאכְנְקֵייט, און עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַרַיין וָואס עֶר קֶען.

דָאס זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שָׁם): אַז עֶס גֵייט דיר גוּט: בָּרוּךְ הַשֵּׁם בִּיזְט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, זִיךְ אָפְּגֶעגָאסְן נֶעגְל וַואסֶער, גֶעזָאגְט בִּרְכַּת הַתּוֹרָה, גֶעלָאפְן אִין מִקְוָה, גֶעדַאוֶונְט דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן, און גֶעלֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, און גֶעגֶעבְּן

## עֶס וֶועט דיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

צְדָקָה אוּן אַרַיינְגֶעכַאפְּט מִצְוֹות; אִיז דָאךְ אַוַודַאי גוּט, אוּן זַיי נָאר פְרֵיילֶעךְ.

אַוַודַאי אִיז דָא אַ חִילוּק צְווִישְׁן אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט אֵיין בְּלַאט גְמָרָא צוּ אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט צֶען אָדֶער צְוַואנְצִיג בְּלֶעטֶער גְמָרָא, דָאךְ קֶען נִישְׁט יֶעדֶער דָאס בַּאוַוייזְן, זָאל עֶר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט זַיין אֵיינֶעם דַף וָואס עֶר קֶען יָא לֶערְנֶען, אוּן אַזוֹי זָאל עֶר זַיין זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ מִיט יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט וָואס עֶר כַאפְּט אַרַיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּרוּמוֹת וּמַעַשְׂרוֹת, הֲלָכָה ג): [עֶס אִיז כְּדַאי אַז מֶען זָאל דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי הֲלָכָה], רוֹב מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק אוּן זֶענֶען זִיךְ מִתְרַשֵׁל פוּן טוּהְן מִצְוֹת, וַוייל זֵיי טְרַאכְטְן: דִי בְּלַאט גְמָרָא אָדֶער דִי פֶּענִי פַאר צְדָקָה, וֶועט מִיר סַיי וִוי שׁוֹין נִישְׁט הֶעלְפְן, אוּן אַזוֹי בַּיי אַלֶע מִצְוֹות, אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז פַּארְקֶערְט: דַוְקָא יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט, וֶועט אִים מוֹרָא׳דִיג צוּנִיץ קוּמֶען, אוּן דִי דַף

# עֶס וֶועט דִיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

גְמָרָא אוּן דִי פְּרוּטָה וָואס עֶר גֶעט פַאר צְדָקָה, דָאס וֶועט אִים הֶעלְפְן, [דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קמא): וֶוער עֶס וֶועט גֶעבְּן אַ 'פְּרוּטָה' פַאר צְדָקָה אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [תִּקּוּן הַכְּלָלִי], וֶועט עֶר אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן גֵיהִנּוֹם אוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וָואלְט פוּנְקְט אַזוֹי גֶעקֶענְט בֶּעטְן מֶען זָאל גֶעבְּן אַכְטְצְן דָאלֶער, דָאךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָאר גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל גֶעבְּן אַ 'פְּרוּטָה לִצְדָקָה'].

חַזַ״ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט ע״ב): **כָּל פְּרוּטָה וּפְרוּטָה מִצְטָרֶפֶת לְחֶשְׁבּוֹן גָּדוֹל**, פוּן יֶעדֶע פֶּענִי וָואס מֶען גֶעט וֶוערְט נָאכְדֶעם אַ רִיזִיגְן סְכוּם, נָאר פַארְוָואס גֶעבְּט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ קַיין צְדָקָה פַאר יֶעדֶע תְּפִלָּה? וַוייל עֶר מֵיינְט אַז עֶר דַארְף גֶעבְּן עֶפֶּעס אַ חָשׁוּבֶ'ע סוּמֶע, אוּן דָאס הָאט עֶר דָאךְ נִישְׁט יֶעצְט צוּ גֶעבְּן, מְמֵילָא גֶעט עֶר גָארְנִישְׁט, אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט דִי חֲשִׁיבוּת פוּן יֶעדֶע פֶּענִי, וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעגֶעבְּן צְדָקָה, דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ

## עֶס וֶועט דִיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

זָאגְט (שַׁעַר הַכַּוָּנוֹת, עִנְיַן תְּפִלַּת הַשַּׁחַר): וֶוען מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶוענֶען: **וְאַתָּה מוֹשֵׁל בַּכֹּל**, זָאל מֶען גֶעבְּן צְדָקָה, פַאר תִיקוּן הַכְּלָלִי גֶעט מֶען אַ פְּרוּטָה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַאר מִנְחָה אוּן פַאר מַעֲרִיב, [כָאטְשִׁיג דֶער יְרוּשַׁלְמִי זָאגְט (פֵּאָה ח, ח): אַז בַּיינַאכְט זָאל מֶען נִישְׁט גֶעבְּן קַיין צְדָקָה וְכוּ׳, זָאגְט שׁוֹין אוֹיף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער מוּנְקַאטְשֶׁער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (דִּבְרֵי תּוֹרָה קַמָּא, קיז): אַז מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, אוּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן גֶעבְּן צְדָקָה בַּיינַאכְט פַאר אָרִימֶעלַייט (עַיֵּין שָׁם בַּאֲרִיכוּת בְּנוֹעַם לְשׁוֹנוֹ)].

אוּן אַזוֹי אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דָארְט זֵייעֶר מַאֲרִיךְ, אַז דִי עִיקָר סִבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַריין אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר קֶען וֶוען אַרַיינְכַאפְּן, קוּמְט פוּן רִבּוּי אוֹר, שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְט עֶר אַז עֶר וָואלְט גֶעדַארְפְט אַזוֹיפִיל טוּהְן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַזוֹי וִוי עֶר קֶען דָאךְ דָאס נִישְׁט בַּאוַוייזְן, מְמֵילָא טוּט עֶר

## עֶס וֶועט דיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

גָארְנִישְׁט, אִין דִי צַייט וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער בֶּעהְט נִישְׁט פוּן אִים נָאר וָואס עֶר קֶען יָא טוּהְן.

קוּמְט אוֹיס אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מְחַיֶה זַיין מִיט יֶעדֶע בִּיסְל גוּטְס וָואס עֶר הָאט, וָואס דָאס אִיז דִי גוּטֶע טָאג וָואס עֶר הָאט, דָאס מֵיינְט: **בְּיוֹם טוֹבָה הֱיֵה בְּטוֹב**.

אָבֶער וָואס טוּט מֶען **בְּיוֹם רָעָה** אִין דֶעם שְׁלֶעכְטְן טָאג וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים נֶעבֶּעךְ דוּרְךְ צָרוֹת צְרוּרוֹת?! אִיז דִי עֵצָה: ׳**רְאֵה**׳, עֶר זָאל גוּט קוּקְן וֶועט עֶר זֶעהְן אַז אִין דִי שְׁלֶעכְטְס אִיז אוֹיךְ דָא גוּטְס.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוֹיס (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת חֲנוּכָּה, הֲלָכָה ג): דֶער חָלוֹם פוּן פַּרְעֹה, וָואס נָאר יוֹסֵף הָאט דָאס גֶעקֶענְט **פּוֹתֵר חָלוֹם** זַיין, וָואס דִי זִיבְּן פֶעטֶע קִיעֶן אִיז מְרַמֵז אוֹיף דִי גוּטֶע טֶעג וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, אוּן עֶס גֵייט אִים גוּט אוּן עֶר אִיז מָלֵא שִׂמְחָה, אוּן פְּלוּצְלִינְג גֶעט זִיךְ דָאס אַ דְרֵיי אִיבֶּער,

# עֶס וֶועט דִיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

אוּן עֶס קוּמֶען מָאגֶערֶע קִיעֶן, אוּן שְׁלִינְגֶען אַיין דִי פֶּעטֶע קִיעֶן, אוּן מֶען דֶערְקֶענְט גָארְנִישְׁט אַז עֶס אִיז בִּכְלַל גֶעוֶוען פֶּעטֶע קִיעֶן; וָואס דָאס וַוייזְט אַז עֶס קוּמְט אַ צַייט וָואס עֶס הֵייבְּט אָן אִיבֶּערְצוּגֵיין אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר וֶוערְט זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט פּוֹתֵר חָלוֹם זַיין, וָואס אִיז דָא גֶעשֶׁען מִיט זַיין גוּט לֶעבְּן ?! צוּם בַּיישְׁפִּיל: אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען פַּארְמֶעגְלִיךְ, אוּן פְּלוּצְלִינְג הָאט עֶר אַלֶעס פַּארְלוֹירְן, אוּן עֶר וֶוערְט אוֹיס מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּהְן, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים שׁוֹין אֲפִילוּ נִישְׁט מְחַזֵק זַיין, אַזוֹי אוֹיךְ זֶעהְט מֶען אַ יוּנְגֶל וָואס פְלֶעגְט זַיין אַזוֹי פְרֵיילֶעךְ, עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעשְׁפְּרִינְגֶען, נָאכְדֶעם עֶר אִיז גֶעוָוארְן בַּר מִצְוָה מִיט אַזַא שִׂמְחָה, פְּלוּצְלִינְג וֶוען עֶר אִיז אַלְט גֶעוָוארְן פֶּערְצְן – זֶעכְצְן יָאר אוּן עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן, אִיז עֶר גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט הֶעלְפְן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

## עֶס וֶועט דִיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

נָאר דֶער צַדִיק קֶען אִים **פּוֹתֵר חָלוֹם** זַיין, אוּן עֶר לֶערְנְט אִים אוֹיס וִוי אַזוֹי דֶער לֶעבְּן גֵייט, אוּן מֶען דַארְף זֶעהְן זִיךְ אַסַאךְ צוּ צוּגְרֵייטְן אִין דִי יוּגֶענְט, וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז דִי בֶּעסְטֶע יָארְן, אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִקְרָא, אַסַאךְ מִשְׁנָה אוּן אַסַאךְ גְמָרָא, אוּן אַז אַ יוּנְגֶער בָּחוּר הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר וֵוייסְט וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנוּצְן דֵי צַייט, קוֹיפְט עֶר זִיךְ אַיין אַסַאךְ סְחוֹרָה, אַז אֲפִילוּ נָאכְדֶעם וֶוען חָלִילָה וְחַס עֶס הֵייבְּט אִים אָן אִיבֶּערְצוּגֵיין, הָאט עֶר זִיךְ מִיט וָואס צוּ דֶערְהַאלְטְן, מִיט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעזַאמְלְט בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מא, לו): **וְהָיָה הָאֹכֶל לְפִקָּדוֹן**, דָאס וָואס דוּ הָאסְט אַמָאל גֶעלֶערְנְט, דָאס קוּמְט צוּנִיץ פַאר אַ מֶענְטְשׁ שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר דַארְף דָאס הָאבְּן, בִּפְרַט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר לֶערְנְט אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, אוּן עֶר הֶערְט זִיךְ אָן מִיט אַסַאךְ הִתְחַזְקוּת, דֶעמָאלְטְס אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף

## עֶס וֶועט דִיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

אִים חַס וְשָׁלוֹם שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צַייטְן, הָאט עֶר מִיט וָואס זִיךְ צוּ מְחַיֶה זַיין אוּן זִיךְ מְחַזֵק זַיין.

מִיט דֶעם אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוֹיךְ מְקַשֵׁר דֶעם עִנְיָן פוּן חֲנוּכָּה, [וָואס גֶעפַּאלְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיס פַּרְשַׁת מִקֵץ,] וַוייל חֲנוּכָּה אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה פוּן יָוָן, וָואס חַזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יח ע"ב): אַז זֵיי הָאבְּן גוֹזֵר גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל נִישְׁט דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְס נָאמֶען. וַוייל פוּן וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט, בַּיי דֶעם הַאלְט עֶר, אוּן מֶען קֶען גְלַייךְ דֶערְקֶענֶען אַ מֶענְטְשׁ דוּרְךְ זַיין מוֹיל, אַזוֹי וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט: דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט אַלֵיינְס אוֹיס אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ס"ו): יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט מוּז אַדוּרְךְ גֵיין זַיין מוֹיל.

דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ אִיז אַמָאל גֶעוֶוען מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט

# עֶס װֶועט דִיר נָאךְ לֶעכְטִיג װֶוערְן

בַּיי אַ גַאסְט-הוֹיז [קְרֶעטְשְׁמֶע], און דֶער גַאסְט גֶעבֶּער הָאט גֶעגֶעבְּן פַארְן בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ גְלֶעזְלֶעךְ און עֶפֶּעס צוּ טְרִינְקֶען, פְרֶעגְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ: דִי גְלֶעזְלֶעךְ זֶענֶען גֶע'טוֹבֵלְ'ט? עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּעַל הַבַּיִת: יָא גֶע'טוֹבֵלְ'ט, נִישְׁט גֶע'טוֹבֵלְ'ט, טְרִינְקְט רֶבִּי! וְוי נָאר דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ הָאט דָאס גֶעהֶערְט, אִיז עֶר זֵייעֶר דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן, און עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, און זִיךְ אָנְגֶערוּפְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: אִיךְ מוּז פוּן דָא אַרוֹיסְגֵיין, דָא הִיט מֶען נִישְׁט קַיין 'טָהֳרַת הַמִשְׁפָּחָה' רַחְמָנָא לִצְלָן; וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזָא זַאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל סְתָּם אַזוֹי זָאגְן אַזאלֶעכֶע וֶוערְטֶער: יָא גֶע'טוֹבֵלְ'ט, נִישְׁט גֶע'טוֹבֵלְ'ט. אַ מֶענְטְשׁ מוּז זִיךְ פַארֶעדְן רַחְמָנָא לִצְלָן, און עֶר כַאפְּט גָארְנִישְׁט אַז עֶר זָאגְט אוֹיס אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן, נָאר אֵיינֶער זָאגְט דָאס אַרוֹיס אָפֶען, און אַן אַנְדֶערֶער אֲפִילוּ עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ בַּאהַאלְטְן, דָאךְ אוּמְוִוילְנְדִיג פַארְצֵיילְט עֶר דָאס אוֹיס, און דֶער צַדִיק וָואס הָאט אַ רֵיינֶעם מֹחַ מִיט רֵיינֶע אוֹיגְן און רֵיינֶע

## עֶס וֶועט דִיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

אוֹיעֶרְן, כַאפְּט גוּט אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, דָאס זֶענֶען אוּנְז חַזַ"ל מְרַמֵז (חוּלִין יז ע"ב): **רַב בָּדִיק בְּלִישְׁנֵיה,** רַב הָאט בּוֹדֵק גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ דוּרְךְ זַיין צוּנְג; דָאס הֵייסְט, וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְן, הָאט עֶר שׁוֹין גְלַייךְ גֶעוְוּיסְט וֶוער דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ אִיז אוּן וואוּ עֶר הַאלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן א'): אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט שְׁמוּצִיג אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז פוּל מִיט שְׁמוּץ, אוּן פוּן דֶעם טְרַאכְט עֶר. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ב, ו): **מִפִּיו דַּעַת וּתְבוּנָה,** פוּן דִי מוֹיל פוּן אַ מֶענְטְשׁ, קֶען מֶען וִויסְן זַיין גַאנְצֶע מֹחַ, אוּן וָואס עֶר טְרַאכְט.

קוּמְט אוֹיס, אַז אַ אִיד רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער דָא, אוּן וֶועגְן דֶעם הָאבְּן דִי יְוָנִים דֶער עִיקָר גֶעוָואלְט אַרוֹיסְרַייסְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן וֶוען דִי חַשְׁמוֹנָאִים זֶענֶען זֵיי בֵּייגֶעקוּמֶען,

## עֶס וֶועט דִיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

הָאבְּן זֵיי אַיינְגֶעפִירְט, אַז נִישְׁט נָאר מֶען זָאל רֶעדְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, נָאר אֲפִילוּ אוֹיף אַ שְׁטַר, זָאל מֶען שְׁרַייבְּן **בְּסִיַעְתָּא דִשְׁמַיָא [בס״ד], בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ [בעזהשי״ת]**, כְּדֵי אַז שְׁטֶענְדִיג זָאל מֶען דֶערְמַאנֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְס נָאמֶען.

דֶער שְׁלָ״ה הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שַׁעַר הָאוֹתִיּוֹת, א – אֱמֶת וֶאֱמוּנָה, מו – נג): אַ רֶמֶז אוֹיפְן פָּסוּק (מִשְׁלֵי יט, כא): **רַבּוֹת מַחְשָׁבוֹת בְּלֶב אִישׁ וַעֲצַת ה׳ ׳הִיא׳ תָקוּם**, אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַסַאךְ פְּלֶענֶער, אָבֶער וָואס אִיז דִי עֵצָה אַז עֶס זָאל מַצְלִיחַ זַיין? דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר דֶערְמַאנְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶנְס נָאמֶען. דָאס אִיז דֶער פָּסוּק מְרַמֵז: **׳הִיא׳ תָקוּם**, וָואס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: **אִ׳ם יִ׳רְצֶה הַ׳שֵּׁם**. אַז אַ אִיד וֶועט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: **אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם**, אָדֶער: **בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם**, אָדֶער: אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט הֶעלְפְן וֶועל אִיךְ גֵיין, וֶועל אִיךְ טוּהְן, וֶועל אִיךְ עֶרְלֶעדִיגְן, דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר דֶערְמַאנְט דֶעם

## עֶס וֶועט דִיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

אֵייבֶּערְשְׁטֶנְס נָאמֶען, וַואִרפְט עֶר אַרָאפּ דִי קְלִיפּוֹת, אוּן עֶר וֶועט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטֶנְס הִילְף מַצְלִיחַ זַיין.

ה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת חֲנוּכָּה, הֲלָכָה א; וְעוֹד): **חֲנוּכָּה** אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן **חִינוּךְ**, זִיךְ בַּאנֵייעֶן; וֶועגְן דֶעם זֶעהְט מֶען אַז דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט צִינְדְט מֶען אֵיין לִיכְטְל, דִי צְוֵוייטֶע נַאכְט צִינְדְט מֶען צְוֵויי, אָבֶּער מֶען גֵייט צוּרִיק צוּם עֶרְשְׁטְן לֶעכְט, דִי דְרִיטֶע נַאכְט צִינְדְט מֶען דְרֵיי, אוּן מֶען גֵייט נָאכְאַמָאל צוּרִיק צוּם עֶרְשְׁטְן, אַזוֹי גֵייט מֶען יֶעדֶע נַאכְט צוּרִיק צוּם אָנְהֵייבּ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סב): וֶוען מֶען קוּמְט צוּם צַדִיק, דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג קוּמֶען פוּן דָאסְנַיי, אַזוֹי וִוי מֶען קוּמְט יֶעצְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל, אוּן נִישְׁט טְרַאכְטְן: אִיךְ וֵוייס שׁוֹין וָואס דֶער צַדִיק וֶועט רֶעדְן. חַזַ"ל זָאגְן (חֲגִיגָה ג ע"א): **אֵין בֵּית הַמִדְרָשׁ בְּלֹא חִידוּשׁ**, שְׁטֶענְדִיג וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ

לֶערְנֶען, אָדֶער עֶר גֵייט צוּם צַדִיק, וֶועט עֶר גֶעוָואר וֶוערְן אוּן הֶערְן נֵייעֶ זַאכְן, אוּן אֲפִילוּ עֶר וֶועט נִישְׁט הֶערְן מַמָּשׁ קַיין נֵייעֶ זַאכְן, וֶועלְן אָבֶער דִי אַלֶע זַאכְן וָואס אִיז שׁוֹין בַּיי אִים אַלְט גֶעוָוארְן, אוֹיפְגֶעפְרִישְׁט וֶוערְן ווִי נֵיי.

וַוייל דֶער גַאנְצֶער אַרְבֶּעט פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם אִיז אַריינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַן אַלְטְקֵייט, וָואס דָאס אִיז 'חָכְמַת יָוָן', אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן טַייטְשְׁט (לִקוּטֵי הֲלָכוֹת בְּצִיעַת הַפַּת הֲלָכָה ה): דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִים סט, ג; טו): **טָבַעְתִּי בִּיוֵ"ן מְצוּלָה, הַצִּילֵנִי מִטִי"ט וְאַל אֶטְבָּעָה**, אִיךְ בִּין אַיינְגֶעזִינְקֶען גֶעוָוארְן אִין אַ גֶעדֶעכְטֶע זוּמְפּ, וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין, אוּן ווִי מֶער אִיךְ ווִיל אַרוֹיס גֵיין, צִיעֶט מִיר עֶס מֶער אַרָאפּ, אוּן אִיךְ זִינְק טִיפֶער אוּן טִיפֶער, וַוייל דֶער לֵיים אִיז שׁוֹין זֵייעֶר גֶעדֶעכְט, אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶעהְן דֶערְפוּן. דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי יְוָונִים, וָואס זֵיי הָאבְּן רַחְמָנָא לִצְלָן גֶעוָואלְט אַרֵיינְלֵייגְן אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי שְׁטַארְק דִי:

## עֶס װעט דיר נָאךְ לֶעכְטִיג װֶוערְן

טֶבַע, מִקְרֶה, מַזָל, אַז עֶר זָאל טְרַאכְטְן אַז עֶר װֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס, אוּן אוֹיף דֶעם הָאבְּן דִי חַשְׁמוֹנָאִים מִלְחָמָה גֶעהַאלְטְן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן, אַז זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן דֶעם ׳פַּךְ שֶׁמֶן׳, אֵיין קְרִיגֶעלֶע אוֹיל, וָואס מִיט דֶעם הָאבְּן זֵיי גֶעוִויזְן אַז עֶס אִיז נָאךְ דָא אֵיין פּוּנְק, עֶס אִיז נָאךְ דָא אַ צַדִיק וָואס זַיין קְרִיגֶעלֶע אוֹיל אִיז רֵיין, עֶר הָאט אַ רֵיינֶעם מֹחַ, אוּן רֵיינֶע לִימוּדִים אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט יֶעדְן אִיד, אוּן מֶען קֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְרִישְׁן, וָואס דוּרְכְדֶעם װֶוערְט מֶען נִיצוֹל פוּן דִי יְוָונִים אוּן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת וָואס דִי גוֹיִם בְּרֶענְגֶען אַרַיין אִין דִי אִידְן, אוּן אֲפִילוּ װֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שְׁוֶוערֶע צַייטְן אִיז עֶר זִיךְ מְחַיֶה מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט אַמָאל גֶעהַאט גוּטֶע צַייטְן, אוּן דָאס גֶעט אִים כֹּחַ אָנְצוּגֵיין וַוייטֶער, אוּן עֶר פְּרִישְׁט זִיךְ צוּרִיק אוֹיף.

# עֶס וֶועט דִיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער סוֹד פוּן חֲנוּכָּה: מֶען זָאל זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דֶערְהַאלְטְן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן זִיךְ מִיט וָואס צוּ דֶערְהַאלְטְן, אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַזַא רֶבִּי'ן, אוּן דֶער עִיקָר זָאל מֶען זֶעהְן אַז מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, בִּפְרַט אִין שְׁטוּבּ דַארְף מֶען מְוַתֵּר זַיין, וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, כָּאטְשִׁיג בַּיי דִי גוֹיִם אִיז דָא 'אִיקְוָואל רֵייטְס', יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיינֶע רֶעכְטְן, אָבֶּער בַּיי אִידְן וֵוייסְט מֶען אַז מֶען דַארְף נָאכְגֶעבְּן, אוּן אַז מֶען גֶעט גֶערֶעכְט אִין שְׁטוּבּ, וֶועט זִי נָאכְדֶעם מְכַבֵּד זַיין דִי מַאן, אוּן מוֹדֶה זַיין צוּ אִים, אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס קוּמְט נֶעבֶּעךְ צוּלִיבּ דִי עֲווֹנוֹת, וַוייל דִי פְרוֹי אִיז אַ בֵּיין פוּנֶעם מַאן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב, כג): עֶצֶם מֵעֲצָמַי, זִי אִיז אַ בֵּיין פוּן מַיינֶע בֵּיינֶער.

אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶע פְרוֹי וָואס אִיר מַאן אִיז גֶעוָוארְן אַ בְּרֶסְלְבֶ'ר חָסִיד, אוּן אִיר הָאט דָאס זֵייעֶר

## עֶס וֶועט דיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

פַארְדְרָאסְן: הַיִתָּכֵן, מֶען הָאט גֶעמַאכְט אִיר מַאן פַאר אַ בְּרֶסְלְבֶ׳ר?! און וִויבַּאלְד זִי אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶע פְרוֹי, הָאט זִי זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט בַּיים טִיר פוּנֶעם בְּרֶסְלֶבְ׳ן שׁוּל, און וֶוער עֶס אִיז אַרַיין אִין שׁוּל, הָאט זִי אִים אָנְגֶעקְנַאקְט מִיט אַ בֶּעזֶעם, און מֶענְטְשְׁן הָאבְּן שׁוֹין מוֹרָא גֶעהַאט צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל, בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט, און עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, און עֶר הָאט פוּן אִיר אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט דֶעם בֶּעזֶעם, און הָאט אִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קְנַאקְן, און אַזוֹי אִיר פַארְטְרִיבְּן בִּיז אִיר הוֹיז, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר פָארְגֶעהַאלְטְן אִיר מַאן: דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם דַארְף לַיידְן וֶועגְן דַיין בֵּיין?!

אָבֶּער אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, און מֶען נֶעמְט דָאס אָן פַאר כַּפָּרוֹת עֲווֹנוֹת, וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן. אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (עַיֵּין בְּרָכוֹת סב ע״א): **קַבָּלָה דְיִסוּרֵי שְׁתִיקוּתָא וּמִבָּעֵי רַחֲמֵי**, דִי מֶעדֶעצִין פַאר יִסוּרִים אִיז שְׁוַוייגְן, און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶועגְן דֶעם אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע

## עֶס וֶועט דיר נָאךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן

עֵצָה נָאר צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וֶועט זִיךְ סוֹף כָּל סוֹף אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם גוּטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ קֶענֶען בַּאנֵייעֶן, אוּן עֶס זָאל זַיין שִׂמְחוֹת בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אָמֵן!

**~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~**

בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער,
וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת וִויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָארְכְטִיגֶער רֶבִּי,
דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט,
וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים
פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

דֶער עִיקֶר זָאלְסְט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס דוּ זָאלְסְט זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, וֶועסְטוּ הָאבְּן גָאר אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ זֶעלְטֶענֶעם שָׁלוֹם בַּיִת, וָוארוּם אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, נֶעמְט זִיךְ וַוייל עֶר אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן, שְׁטֶענְדִיג קוּקְט עֶר אוֹיף יֶענֶעם וְכוּ', עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז יֶענֶעם גֵייט בֶּעסֶער פוּן אִים וְכוּ', יֶענֶער הָאט צוּגֶעטְרָאפְּן בֶּעסֶער פוּן אִים וְכוּ', יֶענֶער אִיז מֶער מוּצְלָח פוּן אִים וְכוּ' וְכוּ', דֶעם פְּלַאץ וואוּ אִיךְ בִּין אִיז נִישְׁט גוּט וְכוּ', וֶוען אִיךְ זָאל זַיין אִין אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ וָואלְט מִיר בֶּעסֶער גֶעוֶוען וְכוּ', דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט קַיין צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, אוּן וואוּ דוּ וֶועסְט אִים נָאר נִישְׁט לֵייגְן וֶועט אִים זַיין בִּיטֶער, אוּן שְׁטֶענְדִיג וֶועט עֶר טְרֶעפְן חֶסְרוֹנוֹת אִין זַיין וַוייבּ וְכוּ' וְכוּ', אוּן אַזוֹי וֶועט זִיךְ דֶער שָׁלוֹם בַּיִת אָנְהֵייבְּן צוּ וַואקְלֶען רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

(אשר בנחל באידיש חלק ג' מכתב שנ"ח)

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן

א.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן זַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן דֶער גְרוֹיסֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט פוּן בַּעַל־שֵׁם־הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט דִי צַייט. הָאט דָאס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא מַסְבִּיר גֶעוֶוען: דָאס מֵיינְט, אַז מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט דִי פַּרְשָׁה

# אַ צופְרִידְן לֶעבְּן

פון דִי וָואךְ; און אַז אַ מֶענְטְש לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָש מִיט רַשִׁ״י, קֶען עֶר אַלֶעס טְרֶעפְן אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה.

אַ מֶענְטְש דַארְף וויסְן אַז אויף יֶעדֶע קַשְׁיָא וָואס עֶר הָאט, וֶועט עֶר אִם-יִרְצֶה-הַשֵּׁם טְרֶעפְן תֵּירוּצִים, עֶר דַארְף נָאר בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער און אויסְוַוארְטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן א): אַ מֶענְטְש דַארְף קוּקְן אויפְן 'שֵׂכֶל' און 'חַיּוּת אֱלֹקוּת' פון יֶעדֶע זַאךְ; אַזוי ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן נד): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זִיךְ מְצַמְצֵם פון אֵין סוֹף עַד אֵין תַּכְלִית, און עֶר אִיז מְרַמֵּז פַארְן מֶענְטְש רְמָזִים; און פון יֶעדֶע זַאךְ קֶען מֶען אַרויסְנֶעמֶען רְמָזִים און שֵׂכֶל ווי אַזוי צו דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, ווייל אַלֶעס אִיז פון בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוי ווי חַזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת עז ע״ב): יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אויף דֶער וֶועלְט הָאט אַ צְוֶועק, און גָארְנִישְׁט אִיז נִישְׁט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן

אוּמְזִיסְט, אֲפִילוּ אַ קְלֵיינֶער וָוארֶעמְל הָאט אוֹיךְ אַ תּוֹעֶלֶת; אוּן פוּן יֶעדֶע זַאךְ קֶען מֶען זִיךְ עֶפֶּעס אָפְּלֶערְנֶען.

וֶועגְן דֶעם וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי סִדְרָה׳ס וואו דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן ׳**מְכִירַת יוֹסֵף**׳ קֶען מֶען זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען אַ מוֹרָא׳דִיגֶע מוּסָר הַשְׂכֵּל, אוֹיף דִי מִדָּה פוּן ׳קִנְאָה׳, וָואס דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס עֶסְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן עֶס הַרְגֶ׳ט אִים אָפּ (שַׁבָּת קנב ע״ב); אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דֶעם, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט שׁוֹין גֶעבּוֹירְן מִיט דֶעם, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט דָאס בְּחוּשׁ, וֶוען מֶען הָאט דֶעם עֶרְשְׁטְן קִינְד טְשַׁאטְשְׁקֶעט מֶען זִיךְ אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אִים, אָבֶער וִוי נָאר עֶס וֶוערְט גֶעבּוֹירְן נָאךְ אַ קִינְד, הַאלְט דֶער עֶרְשְׁטֶער נִישְׁט אוֹיס אַז עֶס אִיז אִים גֶעקוּמֶען אַ צְוֵוייטֶער אוֹיפְן קָאפּ, אוּן עֶר זוּכְט אִים צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען וְכוּ׳, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט שׁוֹין אַ דְרִיטֶע קִינְד פַאלְט דֶער מִיטְלְסְטֶער אַרוֹיס, אוּן דֶער

# אַ צופְרִידְן לֶעבְן

צְוֵוייטֶער הַאלְט נִישְׁט אוֹיס, זֶעהְט מֶען אַז מֶען וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט קִנְאָה.

וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען אוֹיסְרַייסְן פוּן זִיךְ דִי קִנְאָה. אוּן וִויסְן אַז יֶעדֶע מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיין מַעֲלָה, אוּן עֶר דַארְף זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אוּן קוּקְן אוּן זִיךְ צוּבְּרֶעכְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט), בַּיי דִי **מַעֲשֶׂה** פוּן דֶעם **חָכָם וְתָּם**, אַז דֶער חָכָם הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעקוּקְט אוֹיף יֶענֶעם, אוּן וָואס יֶענֶער גְלַייכְט, אוּן עֶר הָאט נָאר גֶעלֶעבְּט פַאר יֶענֶעם, דֶערְפַאר אִיז עֶר פַארְשְׁוַוארְצְט גֶעוָוארְן פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף; וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג פוּן אַ צְוֵוייטְן אוּן וָואס יֶענֶער טְרַאכְט, נֶעמְט עֶר זַיין קָאפּ אוּן לֵייגְט דָאס בַּיי יֶענֶעם, אוּן עֶר אַלֵיין בְּלַייבְּט אָן אַ קָאפּ! אוּן עֶר גֵייט אַרוּם צוּבְּרָאכְן אוּן צוּהַאקְט, אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן עֶר זֶעהְט נָאר דִי חֶסְרוֹנוֹת בַּיי יֶעדְן, אוּן עֶס אִיז אִים בִּיטֶער אוּן פִינְסְטֶער דָאס לֶעבְן רַחְמָנָא לִצְלָן,

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן

אַזוֹי ווִי חֲזַ״ל זָאגְן: ׳פְּסִיק רֵישָׁא וְלֹא יָמוּת׳, אַז מֶען שְׁנַיידְט אֵיינֶעם אָפּ דֶעם קָאפּ, וֶועט עֶר דֶען נָאךְ בְּלַייבְּן לֶעבְּן?! אַזוֹי ווִי חֲזַ״ל זָאגְן טַאקֶע (בְּרָכוֹת יח ע״ב): **רְשָׁעִים בְּחַיֵּיהֶם קְרוּיִין מֵתִים**, רְשָׁעִים אֲפִילוּ וֶוען זֵיי לֶעבְּן נָאךְ, אִיז זֵייעֶר לֶעבְּן אַ טוֹיטֶע און דֶערְבִּיטֶערְטֶע לֶעבְּן רַחְמָנָא לִצְלָן. אָבֶּער דֶער תַּם הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אַ יְסוֹד: וָואס הָאב אִיךְ מִיט יֶענֶעם?! און עֶר הָאט גֶעזָאגְט: דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה און דָאס אִיז יֶענֶעמְס מַעֲשֶׂה. דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים, און עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען פְרֵיילֶעךְ און צוּפְרִידְן. און אַז מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: זֶעהְסְט נִישְׁט אַז אַלֶע שׁוּסְטֶערְס פַארְדִינֶען אַסַאךְ מֶער פון דִיר?! הָאט עֶר גֶעזָאגְט: וָואס הָאב אִיךְ מִיט יֶענֶעם?! לָאמִיר מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן און זֶעהְן וָואס ׳אִיךְ׳ פַארְדִין, און עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעלֵייגְט און מָלֵא שִׂמְחָה (עַיֵּין בִּפְנִים בַּאֲרִיכוּת).

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן

און דָאס אִיז נִישְׁט סְתַּם אַ מַעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם, וַוייל דִי אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת זֶענֶען רֵיין סוֹדוֹת הַתּוֹרָה (הַקְדָמָה לְסִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת), וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מִיט דֶעם גֶעוָואלְט לֶערְנֶען אַ וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין לֶעבְּן, און וִוי אַזוֹי מֶען קֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז מִיט אַלֶע תּוֹרוֹת און שִׂיחוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם פוּנֶעם גְרֶעסְטְן בִּיזְן קְלֶענְסְטְן, אוּנְז אוֹיסְצוּהֵייבְן און בְּרֶענְגֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן מַעֲלַת תּוֹרָתוֹ וּסְפָרָיו, סִימָן שנח, וְעוֹד שָׁם), וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַ גוּטֶער מְלַמֵד, (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ל; וְעַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן שעו), וָואס דֶער עִיקָר חָכְמָה פוּן אַ גוּטֶער מְלַמֵד אִיז אַז עֶר קֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרָאפְּלָאזְן צוּם קִינְד, בִּיז דֶער קִינְד שְׁפִּירְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ און עֶר מֵיינְט אַז עֶר אִיז זַיין חַבֶר, אַזוֹי אַרוּם לוֹיפְט עֶר אִין חֵדֶר מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק וְכוּ׳, [אָבֶער אוֹיבּ דֶער קִינְד ווִיל נִישְׁט גֵיין אִין חֵדֶר, און יֶעדְן טָאג זָאגְט עֶר אַן

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן

אַנְדֶערֶע תֵּירוּץ, דַארְף מֶען וִויסְן אַז עֶפֶּעס טוֹיג נִישְׁט, מִן הַסְּתָם שְׁלָאגְט אִים אָדֶער פַארְשֶׁעמְט אִים דֶער רֶבִּי, וָואס דָאס אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן דִי גְרֶעסְטֶע רְצִיחָה, וַוייל דוּרְכְדֶעם קֶען מֶען מַאכְן דֶעם קִינְד פַאר אַ בַּעַל מוּם אוֹיף זַיין גַאנְץ לֶעבְּן,] אָבֶּער דֶער עִיקָר חָכְמָה אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַ קִינְד אוּן אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, דֶער צַדִיק אִיז אוֹיךְ אַ מְלַמֵד, אוּן עֶר הָאט אַ כֹּחַ זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן אוּן זִיךְ אַרוּם צוּ שְׁפִּילְן מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ, בִּיז עֶר שַׁיינְט אִין אִים אַרַיין אַז עֶר זָאל אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן קֶענֶען רֶעדְן צוּ אִים. נָאר נָאכְדֶעם אִיז דָא צְוֵויי עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן: אַ 'חָכָם' מִיט אַ 'תָּם', כָאטְשִׁיג זֵיי הָאבְּן בֵּיידֶע גֶעלֶערְנְט אִין אֵיין חֵדֶר בַּיי אֵיין מְלַמֵד, אִיז אֵיינֶער אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אַ חָכָם, פוּל מִיט חָכְמוֹת אוּן הַשְׂכָּלוֹת, אוּן אֵיינֶער אַ תָּם, וָואס הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן מִיט תְּמִימוּת, דֶער 'חָכָם' הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעכַאפְּט זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁלֶעק, אוּן עֶס אִיז אַרִיבֶּער

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְן

אוֹיף אִים אָן אַ שִׁיעוּר בִּיטֶערְנִישְׁן, אוּן אַנְשְׁטָאט אַיינְצוּזֶעהְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן צוּרִיק גֵיין צוּ אִים, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וָואס זֵיי הָאבְּן מִיר דָאס אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְט, אוּן זֵיי מַאכְן מִיר אָן דִי אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים. אוּן וֶוען דֶער תַּם הָאט אִים גֶעזָאגְט: זֶעהְסְט דָאךְ אַז דֶער טַייְוול הָאט דִיךְ גֶערוּפְן! הָאט עֶר אָפְּגֶעלַאכְט פוּן דֶעם, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ וִוי שֵׁדִים אוּן רוּחוֹת, וָואס זֵיי דֶערְבִּיטֶערְן דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ו ע"א): **אִלְמָלֵי נִתְּנָה רְשׁוּת לְעַיִן לִרְאוֹת וְכוּ'**, אוֹיבּ דִי אוֹיג וָואלְט גֶעהַאט רְשׁוּת צוּ זֶעהְן, וָואלְט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן פוּן גְרוֹיס שְׁרֶעק, וִויפִיל קְלִיפּוֹת עֶס נֶעמֶען אִים אַרוּם. וָואס עֶר הָאט זֵיי בַּאשַׁאפְן דוּרְךְ זַיינֶע עֲווֹנוֹת, וָואס פוּן דֶעם נֶעמְט זִיךְ אַז עֶס אִיז פַארְהוֹילְן פוּן אִים דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט אִינְזִין הָאבְּן בַּיים דַאוֶונֶען, אוּן עֶס קוּמֶען אִים אַרַיין אַלֶע מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת, דָאס אַלֶעס קוּמְט

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן

פוּן דִי קְלִיפּוֹת אוּן מַשְׁחִיתִים וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן רַחְמָנָא לִצְלָן. אוּן וִוי בַּאלְד דֶער חָכָם הָאט דָאס אַלֶעס גֶעלֵייקֶנְט, אִיז עֶר נֶעבֶּעךְ פַּארְשְׁוַוארְצְט גֶעוָוארְן פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף.

אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ זוּכְט נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּן עֶר ווִיל גָארְנִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, דֶעמָאלְטְס אֲפִילוּ עֶר אִיז אִינֶעם גְרֶעסְטְן פִינְסְטֶער, וֶועט עֶר טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס וֶועט אִים לִיכְטִיג וֶוערְן, אוּן עֶר וֶועט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין פִינְסְטֶערְנִישׁ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ט; קיב). אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער וֶועג פוּנֶעם 'תָּם', דֶערְפַאר הָאט עֶר אַזוֹי שְׁטַארְק מַצְלִיחַ גֶעוֶוען (קוּק נָאךְ אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוֹיף אִידִישׁ מַעֲשֶׂה ט, וֶועסְטוּ גוּט פַארְשְׁטֵיין).

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נא): דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ. דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אַזוֹי וֶועט מֶען ווִיסְן וָואס דֶער

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן

הֵיילִיגֶער רֶבִּי וִויל פוּן אוּנְז, אוּן מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְנַארְט וֶוערְן פוּן קֵיינֶעם, וָואס זָאגְט אַנְדֶערֶע זַאכְן אִינֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס נָאמֶען.

## ב.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן סד): מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מוֹרָא׳דִיגֶע קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם מִיט מַחְשָׁבוֹת קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, בִּיז מֶען גֵייט נֶעבֶּעךְ אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן מֶען קוּמְט רַחְמָנָא לִצְלָן צוּ כְּפִירָה מַמָשׁ, אוּן דָאס נֶעמְט זִיךְ פוּן דֶעם ׳חָלָל הַפָּנוּי׳, דָאס הֵייסְט פַאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דֶער וֶועלְט, אִיז אַלֶעס גֶעוֶוען נָאר אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא - אֵין שְׁטִיק גֶעטְלִיכְקֵייט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס אַיינְגֶעצוֹימְט אוּן מְצַמְצֵם גֶעוֶוען, כְּדֵי צוּ בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, אוּן דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן ׳חָלָל הַפָּנוּי׳ (עֵץ חַיִּים בִּתְחִילָתוֹ). [וַוייל אַ זַאךְ וָואס אִיז פוּל, קֶען מֶען גָארְנִישְׁט אַרַיין לֵייגְן דָארְט, אוּן

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְן

אַז מֶען וויל עֶפֶּעס אַרַיין לֵייגְן מוּז מֶען עֶס לֵיידִיג מַאכְן, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען אַרַיינְלֵייגְן וָואס מֶען וויל. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ כִּבְיָכוֹל דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז **מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ**, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז פוּל נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אוֹיבּ אַזוֹי וִוי אִיז שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן אַ **בְּרִיאָה**, אַ גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט אַלֶעס וָואס אִיז דָא אִין אִיר? דֶערְפַאר הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶּער גֶעמוּזְט מַאכְן דֶעם **צִמְצוּם**, אוּן אִין דֶעם צִמְצוּם הָאט עֶר בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט].

אָבֶער אֲפִילוּ אִין דֶעם צִמְצוּם פוּן דִי וֶועלְט, מוּז מֶען אוֹיךְ זָאגְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז דָא, וַוייל אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען גָארְנִישְׁט עֶקְזֶעסְטִירְן אֲפִילוּ אוֹיף אֵיין רֶגַע אוּן עֶס וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין וֶועלְט, קוּמְט אוֹיס אוֹיפְן בַּאשַׁאפוּנְג פוּן דִי וֶועלְט דַארְף מֶען זָאגְן צְוֵויי קֶעגְנְזַייטִיגֶע זַאכְן אוֹיף אֵיין מָאל: יֵשׁ וְאַיִן, דֶערְפַאר קֶען מֶען דָאס בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אוּן וֶועגְן דֶעם הָאט מֶען קַשְׁיוֹת, נָאר אִידְן וִוִיבַּאלְד זֵיי זֶענֶען שְׁטַארְק אִין

# אַ צופְרידְן לֶעבְן

אֶמוּנָה, קֶענֶען זֵיי אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען אוֹיף דִי קַשְׁיוֹת אוֹיךְ, און זֵיי וֵוייסְן: אַז בֶּאֱמֶת אִיז אַלֶעס נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט פַארְהַאן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אֲפִילוּ נָאךְ דִי בְּרִיאָה אִיז אַלֶעס אֵיין שְׁטִיק אֱלֹקוּת, נָאר דָאס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין מִיטְן מֶענְטְשְׁלִיכְן שֵׂכֶל, און אוּנְזֶער שֵׂכֶל אִיז צוּ קְלֵיין דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין, נָאר מִיר גְלֵייבְּן אִין דֶעם, מְמֵילָא קֶענֶען זֵיי טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָארְט אוֹיךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעט דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין מִיט אַ מָשָׁל: צוּ אֵיינֶער וָואס זָאגְט אַ דְרָשָׁה און עֶר זָאגְט פַּאלְטְשֶׁע סְבָרוֹת, און עֶר בּוֹיעֶט אוֹיף גַאנְצֶעטֶע קַשְׁיוֹת, און וִויבַּאלְד עֶס אִיז נִישְׁט דָא דָארְט קַיין 'לַמְדָן' וָואס קֶען פַארֶענְטְפֶערְן זַיינֶע קַשְׁיוֹת, דַאכְט זַאךְ פַאר דִי מֶענְטְשְׁן אַז עֶר אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם און עֶר פְרֶעגְט שְׁטַארְקֶע קַשְׁיוֹת, און עֶר נַארְט גוּט אָפּ דֶעם עוֹלָם; בִּפְרַט בַּיי 'קַבָּלָה' קֶען מֶען זֵייעֶר גוּט אָפְּנַארְן מֶענְטְשְׁן, אַז מֶען

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן

רֶעדְט אַזֶעלְכֶע לְשׁוֹנוֹת וָואס מֶען פַּארְשְׁטֵייט נִישְׁט, מְמֵילָא הָאבְּן מֶענְטְשְׁן הִתְפַּעֲלוּת, אוּן מֶען מֵיינְט אַז עֶר זָאגְט טִיפֶע זַאכְן, [אֲפִילוּ מֶען קֶען נִישְׁט נָאכְזָאגְן קַיין אֵיין זַאךְ, אוּן אַוַודַאי נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען עֵצוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ מְחַזֵק זַיין אִינֶעם לֶעבְּן].

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ רֶעדְט זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אַיין אַז עֶר הָאט מוֹרָא׳דִיגֶע קַשְׁיוֹת אִין דִי אֱמוּנָה, וָואס דָאס קוּמְט בֶּאֱמֶת וַוייל זַיין שֵׂכֶל אִיז צוּ קְלֵיין דָאס צוּ פַּארְשְׁטֵיין, אָבֶּער דֶער שְׁלֵימוּת פוּנֶעם צַדִיק אִיז אַז עֶר קֶען אַרַיין גֵיין אִין דֶעם **חָלָל הַפָּנוּי**, אִין אַלֶע קַשְׁיוֹת אוּן חָכְמוֹת, אוּן וַוייזְן אַז דָארְטְן אִיז אוֹיךְ דָא אֱלֹקוּת, וָואס אוֹיף דֶעם אִיז גֶעשְׁטֶעלְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, וָואס וַוייזְט אוּנְז אַ וֶועג אִינֶעם טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ, אֲפִילוּ פַאר אַזַאלֶעכֶע נִידֶעריגֶע מֶענְטְשְׁן וִוי אוּנְז.

# אַ צופְרידן לֶעבְן

אָבֶער דָאך הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבֶּעטְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כט): מֶען זָאל לֶערְנֶען 'שׁוּלְחָן עָרוּך', אוּן נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן אַ סְעִיף קָטָן אִין שׁוּלְחָן עָרוּך, אוּן מְקַיֵּים זַיין יֶעדֶע הֲלָכָה, וַוייל דִי גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט בַּאשְׁטֵייט נָאר אוֹיפְן שׁוּלְחָן עָרוּך. אוּן דִי אַלֶע טוֹיזְנְטֶער שְׁאֵלוֹת-וּתְשׁוּבוֹת סְפָרִים, זֶענֶען אוֹיךְ נָאר גֶעבוֹיעֶט אוֹיפְן שׁוּלְחָן עָרוּך, נָאר וִויבַּאלְד אִין יֶעדְן דוֹר קוּמֶען אוֹיף נַייעֶ עֶרְפִינְדוּנְגֶען, מוּז מֶען שְׁטֶענְדִיג מַאכְן פְרִישֶׁע שְׁאֵלוֹת-וּתְשׁוּבוֹת, צוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן עַל-פִּי-הֲלָכָה לוֹיטְן הַיינְטִיגְן מְצִיאוּת.

אִין דִי עֶרְשְׁטֶערֶע יָארְן דָא אִין אַמֶערִיקֶע, אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען קַיין 'חָלָב יִשְׂרָאֵל', כָאטְשִׁיג עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען דָא רַבָּנִים לוֹמְדִים אוּן גְאוֹנִים, דָאךְ הָאט מֶען אַלֶעס גֶעמַאכְט מִיט דִי גְרֶעסְטֶע קֻלוֹת, וִוי לְמָשָׁל שֶׁמֶן זַיִת אוּן נָאךְ אַנְדֶערֶע זַאכְן, אוּן מֶען הָאט זִיךְ פַארְלָאזְט אוֹיף דִי גָאוֶוערְמֶענְט אִינְסְפֶּעקְטָאר, אַז

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן

וְוִיבַּאלְד עֶס שְׁטֵייט אוֹיף דֶעם אַז עֶס אִיז הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט מִילְךְ, אִיז דָאס טַאקֶע הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט אוּן מֶען מִישְׁט גָארְנִישְׁט אַרֵיין, בִּיז דֶער צֶעלִימֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעקוּמֶען, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן חָלָב יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעמַאכְט עֶס זָאל זַיין חָלָב יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער טְרִינְקֶערְס הָאט דֶער סַאטְמַארֶער רָב גֶעמַאכְט. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט אוּן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אַ וֶועלְט וֶועגְן דֶעם, אוּן עֶר הָאט פַארְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין קָאנְטְרִי, הָאט אִים אַ אִיד דֶערְצֵיילְט אַז אַ גֶעוִויסֶע גוֹיטֶע הָאט גֶעהַאט אַ פַארֶעם, וואוּ זִי הָאט פַארְקוֹיפְט מִילְךְ וָואס וֶוערְט נִישְׁט פַארְדָארְבְּן, נָאךְ נַיין יָאר הָאט מֶען אִיר גֶעכַאפְּט אַז זִי הָאט אַרַיינְגֶעמִישְׁט דֶערִין חַזִיר מִילְךְ, וַוייל זִי הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ חֲזֵירִים, [אַז מֶען לֵייגְט אַרֵיין מִילְךְ פוּן אַ חַזִיר, קֶען דָאס נִישְׁט וֶוערְן פַארְדָארְבְּן,] פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי רֶעגִירוּנְג

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן

הָאט איר גֶעגֶעבְּן אַ גְרוֹיסֶער שְׁטְרָאף, וַוייל זִי הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶס אִיז נָאר רֵיין מִילְךְ. הָאט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רָב גֶע׳טַעְנֶה׳ט אַז מֶען זֶעהְט פוּן דֶעם קְלָאר אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיפְן אִינְסְפֶּעקְטָאר, וַוייל מֶען קֶען אִים אִינְטֶערְקוֹיפְן מִיט גֶעלְט, אוּן עֶר וֶועט לֵייקֶענֶען אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזֶעהְן וְכוּ׳. אָבֶּער אִידְן ווִילְן דָאךְ הִיטְן דִי תּוֹרָה, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ נִישְׁט אָפְּצוּטְרֶעטְן אֲפִילוּ אַ טְרָאפּ פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ.

דֶערְפַאר אֲפִילוּ מֶען זֶעהְט פַארְשִׁידֶענֶע מִנְהָגִים בַּיי פַארְשִׁידֶענֶע פְּלֶעצֶער וָואס אַסַאךְ מָאל בְּרֶענְגְט דָאס אַרוֹיס וואוּנְדֶער בַּיי מֶענְטְשְׁן, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז ווִילַאנְג מֶען הַאלְט זִיךְ אִין דִי רַאמֶען פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, טָאר מֶען פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט לַאכְן, נָאר יֶעדְן דַן זַיין לְכַף זְכוּת.

# אַ צופְרידְן לֶעבְּן

## ג.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער **בְּאֵר מַיִם חַיִּים** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוָואְרן רָב אִין שְׁטָאט 'טְשֶׁערְנָאוִויץ' [בּוּקַאוִוינָא, רוּמֶענְיֶע], הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַז דִי שְׁטָאטְס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר פַארְגְרֶעבְּט רַחְמָנָא לִצְלָן, שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג הָאט עֶר גֶעוָואלְט זָאגְן אַ דְרָשָׁה, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַז עֶס דָא רַחְמָנָא לִצְלָן תַּעֲרוּבוֹת דָארְט, הָאט עֶר מוֹחֶה גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם, אִיז גֶעוָוארְן אוֹיף אִים אַ 'מַחְלוֹקֶת', דֶעם צְוֵוייטְן שַׁבָּת וֶוען עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעוָואלְט זָאגְן אַ דְרָשָׁה, הָאט אַ פְרוֹי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים: דוּ אַלְטֶער פּוֹשֵׁעַ יִשְׂרָאֵל! דוּ פַארְשְׁטֶערְסְט אוּנְז דֶעם עוֹנֶג שַׁבָּת. אַזוֹי פַארְגְרֶעבְּט זֶענֶען זֵיי נֶעבֶּעךְ גֶעוֶוען, זֵיי הָאבְּן אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס מֶען ווִיל פוּן זֵיי הָאבְּן.

אֵיינְמָאל הָאט אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פַארְקוֹיפְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט אוֹיף רוּסִישׁ אִינֶעם בְּרֵייטְ"ן בִּיתְ"שׁ גֶעגְנְט [בְּרוּקְלִין], זֶעהְט עֶר וִוי אַ

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן

אִיד גֵייט אַרֵיין פְּרַייטִיג אִין אַ גֶעשֶׁעפְט קוֹיפְן חַזִיר רַחְמָנָא לִצְלָן, זָאגְט עֶר אִים: מֶען טָאר דָאס נִישְׁט עֶסְן! פְּרֶעגְט אִים יֶענֶער אִיד מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע תְּמִימוּת: פַארְוָואס טָאר מֶען דָאס נִישְׁט עֶסְן, אִיךְ קוֹיף דָאךְ דָאס לְכָבוֹד שַׁבָּת?!

עֶס אִיז דָא אַ בַּאקַאנְטֶער בְּרִיוו פוּנֶעם הֵיילִיגְן בְּאֵר מַיִם חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ ווִי עֶר בַּאקְלָאגְט זִיךְ פַאר רַבָּנִים אוּן גְדוֹלֵי הַדוֹר, אַז זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶענוּמֶען דָא אִין טְשֶׁערְנָאוִויץ אַ חַזָן מִיטְן נָאמֶען שִׁמְעוֹן, וָואס אִיז אַ מְחַלֵל שַׁבָּת אוּן עֶר עֶסְט טְרֵיפוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, שְׁרַייבְּט עֶר מִיט דֶעם לָשׁוֹן (פְּסָחִים כב ע"ב): שִׁמְעוֹן הָעַמָסוֹנִי הָיָה דוֹרֵשׁ כָּל 'אֶתִין' [עֶסְן...] שֶׁבַּתּוֹרָה, ['אֶת' הַחֲזִיר, וְ'אֶת' הָאַרְנֶבֶת, וְ'אֶת' הַשָּׁפָן,] שִׁמְעוֹן דֶער חַזָן עֶסְט אַלֶעס, כֵּיוָן שֶׁהִגִיעַ לְאֶת ה' אֱלֹקֶיךָ תִּירָא פֵּירַשׁ, נָאר יִרְאַת שָׁמַיִם הָאט עֶר נִישְׁט, וָואס טוּט מֶען מִיט אִים?! לְמַעֲשֶׂה הָאט מֶען דֶעם הֵיילִיגְן בְּאֵר מַיִם חַיִּים זֵייעֶר אוֹיסְגֶע'רוֹדֶפְ'ט אַז עֶר

צוּשְׁטֶערְט זֵייעֶר עוֹנֶג שַׁבָּת, אוּן עֶר לָאזְט נִישְׁט טַאנְצְן אוּן זִינְגֶען, אוּן עֶר וִויל נָאךְ פַארְשִׁיקְן דֶעם שֵׁיינֶעם חַזָן... אוּן צוּם סוֹף הָאט עֶר גֶעמוּזְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט. אִיז עֶר דֶעמָאלְטְס גֶעגַאנְגֶען צוּם שְׁטָאט 'בּוּטִישַׁאן', אָבֶער דָארְט אִיז גֶעוֶוען נָאךְ מֶער אַ פַארְגְרֶעבְּטֶערֶע פְּלַאץ, בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיף גֶעגַאנְגֶען קַיין 'אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל', אוּן דָארְט הָאט עֶר אוֹיסְגֶעלֶעבְּט דִי יָארְן בְּשָׁלוֹם.

דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעשִׁיקְט זַיין תַּלְמִיד דֶער בַּעַל תְּפִילָה הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי יַעֲקֹב קָאפְּל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ צוּ דֶעם גֶעגְנְט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט: דָאס אִיז דַיין גָארְטְן אוּן דָאס גֶעהֶערְט פַאר דִיר. אוּן מֶען זֶעהְט טַאקֶע אַז עֶר מִיט זַיינֶע וַוייטֶערְדִיגֶע דוֹרוֹת הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט הֶערְלִיכֶע שֵׁיינֶע קְהִלוֹת בַּיי אִידְן.

ד.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית לז ד): **וַיִּשְׂנְאוּ אֹתוֹ, וְלֹא יָכְלוּ דַּבְּרוֹ לְשָׁלֹם**, דִי הֵיילִיגֶע שְׁבָטִים וָואס פוּן זֵיי קוּמְט אַרוֹיס

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן

כְּלַל יִשְׂרָאֵל, זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ קִנְאָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אַזוֹי וַוייט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן צוּ יוֹסֵף הַצַדִיק. זָאגְט רַשִׁ״י פוּן חַזַ״ל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פד, ט), אַז דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער שְׁבַח פַאר דִי שְׁבָטִים, אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען ׳אֶחָד בְּפֶּה וְאֶחָד בְּלֵב׳, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אַרוּם גֶעפָּאפְּט. וָואס דָאס אַלֵיינְס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע זַאךְ, אַזוֹי ווִי מֶען זֶעהְט אַז הַיינְט פִירְט זִיךְ אַלֶעס לֵיידֶער מִיט פָּאלִיטִיק: מֶען זָאגְט אֵיין זַאךְ, און מֶען טְרַאכְט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ. וָואס דָאס אִיז פָּשׁוּט ׳שֶׁקֶר׳.

אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק און עוֹבֵד הַשֵׁם הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי אַהֲרֹן רָאטְה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ [ווִיבַּאלְד מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁכֵנִים הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזֶעהְן אַלְץ קִינְד יֶעדְן טָאג] זָאגְט עֶר (שׁוֹמֵר אֱמוּנִים מַאֲמַר הָאֱמוּנָה, פֶּרֶק ב): ׳פָּאלִיטִיק׳ בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט ווִיפִיל ׳עֲמָלֵק׳. וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אֵיין זַאךְ און אִין הַארְץ טְרַאכְט עֶר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אִיז עֶר אַ מוֹרָא׳דִיגֶער שַׂקְרָן, און מֶען דַארְף

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן

אוֹיף דֶעם בֶּעטְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן אַז הַלְוַואי זָאל מֶען זוֹכֶה זַיין אֵיין מָאל אִין לֶעבְּן צוּ זָאגְן אֵיין אֱמֶת וָוארְט פַּארְן בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קיב).

זֶעהְט דָאךְ לִכְאוֹרָה אוֹיס אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גוּטֶע זַאךְ אַז דִי שְׁבָטִים הָאבְּן נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּ יוֹסֵף, אוּן נִישְׁט גֶעפָּאפְּט?! אָבֶּער דָאךְ וַוייל דִי שְׁבָטִים הָאבְּן נִישְׁט דַן גֶעוֶוען יוֹסֵף הַצַדִיק לְכַף זְכוּת, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים פַּיינְט גֶעהַאט, אִיז דָאס אָנְגֶעקוּמֶען אַזוֹי וַוייט, אַז זֵיי הָאבְּן מַתִּיר גֶעוֶוען אִים צוּ הַרְגֶ'נֶען, [אוּן מֶען רֶעדְט דָא פוּן שִׁמְעוֹן וְלֵוִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען סְתַּם מֶענְטְשְׁן, נָאר פוּן דִי גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע שְׁבָטִים, אוּן שֵׁבֶט לֵוִי זֶענֶען גֶעוֶוען דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע שֵׁבֶט וָואס הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט אִין מִצְרַיִם, וַוייל גְלַייךְ פוּן אָנְפַאנְג זֶענֶען זֵיי נִישְׁט נָאכְגֶעגַאנְגֶען דִי מִצְרִיִים וְכוּ'.]

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן

בִּיז מֶען הָאט פַארְקוֹיפְט יוֹסֵף, אוּן נָאכְדֶעם הָאט מֶען אִים אַיינְגֶעזֶעצְט אִין תְּפִיסָה, וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי צַעַר פוּן זִיצְן אִין תְּפִיסָה, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט גֶעפְּרוּאָוְוט וֶוערְן, אוּן אַלֶע אִידְן וָואס שְׁמַאכְטְן נֶעבֶּעךְ אִין תְּפִיסָה זָאל זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז זֵיי זָאלְן שׁוֹין בַּאפְרֵייט וֶוערְן, [אַגַב, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אָנְגֶעוָוארְנְט מֶען זָאל גָארְנִישְׁט טוּעֶן קֶעגְן דִי רֶעגִירוּנְג; וַוייל וֶועגְן אַפָּאר נַארִישֶׁע דָאלַאר קֶען אַ מֶענְטְשׁ פַארְפַאלְן גֵיין אִין תְּפִיסָה רַחְמָנָא לִצְלָן,] אָבֶער יוֹסֵף הַצַדִיק הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן דִי גַאנְצֶע צַייט, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם שַׂר הַמַשְׁקִים אַז עֶר זָאל אִים אַ טוֹבָה טוּעֶן אוּן אִים דֶערְמַאנֶען פַאר פַּרְעֹה, שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית מ, כג): **וְלֹא זָכַר שַׂר הַמַשְׁקִים אֶת יוֹסֵף, וַיִשְׁכָּחֵהוּ,** דֶער שַׂר הַמַשְׁקִים הָאט אִים נִישְׁט דֶערְמַאנְט פַאר פַּרְעֹה, נִישְׁט יֶענֶעם טָאג אוּן אוֹיךְ נִישְׁט שְׁפֶּעטֶער. זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער מִדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פט, ג, הוּבָא בְּרַשִׁ״י שָׁם): וַוייל יוֹסֵף הַצַדִיק הָאט זִיךְ פַארְלָאזְט אוֹיפְן שַׂר הַמַשְׁקִים אַז עֶר

## אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן

זָאל אִים דֶערְמַאנֶען פַאר פַּרְעֹה, דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעדַארְפְט זַיין אִין תְּפִיסָה נָאךְ צְוֵויי יָאר, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים מ, ה): **אַשְׁרֵי הַגֶּבֶר אֲשֶׁר שָׂם ה׳ מִבְטַחוֹ** וְגוֹ׳ ווארויל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס פַארְזִיכֶערְט זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יוֹסֵף. פְּרֶעגְן דִי מְפָרְשִׁים, דֶער מִדְרָשׁ בְּרֶענְגְט דָאךְ אַ פָּסוּק וָואס בְּרֶענְגְט אַרוֹיס דִי מַעֲלָה פוּן יוֹסֵף, אַז עֶר הָאט זִיךְ פַארְזִיכֶערְט נָאר אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גְלַייךְ אוֹיף דֶעם פִּירְט דֶער מִדְרָשׁ אוֹיס, אַז עֶר הָאט גֶעדַארְפְט זִיצְן נָאךְ צְוֵויי יָאר וַוייל עֶר הָאט זִיךְ פַארְלָאזְט אוֹיפְן שַׂר הַמַּשְׁקִים, אוּן זִיךְ נִישְׁט פַארְזִיכֶערְט אִין בַּאשֶׁעפֶער?!

טַייטְשְׁן צַדִּיקִים, אַז אַוַודַאי זֶעהְט מֶען דָא דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק, אַז עֶר הָאט זִיךְ נָאר פַארְזִיכֶערְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וִוי אַזוֹי אִיז דֶען מֶעגְלִיךְ אַז שׁוֹין אִין יֶענֶעם טָאג הָאט דֶער שַׂר הַמַּשְׁקִים פַארְגֶעסְן פוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק, עֶר הָאט אִים דָאךְ **פּוֹתֵר חָלוֹם**

## אַ צוּפְרִידְן לֶעבְן

גֶעוֶועןֹ, אוּן נָאר אַדַאנְק אִים אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן תְּפִיסָה?! נָאר גְלַייךְ וֶוען יוֹסֵף הַצַדִיק הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל אִים דֶערְמַאנֶען פַאר פַּרְעֹה, הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען וֵויינֶען: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אַלֶע יָארְן, וֶוען דִי בְּרוּדֶער הָאבְּן מִיר פַארְקוֹיפְט; אוּן מֶען הָאט אוֹיף מִיר אוֹיסְגֶעטְרָאפְן אַן עֲלִילַת דַם, אוּן צוּם סוֹף הָאבּ אִיךְ פַארְלוֹירְן דֶעם שֵׂכֶל, אוּן גֶעזָאגְט פַארְן שַׂר הַמַשְׁקִים אַ פַארְשְׁטִינְקֶענֶעם מִצְרִי עֶר זָאל מִיר אַ טוֹבָה טוּעֶן אוּן דֶערְמַאנֶען פַאר פַּרְעֹה, אוּן אִיךְ הָאבּ פוּן דִיר פַארְגֶעסְן?! בֶּעהְט אִיךְ דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! טוּה מִיר אַ טוֹבָה דֶער שַׂר הַמַשְׁקִים זָאל פַארְגֶעסְן פוּן מִיר.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק: **וְלֹא זָכַר שַׂר הַמַשְׁקִים אֶת יוֹסֵף**, דֶער שַׂר הַמַשְׁקִים הָאט שׁוֹין יֶענֶעם טָאג נִישְׁט גֶעדֶענְקְט פוּן יוֹסֵף, וַוייל: וַיִשְׁכָּחֵהוּ, יוֹסֵף אַלֵיינְס הָאט גֶעבֶּעטְן דֶערוֹיף, אַז עֶר זָאל אִים פַארְגֶעסְן.

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְן

דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעהַאט צְוַויי קִינְדֶער דִי טָאכְטֶער דִי צְדֵקָת אָדְל אוּן דֶעם זוּהְן רֶבִּי צְבִי זְכוּתָם תָּגֵן עָלֵינוּ, דֶער רֶבִּי צְבִי אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק, אוּן זַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאב דִיר נָאר גֶעדַארְפְט אַרָאפּ בְּרֶענְגֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, דוּ הָאסְט גָאר אַ הוֹיכֶע נְשָׁמָה, אוּן דוּ דַארְפְסְט גָארְנִישְׁט, עֶר הָאט גֶעהַאט דְרַיי קִינְדֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין דִי שְׁטָאט 'אַלְט קָאנְסְטַאנְטִין', עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי בַּאהַאלְטְן אַז קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן אִים, כָאטְשִׁיג מֶען הָאט גֶעוִויסְט אַז עֶר אִיז אַ זוּהְן פוּנֶעם בַּעַל-שֵׁם-הַקָּדוֹשׁ, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט קֵיינֶער נִישְׁט גֶעהַאט קַיין הַשָּׂגָה אִין אִים, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן, עֶר הָאט נִיטְאַמָאל גֶעהַאט אֵיין סְעוּדָה צוּ גֶעבְן פַּאר דִי וַוייב אוּן קִינְדֶער אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן, אֵיינְמָאל הָאט אִים שׁוֹין דִי אָרִימְקֵייט אַזוֹי גֶעדְרִיקְט, אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט בַּיי דִי מְזוּזָה אוּן גֶעוֵויינְט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ הַאלְט דָאס שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס, אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעהְטְן

# אַ צוּפְרידְן לֶעבְּן

דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: אֶפְשָׁר זָאל מֶען מִיר צוּזַאם שְׁטֶעלְן מַעֲמָדוֹת [וֶועכֶנְטְלִיכֶער גֶעהַאלְט].

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ קוּמְט עֶר אִין שׁוּהְל דַאוֶוענֶען, זֶעהְט עֶר וִוי דֶער עוֹלָם הֵייבְּט אָן רֶעדְן צְווִישְׁן זִיךְ: דֶער אִיד אִיז דָאךְ דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָּדוֹשׁ'ס זוּהְן, פוּן וואוּ הָאט עֶר פַּרְנָסָה?! מֶען דַארְף אִים צוּזַאם שְׁטֶעלְן מַעֲמָדוֹת! דִי גַאנְצֶע וֶועלְט רֶעדְט דָאךְ פוּן בַּעַל-שֵׁם-הַקָּדוֹשׁ און פוּן זַיין גְרוֹיסְקֵייט, און דָא זִיצְט זַיין אֵייגֶענֶע זוּהְן, און עֶס פַּאלְט אוּנְז גָארְנִישְׁט אַיין אַז עֶר דַארְף הָאבְּן עֶסְן?! אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה, מֶען הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּזַאם צוּשְׁטֶעלְן, כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען אָנְגֵיין, וִוי נָאר עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט, כַאפְּט עֶר זִיךְ: גֶעוַואלְד און גֶעשְׁרִיגְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וָואס הָאבּ אִיךְ דָא גֶעטוּעֶן, אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין אֱמוּנָה און מַיין בִּטָחוֹן?! הָאסְט מִיר בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעהָאלְפְן אַלֶע יָארְן בִּיז יֶעצְט, און אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע בִּיטֶערְסְטֶע צַייטְן הָאסְטוּ מִיר גֶעהָאלְפְן און אִיךְ הָאבּ מִיךְ אַן עֵצָה גֶעגֶעבְּן,

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְן

הָאט עֶר זִיךְ נָאכְאַמָאל גֶעשְׁטֶעלְט בַּיי דִי מְזוּזָה, אוּן גֶעבֶּעטְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט אוּן אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, אִיךְ בִּין אַרַיין גֶעפַאלְן אִין אַ קַטְנוּת הַמּוֹחִין, בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל מִיר צוּזַאם שְׁטֶעלְן מַעֲמָדוֹת וְכוּ׳, זַיי מִיר מוֹחֵל. מוֹצָאֵי שַׁבָּת נָאךְ מַעֲרִיב, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַז דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעמַאכְט פְּלֶענֶער אַז מֶען וֶועט אִים צוּזַאם שְׁטֶעלְן גֶעלְט, הָאבְּן שׁוֹין אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּן דֶעם, אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעוָוארְן פוּן דֶעם.

אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ יוֹסֵף הַצַּדִיק דֶערְהַאלְטְן דִי גַאנְצֶע צַייט בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן תְּפִיסָה אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן מִשְׁנֶה לְמֶלֶךְ, אוּן אַלֶע הָאבְּן גֶעדַארְפְט אָנְקוּמֶען צוּ אִים, בִּיז דִי בְּרוּדֶערְס הָאבְּן אוֹיךְ גֶעדַארְפְט אַרָאפְּקוּמֶען צוּ אִים קַיין מִצְרַיִם, אוּן יוֹסֵף הַצַּדִיק הָאט גֶעדְרֵייט מִיט זֵיי אוֹיף אַלֶע וֶועגְן, חוֹשֵׁד גֶעוֶוען אַז זֵיי זֶענֶען מְרַגְּלִים וְכוּ׳, נִישְׁט וַוייל עֶר הָאט זֵיי

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן

גֶעוָואלְט חַס וְשָׁלוֹם מְצַעֵר זַיין, נָאר עֶר הָאט גֶעוָואלְט זֵיי זָאלְן זָאגְן: **אֲבָל אֲשֵׁמִים אֲנַחְנוּ**, מִיר זֶענֶען שׁוּלְדִיג, מִיר הָאבְּן מְצַעֵר גֶעוֶוען יוֹסֵף הַצַּדִיק אוּן אִים פַאַרְקוֹיפְט, אוּן מִיר טוּעֶן תְּשׁוּבָה דֶערוֹיף, אוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן דָאס גֶעזָאגְט הָאט זִיךְ יוֹסֵף בַּאוִוייזְן פַאר זֵיי, אוּן עֶס אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף זֵיי אַ מוֹרָא׳דִיגֶע פַּחַד אוּן בּוּשָׁה, זָאגְט דֶער מִדְרָשׁ אוֹיף דֶעם (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צג, י): **אוֹי לָנוּ מִיוֹּם הַדִּין אוֹי לָנוּ מִיוֹּם הַתּוֹכֵחָה**, אוֹיבּ פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם שֶׁעמְט מֶען זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מה, ג): **וְלֹא יָכְלוּ אֶחָיו לַעֲנוֹת אֹתוֹ כִּי נִבְהֲלוּ מִפָּנָיו**, דִי בְּרוּדֶערְס הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶנְטְפֶערְן יוֹסֵף, וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן פוּן אִים. אִיז דָאךְ אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי וִוי וַוייט מֶען וֶועט זִיךְ שֶׁעמֶען פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶוען עֶר וֶועט וַוייזְן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן. וַוייל אִין הִימְל וֵוייסְט מֶען אַלֶעס וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט אוּן רֶעדְט אוּן אֲפִילוּ וָואס עֶר טְרַאכְט, וַוייל דָארְט אִיז אַלֶעס אָפֶען.

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְן

דֶערְפַאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהָאלְפְן אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְן דֶעם שְׁלִיסְל פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אִים אַלֶעס אוֹיסְזָאגְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ בִּין דָא אוּן דָא גֶעגַאנְגֶען, אִיךְ הָאבּ דָאס אוּן דָאס גֶעטוּהְן וְכוּ׳. דַארְף מֶען זִיךְ מוֹרָא׳דִיג פְרֵייעֶן מִיט דִי מַתָּנָה אוּן זִיךְ בַּאנוּצְן דֶערְמִיט, וָואס דוּרְךְ דֶעם קוּמְט מֶען צוּ אַ מוֹרָא׳דִיגְן אֱמֶת, אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּ שֶׁעמֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: וֶוערְסְטוּ רִיץ רוֹיט פַארְן בַּאשֶׁעפֶער?! דָאס הֵייסְט, אַז מֶען כַאפְּט אַ מֶענְטְשׁ בַּיי אַ זַאךְ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַארְפְט טוּעֶן, אָדֶער מֶען כַאפְּט אִים בַּיי אַ לִיגְנְט וְכוּ׳, וֶוערְט עֶר זֵייעֶר רוֹיט, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט מַסְבִּיר זַיין פַאר רֶבִּי נָתָן, אַז פוּנְקְט אַזוֹי דַארְף מֶען וֶוערְן רוֹיט פַארְן בַּאשֶׁעפֶער.

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְן

דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אֱמֶת: מֶען קוּמְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן מֶען זָאגְט אִים אוֹיס פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס הָאט פַּאסִירְט אוּן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהְן, אוּן אֲפִילוּ מֶען הָאט שׁוֹין צוּגֶעזָאגְט פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען גֵייט דָאס מֶער נִישְׁט טוּהְן אוּן מֶען גֵייט שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּהְן, אוּן דָאךְ אִיז מֶען נָאכְאַמָאל דוּרְכְגֶעפַאלְן, זָאל מֶען דָאס נָאכְאַמָאל דֶערְצֵיילְן פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ נָאכְאַמָאל פָאְרנֶעמֶען דָאס נִישְׁט צוּ טוּהְן, אוּן זָאגְן פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן: אִיךְ הָאב דָאךְ דִיר שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל צוּגֶעזָאגְט, אַז אִיךְ וֶועל שׁוֹין זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן אִיךְ הַאלְט נִישְׁט קַיין וָוארְט.

אוּן אַז מֶען וֶועט דָאס אַזוֹיפִיל מָאל זָאגְן פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט מֶען זִיךְ בַּיים סוֹף אָנְהֵייבְן צוּ שֶׁעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען וֶועט זִיךְ שׁוֹין שֶׁעמֶען, צוּ זִינְדִיגְן אוּן דָאס דַארְפְן נָאכְאַמָאל דֶערְצֵיילְן פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי אֱמֶת פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז מֶען אִיז אָפֶּען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן

און יֶעצְט וֶוען דִי בְּרוּדֶערְס הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז זֵיי זֶענֶען שׁוּלְדִיג און גֶעזָאגְט (בְּרֵאשִׁית מב, כא): **אֲבָל אֲשֵׁמִים אֲנַחְנוּ**, זָאגְט דִי תּוֹרָה (בְּרֵאשִׁית מד, יח): **וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה**, יְהוּדָה אִיז זִיךְ צוּזַאם גֶעקוּמֶען מִיט יוֹסֵף. זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (וַיִּגַּשׁ רו ע״ב): **תִּקְרוּבְתָּא מַלְכָּא בְּמַלְכָּא**, יֶעצְט זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען דִי צְוֵויי מְלָכִים יְהוּדָה מִיט יוֹסֵף, וָואס דָאס אִיז דֶער שְׁלֵימוּת אַז דִי צְוֵויי מְלָכִים זָאלְן זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען, וַוייל יוֹסֵף וַוייזְט אוֹיף דִי מִדָה פוּן יְסוֹד צַדִיק, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אָפְּגֶעהִיטְן בִּשְׁלֵימוּת מִיטְן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, און יְהוּדָה וַוייזְט אוֹיף דִי מִדָה פוּן מַלְכוּת וָואס דָאס אִיז אֱמוּנָה, אַז מֶען אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם.

און דָאס הָאט יֶעדֶער אִיד, אַזוֹי וִוי דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צח, ו): יֶעדֶער יוּד וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן יְהוּדִי אוֹיף דֶער נָאמֶען פוּן יְהוּדָה און מֶען רוּפְט נִישְׁט אוֹיף דִי נֶעמֶען פוּן דִי אַנְדֶערֶע שְׁבָטִים: רְאוּבֵנִי, שִׁמְעוֹנִי, זְבוּלוֹנִי; וַוייל

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְן

אִינֶעם וָוארְט יְהוּדָה אִיז דָא דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְס נָאמֶען - הֲוָיָ"ה, אוּן דֶער אוֹת ד', וָואס דָאס וַוייזְט אוֹיף דִי אֱמוּנָה פוּן יֶעדְן אִיד, וַוייל 'דַלֶת' מֵיינְט: 'דְלֵית' לֵיהּ מִגָּרְמֵיהּ כְּלוּם, עֶר הָאט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין גָארְנִישְׁט, וָואס דָאס אִיז אֱמוּנָה, אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶער פוּן דֶעם וֵוייס אִיךְ גָארְנִישְׁט.

עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תִּקּוּנֵי זוֹהַר סו ע"ב): אַז דֶער פָּסוּק (דְבָרִים ל, יב): מִ"י יַ'עֲלֶה' לָ'נוּ' הַ'שָּׁמַיְמָה' אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: מִילָה, אוּן דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת אִיז: הֲוָיָ"ה; דָאס הֵייסְט, זוֹכֶה צוּ זַיין אַז דֶער מֹחַ זָאל שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן רוּחָנִיוּת, קֶען מֶען נָאר אוֹיבּ מֶען הִיט אָפּ דֶעם בְּרִית קוֹדֶשׁ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כג): יֶעדֶער אִיד וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן צַדִיק וַוייל עֶר אִיז גֶע'מַלֶ'עט; אוּן וִויבַּאלְד עֶר אִיז גֶע'מַלֶ'עט, הָאט עֶר אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זִיךְ דֶעם שֵׁם הֲוָיָ"ה, דֶערְפַאר הֵייסְן אִידְן יְהוּדָה, וַוייל זֵיי הָאבְּן דֶעם

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן

שֵׁם הֲוָיָ״ה און אויך דֶעם אוֹת דַלֶת, וַוייל זֵיי הַאלְטְן זִיךְ קְלֵיין, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים ז, ז): **כִּי אַתֶּם הַמְעַט** וְגוֹ׳, זָאגְן אוֹיף דֶעם חַזַ״ל (חוּלִין פט ע״א הוּבָא בְּרַשִׁ״י): אִידְן הַאלְטְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג קְלֵיין. אוֹיךְ זָאגְן חַזַ״ל (יְבָמוֹת עט ע״א): אִידְן הָאבְּן דְרֵיי סִימָנִים: זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ, זֵיי הָאבְּן רַחְמָנוּת, און טוּעֶן שְׁטֶענְדִיג חֶסֶד און הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד.

דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צג, ח, י): וֶוען יוֹסֵף הַצַדִיק הָאט גֶעוִויזְן פַאר דִי בְּרוּדֶערְס אַז עֶר אִיז גֶע׳מַלֶ׳עט, און עֶר הָאט נִישְׁט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בַּבְּרִית, און עֶר אִיז בַּייגֶעשְׁטַאנֶען אַזֶעלֶעכֶע בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, הָאבְּן זֵיי אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּקְן אִין פָּנִים אַרַיין פוּן גְרוֹיס בּוּשָׁה. עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ אַז עֶס אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף זֵיי אַ מוֹרָא׳דִיגְן פַּחַד, וִוי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעקֶענְט בַּיישְׁטֵיין אַזַא שְׁוֶוערֶע נִסָיוֹן און זִיךְ הַאלְטְן בַּיי דִי קְדוּשָׁה. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז אִין הִימְל מוֹרָא׳דִיג חָשׁוּב יֶעדֶער

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן

אִיד וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ שְׁוֶועֶרֶע אוּן בִּיטֶעֶרֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן דָאךְ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג דַן זַיין אַלֶע אִידְן לְכַף זְכוּת, וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט זַיין. אוּן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מַחְלוֹקֶת, וָואס דָאס אִיז אוּנְזֶער גַאנְצֶער גָלוּת, אוּן בַּיי מַחְלוֹקֶת טְרַאכְט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז אִין אֱמֶת מֶער ווִי דֶער צְוֵוייטֶער, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז צוּ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַז מֶען זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מִישְׁן אִין מַחְלוֹקֶת, בִּפְרַט אוֹיף אַן עֶרְלִיכְן אִיד וָואס אִיז אַ גוּטֶער מְלַמֵד אוּן הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט צוּ דִיר אִין דַיין בְּלָאטֶע, אוּן דִיךְ צוּבִּיסְלֶעךְ אָפְּגֶעוַואשְׁן, אָפְּגֶערֵיינִיגְט, אִיבֶּערְגֶעטוֹישְׁט, אוּן אַרַיינְגֶעשַׁיינְט אִין דִיר אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ אָנְפַאנְגֶען צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן קֶענֶען אָנְגֵיין מִיטְן לֶעבְּן, בִּיז דֶער צַדִיק הָאט דִיר אַזוֹי שְׁטַארְק מְחַזֵק גֶעוֶועןְ אַז דוּ נֶעמְסְט שׁוֹין אוֹיךְ אַ חוּמָשׁ אוּן דוּ בִּיסְט מַעֲבִיר סִדְרָה יֶעדְן טָאג, אוּן דוּ לֶערְנְסְט שׁוֹין שִׁשָּׁה

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן

סִדְרֵי מִשְׁנָה אִין אַ סֵדֶר, אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין אַ סֵדֶר אִין שַׁ״ס, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ עֶר אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט יְרוּשַׁלְמִי אוּן תּוֹסֶפְתָּא אוֹיךְ, אַזוֹי אוֹיךְ שׁוּלְחָן עָרוּךְ אוּן נָאךְ לִימוּדִים וְכוּ׳, אוּן יֶעצְט אַז דוּ בִּיזְט שׁוֹין אוֹיפְגֶעֲרָאכְטְן, אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט שׁוֹין אַ טַעַם אִין לֶעבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, דַארְף מֶען אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם צוּ רֶעדְן אוֹיף דֶעם צַדִיק אוּן מְזַלְזֵל זַיין חָלִילָה אִין אִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן רפז): וָואס הָאט מֶען צוּ טוּהְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר דַאוֶוענֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען; דֶערְפַאר אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ מֶען זָאל זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, אוּן שְׁטֶענְדִיג אִינְזִין הָאבְּן אַז סוֹף כָּל סוֹף וֶועלְן מִיר מוּזְן אַרוֹיס גֵיין מִזֶה הָעוֹלָם, אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען זֶעהְן אַז נָאר דִי תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אוּן דָאס גוּטְס מִיט וָואס דֶער צַדִיק הָאט אוּנְז מְזַכֶּה גֶעוֶוען, דָאס אִיז אוֹיבְּן חָשׁוּב.

# אַ צופְרִידְן לֶעבְן

## ה.

מֶען זֶעהְט וֶוען מֶען זָאגְט אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג דֶעם פִּיוּט 'וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף', וֶוערְט יֶעדֶער זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר, מֶען שְׁרֵייט אוּן מֶען וֵויינְט: וּמַלְאָכִים יֵחָפֵזוּן וְחִיל וּרְעָדָה יֹאחֵזוּן, אוּן מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז יֶעדְן טָאג צוּפְרִי בַּיים דַאוֶוענֶען נָאךְ דִי בְּרָכוֹת הָאבְּן מִיר אַ מוֹרָא'דִיגֶע תְּפִלָּה: יְהִי רָצוֹן שֶׁתַּצִּילֵנוּ הַיּוֹם וּבְכָל יוֹם מֵעַזֵּי פָנִים וּמֵעַזּוּת פָּנִים, מֵאָדָם רָע, מִיֵּצֶר רָע, מֵחָבֵר רָע, וּמִשָּׁכֵן רָע, וּמִפֶּגַע רָע, מֵעַיִן הָרָע, מִלָּשׁוֹן הָרָע, מִמַּלְשִׁינוּת, מֵעֵדוּת שֶׁקֶר, מִשִּׂנְאַת הַבְּרִיּוֹת, מֵעֲלִילָה, מִמִּיתָה מְשֻׁנָּה, מֵחֳלָיִם רָעִים, מִמִּקְרִים רָעִים, מִשָּׂטָן הַמַּשְׁחִית, מִדִּין קָשֶׁה, וּמִבַּעַל דִּין קָשֶׁה וְכוּ', וּמִדִּינָהּ שֶׁל גֵּיהִנֹּם. וָואס יֶעדֶע פְּרַט וָואס מֶען בֶּעהְט אִין דֶעם תְּפִלָּה, אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר אַ מֶענְטְשׁ, צוּם בַּיישְׁפִּיל: מֶען טְרֶעפְט אוֹיס אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ רַחְמָנָא לִצְלָן אַ בִּלְבּוּל אוּן אַן עֲלִילָה, אוּן מֶען זֶעצְט אִים שׁוֹין אַיין אִין תְּפִיסָה, אוּן שְׁמַאכְט דָארְט אָפּ זַיין גַאנְצְן לֶעבְּן רַחְמָנָא

# אַ צופְרידְן לֶעבְן

לִצְלָן; און אַזוי אויך בֶּעט מֶען זיך פַארְן לֶעבְן אַז מֶען זָאל נִיצול וֶוערְן פון אַ מִיתָה מְשׁוּנָה, און שְׁלֶעכְטֶע קְרֶענְק רַחְמָנָא לִצְלָן, און אַזוי יֶעדֶע זַאך עֶקְסְטֶער וָואס מֶען בֶּעהְט בַּיי דִי תְּפִלָּה, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זָאגְן דֶעם 'יְהִי רָצוֹן' יֶעדְן טָאג אַזוי וִוי מֶען זָאגְט דֶעם 'וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף' אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַייזִיקְל קַאלוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט אַרום גֵיין פון שְׁטָאט צו שְׁטָאט נָאך גֶעלְט פַאר הַכְנָסַת כַּלָּה, עֶר גֶעהַאט אַ חָסִיד אַ דָארְפְס אִיד וָואס פְלֶעגְט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה און יוֹם הַקָּדוֹשׁ, וַוייל עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט צוּ הֶערְן וִוי אַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַייזִיקְל זִינְגְט דֶעם **וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף** אַזוֹי שֵׁיין און הַארְצִיג מִיט אַזַא גֶעפִיל אַז יֶעדֶער הָאט גֶעוֵויינְט, אָבֶער יֶעדֶעס יָאר הָאט אִים זַיין וַוייבּ דֶערְקוּטְשֶׁעט: לָאז מִיר נִישְׁט אִיבֶּער אַלֵיינְס מִיט דִי קִינְדֶער! וְכוּ'.

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן

אֵיינְמָאל אִיז דֶער הֵיילִיגֶער קַאלוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אָנְגֶעקוּמֶען אִין דֶעם דֶערְפְל נָאךְ צְדָקָה, הָאט זִיךְ דֶער דָארְפְס איד מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: יֶעצְט וֶועל אִיךְ קֶענֶען וַוייזְן פַאר מַיין וַוייבּ וָואס עֶס מֵיינְט צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי׳ן, אִיךְ וֶועל אוֹיסְצָאלְן פַארְן רֶבִּי׳ן דִי גַאנְצֶע סוּמֶע וָואס עֶר דַארְף, כְּדֵי עֶר זָאל זִינְגֶען דָא דֶעם ׳וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף׳, אוּן אַז מַיין וַוייבּ וֶועט דָאס אֵיינְמָאל הֶערְן, וֶועט זִי מִיר שׁוֹין לָאזְן פָארְן, אוּן זִי וֶועט נָאךְ אוֹיךְ מִיטְפָארְן.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער קַאלוּבֶער אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ אִים אִין שְׁטוּבּ הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי׳ן: אַזוֹי וִוי אִיךְ פָאר יֶעדֶעס יָאר צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, כְּדֵי צוּ הֶערְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף, אוּן מַיין וַוייבּ לָאזְט מִיר נִישְׁט, הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אַז אִיךְ וֶועל אוֹיסְצָאלְן פַארְן רֶבִּי׳ן דִי גַאנְצֶע פִינֶעף הוּנְדֶערְט גִילְדְן וָואס דֶער רֶבִּי דַארְף יֶעצְט הָאבְּן, אוּן דֶער רֶבִּי וֶועט מֶער נִישְׁט דַארְפְן אַרוּם גֵיין אִין דִי שְׁוֶוערֶע פְרֶעסְטְן נָאךְ גֶעלְט, אָבֶער נָאר

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן

מִיט אֵיין תְּנַאי, אַז דֶער רֶבִּי זָאל זִינְגֶען וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף. הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַייזִיקְל אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: אַז אַייזִיק וֶועט אָנְהֵייבְּן צוּ זָאגְן 'וּמַלְאָכִים יֵחָפֵזוּן' וֶועלְן אַלֶע מַלְאָכִים אָנְהֵייבְּן צוּ צִיטֶערְן, אוּן זֵיי וֶועלְן זִיךְ וואוּנְדֶערְן: וָואס אִיז דָאס אַז אִינְמִיטְן וִוינְטֶער זִינְגְט אַייזִיק, 'מַלְאָכִים יֵחָפֵזוּן'?! וֶועלְן זֵיי זֶעהְן אַז וַוייל אַייזִיק דַארְף פִּינֶעף הוּנְדֶערְט רַיינִישׁ, דְרֵייט עֶר אִיבֶּער אַלֶע עוֹלָמוֹת, אוּן אַלֶע מַלְאָכִים צִיטֶערְן. הָאט עֶר אוֹיסְגֶעפִירְט: אַז דוּ וֶועסְט וַוייטֶער קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועסְטוּ דֶעמָאלְטְס הֶערְן וִוי אַזוֹי אִיךְ זָאג וּמַלְאָכִים יֵחָפֵזוּן וְחִיל וּרְעָדָה יֹאחֵזוּן, נִישְׁט יֶעצְט, פַאר פִּינֶעף הוּנְדֶערְט גִילְדְן וֶועל אִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אַלֶע עוֹלָמוֹת!

ו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ז; וְעַיֵּין קִצּוּר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן): פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן וַוייט פוּן

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן

בַּאשֶׁעפֶער? נָאר וַוייל מֶען רֶעדְט זִיךְ נִישְׁט דוּרְךְ אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן, וַוייל אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ דוּרְךְ קֶען מֶען זִיךְ אוֹיסְגְלַייכְן דִי טְעוּתִים אוּן זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען; וָואס דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ. עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (זוֹהַר חָדָשׁ סוֹף פַּרְשַׁת נֹחַ): וֶוען אֵיין שׁוּל זָאל זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, וָואלְט מֶען שׁוֹין לַאנְג אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן.

אִין שְׁטָאט טְשֶׁערִין הָאבְּן גֶעווּאוֹינְט אַסַאךְ בְּרֶסְלְבֶ׳ער חֲסִידִים וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר רַייךְ, [אַזוֹי וַוייט אַז זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע גֶעבּוֹיטֶע שׁוּל, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ זֶעלְטֶענֶע זַאךְ אִין יֶענֶע צַייטְן,] אָבֶּער וִויבַּאלְד: **עָשִׁיר יַעֲנֶה עַזוֹת** (מִשְׁלֵי יח, כג), הָאבְּן אַלֶע עֲשִׁירִים גֶעמוּזְט זִיצְן אוֹיבְן אָן, אוּן מֶען הָאט גֶעמוּזְט מַאכְן אַ לַאנְגְן אוֹיבְן אָן, אָבֶּער פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטוּפְּט דָארְט, הָאט דָאס זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּעֶן פַארְן טְשֶׁערִינֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט עֶר אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט אוֹיפְן בַּאלֶעמֶער אוּן גֶעזָאגְט: מֶען זִיצְט אַזוֹי נָאנְט אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן

מִיט דִי גוּפִים, אָבֶער מִיט דִי הֶערְצֶער אִיז מֶען זֵייעֶר וַוייט אֵיינֶער פוּנֶעם אַנְדֶערְן.

דֶערְפַאר אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא רֶבִּי'ן דַארְף מֶען זִיךְ מוֹרָא'דִיג מְחַזֵק זַיין, אוּן זִיךְ פִירְן בִּתְמִימוּת אוּן דָאס אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם חָכָם מִיטְן תָּם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט), דֶער 'חָכָם' הָאט גֶעהַאט אַלֶע רְאִיוֹת אַז עֶר אִיז קְלוּג אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט אַלֶעס, אָבֶער דָאס אַלֵיין הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט שְׁטֶענְדִיג אִיבֶּער צוּ טְרַאכְטְן אוּן צוּפִיל אַרַיינְצוּקְלֶערְן, וָואס דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען צוּבְּרָאכְן אוּן גֶעטְרָאפְן חֶסְרוֹנוֹת בַּיי זִיךְ אוּן בַּיי אַנְדֶערֶע, אוּן זִיךְ אוֹיפְגֶעגֶעסְן דָאס גֶעזוּנְט. אָבֶער דֶער 'תָּם' אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען מָלֵא שִׂמְחָה, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיין טְרַאכְטְן, וַוייל טְרַאכְטְן אַלֵיין אִיז שׁוֹין אוֹיךְ 'חָכְמוֹת'; אוּן דָאס אִיז דֶער סוֹד וִוי אַזוֹי אִידְן דֶערְהַאלְטְן זִיךְ בַּיי אִידִישְׁקֵייט, וַוייל מֶען טְרַאכְט נִישְׁט אַרַיין צוּפִיל, נָאר מֶען טוּט וָואס מֶען

הָאט גֶעזֶעהְן בַּיים טַאטְן, בַּיים זֵיידְן, בַּיים עֶלְטֶער זֵיידְן, און אַזוֹי פִּירְט מֶען זִיךְ אוֹיפְן אוֹיסְגֶעטְרָאטֶענֶעם וֶועג.

ז.

דָאס אִיז דִי יוֹם טוֹב פוּן חֲנוּכָּה; וַוייל דִי יְוָונִים הָאבְּן אַרַיין גֶעלֵייגְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע דִמְיוֹן אַז אַלֶעס אִיז טֶבַע, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בְּצִיעַת הַפַּת הֲלָכָה ה): אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִים סט, ג): **טָבַעְתִּי בִּיוֵ״ן מְצוּלָה**, אִיךְ בִּין אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין אַ גֶעדֶעכְטְן בְּלָאטֶע פוּן יָוָן; וַוייל דִי יְוָונִים הָאבְּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַלֶע דִמְיוֹנוֹת פוּן סְפָּארְטְס, אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם גוּף, אַלֶע בָּאלְל שְׁפִּילְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט הַיינְט אַז מִילְיָאנֶען מֶענְטְשְׁן קוּקְן דָאס צוּ, וָואס דָאס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע נֵס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי גוֹיִם לִיגְן אִין דֶעם, וַוייל אַז נִישְׁט וָואלְטְן זֵיי גֶע׳גַנְבֶ׳עט און גֶע׳הַרְגֶ׳עט וְכוּ׳ רַחְמָנָא לִצְלָן, אָבֶער אַזוֹי אִיז עֶר פַּארְנוּמֶען שָׁעָה׳ן אִיבֶּער שָׁעָה׳ן דָאס צוּ קוּקְן און מִיטְהַאלְטְן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִידְן זֶענֶען קְלוּגֶער פוּן דֶעם,

## אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן

אָבֶּער אַז מֶען פַאלְט אַרַיין אִין דִי קְלִיפָּה פוּן חָכְמַת יָוָן רַחְמָנָא לִצְלָן, וֶוערְט מֶען זֵייעֶר פַארְנַארְט אִין דֶעם.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ מִיט אַלֶע אַנְדֶערֶע תַּאֲווֹת, בִּפְרַט תַּאֲוַת נִאוּף וָואס אִין דִי תַּאֲוָה זֶענֶען אַלֶע פֶּעלְקֶער גֶעכַאפְּט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לו), וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, אָבֶּער אַז מֶען פַאלְט אַרַיין אִין דֶעם, אוּן מֶען קוּקְט אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל דִי אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס אוּן בִּילְדֶער אוֹיף דִי אֵייפַאד אֵייפָאוֹן וְכוּ', וֶוערְט מֶען זֵייעֶר פַארְגַאפְּט אוּן צוּגֶעבִּינְדְן רַחְמָנָא לִצְלָן, אַז עֶס אִיז מוֹרָא'דִיג שְׁוֶוער זִיךְ אַרוֹיסְצוּזֶעהְן דֶערְפוּן, [אוּן אֲפִילוּ פָּשׁוּטֶ'ע טֶעקְסְט נֶעמְט אוֹיךְ אַוֶועק דֶעם מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ,] בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער רַחְמָנָא לִצְלָן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער גַאנְצֶער נֵס פוּן חֲנוּכָּה, אַז מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן אַ רֵיין קְרִיגֶעלֶע אוֹיל פַארְזִיגֶלְט מִיטְן זִיגְל פוּן כֹּהֵן גָדוֹל, וָואס קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט, וָואס

# אַ צוּפְרִידְן לֶעבְּן

דָאס הָאט מֶען אָנְגֶעצִינְדְן אוּן דָאס הָאט גֶעלָאכְטְן, אוּן דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי יְשׁוּעָה. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס זַאךְ, וָואס דָאס אִיז אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִין דֶעם מֹחַ פוּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אַז עֶס זָאל אִים אָנְהֵייבְּן צוּ שַׁיינֶען אוּן לַייכְטְן אוּן עֶר זָאל שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן, מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ גֵיין צוּזַאמֶען אַקֶעגְן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.

~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# זִיךְ לִיבּ הָאבְּן

וואו עֶס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט דִי וִויכְטִיגְקֵייט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל 'זִיךְ' לִיבּ הָאבְּן און דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אַזוֹי אוֹיךְ 'יֶענֶעם' לִיבּ הָאבְּן און דַן זַיין לְכַף זְכוּת, און אַז עֶס וֶועט וֶוערְן שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אִידְן וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה בִּמְהֵרָה.

פָארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

לֵיל עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, הִילוּלַת מוֹהֲרְנַ"ת תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט און בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער און פָארְכְטִיגֶער רֶבִּי, דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

און אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט, וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

### רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

און עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, און מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא און מִדְרָשִׁים און הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

דִי יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין אַ אִידִישׁ לֶעבְּן אִיז זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן מִיט יֶענֶעם, קֵיינְמָאל קֶען מֶען נִישְׁט ווִיסְן יֶענֶעמְ׳ס פְּנִימִיוּת, אֲפִילוּ פוּן דְרוֹיסְן זֶעט עֶר אוֹיס ווִי עֶר זֶעט אוֹיס וְכוּ׳, מֶען דַארְף דַן זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם לְכַף זְכוּת, אוּן זֶען זִיךְ אַלֵיין מְתַקֵן צוּ זַיין, דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען הָאבְּן הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן, דִי מִינוּט אַז מֶען קוּקְט אוֹיף יֶענֶעם הָאט מֶען שׁוֹין אַ דוּרְכְפַאל, וָוארוּם אַז אַ מֶענְטְשׁ לֵייגְט זַיין גַאנְצְן קָאפּ אַרַיין אִין יֶענֶעמְ׳ס קָאפּ בְּלַייבְּט עֶר אָן אַ קָאפּ, וָוארוּם עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן זַיין קָאפּ אַרַיין אִין יֶענֶעם׳ס קָאפּ, הָאט יֶענֶער צְוֵויי קֶעפּ אוּן עֶר הָאט קַיין אֵיין קָאפּ נִישְׁט, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מִישְׁן מִיט אַנְדֶערֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן דָאס זָאל דִיר נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין.

(אשר בנחל באידיש חלק א׳ מכתב מו)

# זִיךְ לִיבּ הָאבְּן

## א.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה זִיךְ צַאם צוּקוּמֶען בַּיי דִי יָארְצַייט אוּן הִילוּלָא פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַזוֹי וִוי מֶען קוּמְט זִיךְ צַאם דָא, קוּמְט מֶען זִיךְ שׁוֹין הַיינְט צוּטָאגְס צַאם אִין נָאךְ צֶענְדְלִיגֶער פְּלֶעצֶער דָאהִי אִין אַמֶערִיקֶע אַלֵיין, לְכָבוֹד

# זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן׳ס יָארְצַייט, בִּפְרַט רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן קֶען מֶען זֶעהְן וִויפִיל מֶענְטְשְׁן קוּמֶען צוּ פָארְן פוּן אַמֶערִיקֶע, וָואס דָאס אַלֶעס אִיז אַדַאנְק דִי הָארָאנַוואנְיֶע פוּן יָארְן לַאנְג הַפָּצָה, וַוייל דָאהִי הָאט מֶען בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן שׁוֹין אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דְרֵיי דוֹרוֹת מַדְפִּיסִים אוּן מְפִיצִים, אוּן מֶען זֶעהְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם וָואס עֶס וֶוערְט פוּן דֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעבֶּעטְן בַּיי זַיין צַוָואָה: עֶנְקֶער אַרְבֶּעט זָאל זַיין, ׳יָפוּצוּ מְעַיְינוֹתֶיךָ חוּצָה׳ - מֶען זָאל צוּשְׁפְּרֵייטְן אוּן פַארְפְּלֵייצְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אוּן לִימוּדִים פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

אוּן מֶען דַארְף וִויסְן אַז נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז דֶערְגַאנְגֶען אוּן גֶעוואוּסְט וֶוער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אוּן וָואס עֶר וִויל, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: פוּן מִיר ווֵייסְט נָאר רֶבִּי נָתָן, אוּן נַפְתָּלִי אַבִּיסְל. אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי

# זיך ליב האבן.

מוהר"ן סימן שע): ווען נישט רבי נתן וואלט נישט געבליבן קיין איין בלעטל שמות פון מיר. ווייל רבי נתן איז געווען דער וואס האט אפגעשריבן אלע תורות און אלעס וואס מיר האבן היינט פונעם הייליגן רבין, כאטשיג ער איז אינגאנצן מקורב געווען ביים הייליגן רבין בלויז אכט און א האלב יאר, [פון פאר ראש השנה תקס"ג ביז נאך ראש השנה תקע"א,] און יעדע מאל עקסטער האט ער געהאט אזויפיל מניעות און צרות צו קומען צום הייליגן רבין, דאך האט ער זיך באפלייסט מער פון אלע תלמידים און באוויזן אזויפיל אפצושרייבן.

ווען איך בין געווען א יונגער בחור האב איך אמאל געהערט ווי דער וואדיסלאווער רב זכותו יגן עלינו האט אנגעשריגן איינעם וואס האט גערעדט אויף רבי נתן, מיט דעם לשון: איר וואגט זיך צו רעדן אויף רבי נתן? איר ווייסט ווער רבי נתן איז געווען?! רבי נתן וואלט געקענט זיין די גרעסטע רבי אין פולין! פונדעסטוועגן האט ער

## זיך ליב האבן.

אַלֶעס אַוֶועק גֶעוָוארְפְן און זיך אִינְגַאנְצְן מַכְנִיעַ גֶעוֶוען צוּ זַיין רֶבִּין, וָואס דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע חִידוּשׁ! בִּכְלַל הָאט אִיר דֶען הַשָּׂגָה וֶוער בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידִים זֶענֶען? אִיךְ בִּין אַ פּוֹילִישֶׁער אִיד - שְׁרֵייט עֶר וַוייטֶער - און אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט בַּיי רֶבִּי מֵאִיר שַׁפִּירָא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִין יְשִׁיבַת חַכְמֵי לוּבְּלִין, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן און גֶעקֶענְט בְּרֶסְלֶבֶע חֲסִידִים, זֵיי זֶענֶען גְרוֹיסֶע עוֹבְדֵי הַשֵּׁם! (ווי בַּאוואוּסְט אִיז דָארְט גֶעוֶוען דֶער קִיבּוּץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר בְּרֶסְלֶבֶר חֲסִידִים פוּן גַאנְץ פּוֹלִין, נָאכְדֶעם וָואס עֶס אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען דִי קָאמֶענִיסְטְן יִמַח שְׁמָם, און מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין אִין אוּמַאן, עֶטְלִיכֶע יָאר הָאט דֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן רֶבִּי מֵאִיר אוֹיךְ מִיט גֶעדַאוֶוענְט מִיט דִי בְּרֶסְלֶבֶר קִיבּוּץ).

וֶוען מֶען הָאט אַמָאל גֶעבְּרֶענְגְט פַארְן הֵיילִיגְן צֶמַח צֶדֶק פוּן לִיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אֵיין בַּאנְד לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן, הָאט עֶר אַסַאךְ אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין דֶעם, און עֶר הָאט גֶעהַאט מוֹרָא'דִיגֶע

## זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

הִתְפַּעֲלוּת דֶערְפוּן, און עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: **אָב אֶחָד לְכֻלָּנוּ - מִיר הָאבְּן אַלֶע אֵיין טַאטֶע!**

עֶס הָאבְּן דָאס דֶעמָאלְס גֶעהֶערְט אַ גַאנְצֶע גְרוּפֶּע פוּן גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּנֶעם צֶמַח צֶדֶק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען 'חוֹזְרִים' [=גֶעקֶענְט גוּט אִיבֶּער'חַזֶר'ן דִי לַאנְגֶע מַאֲמָרִים פוּן זֵייעֶר רֶבִּי], דֶערִיבֶּער נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, זֶענֶען זֵיי אַוֶועקְגֶעפָארְן קַיין אוּמַאן און מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּין [אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז גֶעוֶוען רֶבִּי בָּרוּךְ אֶפְרָיִם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט דֶעם סֵפֶר 'בְּאִבֵּי הַנָּחַל' אַ פֵּירוּשׁ אוֹיפְן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן].

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסְן תַּלְמִיד: רֶבִּי נָתָן בֶּן רֶבִּי יְהוּדָה זַצַ"ל פוּן טְבֶרְיָה, דְרוּקְט עֶר זִיךְ אוֹיס אִין אֵיינֶע פוּן זַיינֶע בְּרִיוְון אִינֶעם סֵפֶר **נְתִיב צַדִיק** מִיט דֶעם לָשׁוֹן: וֶוען אִיךְ לֶערְן לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, וואוּנְדֶער אִיךְ זִיךְ אוֹיבּ דָאס הָאט גֶעקֶענְט שְׁרַייבְּן אַ יְלוּד אִשָּׁה - אַ

# זיך ליב האבן.

מענטש וואס איז געבוירן געווארן דא אויף דער וועלט, ווייל מיר דאכט זיך אז א מלאך האט דאס געשריבן.

וואס איז אייגנטליך געווען דאס גרויסקייט פון הייליגן רבי נתן? נאר רבי נתן האט פארשטאנען אז דעם הייליגן רבינ׳ס זאך איז נישט נאר פאר דרי מעלה – מענטשן וואס פליען אין הימל, קריכן אין הויכע מדריגות. נאר דעם רבינ׳ס זאך איז פאר נידעריגע און צופאלענע און צובראכענע מענטשן, פארקערט גאר, וואס מער א מענטש איז נידעריג און צובראכן און צופאלן, פאר אים דייקא איז געמאכט דעם הייליגן רבינ׳ס זאך.

און וועגן דעם האט דער הייליגער רבי נתן אוועקגעשטעלט אזעלעכע הייליגע ספרים מיט אזעלעכע טייערע דיבורים, וואס לעבט אויף, מאכט פרייליך און שטארקט יעדן איינציגן מענטש, און יעדעסווארט פון הייליגן רבי נתן איז מחיה די גאנצע וועלט, אזוי ווי מען

# זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

זֶעהְט אַז רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אַפָּאר בְּלֶעטֶער אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן (סִימָן תג-תו), וֶועגְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט אוּן וִויכְטִיקֵייט פוּן זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן פוּן דִי קַבָּלָה פָּארְן טוֹיזֶענְטֶער אִידְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט אַזַא מְסִירוּת נֶפֶשׁ, זֶעהְט מֶען אַז עֶפֶּעס טוּט זִיךְ דָא.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים וֶועט מֶען זֶעהְן דִי לֶעכְטִיקֵייט וָואס אִיז דָא דֶערִין, בִּפְרַט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַזַא יְרוּשָׁה דִי אַלֶע בֶּענְדֶער לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, וָואס וֶוער עֶס לֶערְנְט עֶס, דַארְף שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט הָאבְּן, אוּן עֶר וֶועט וִויסְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וִויל. נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זַיין סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן: דִי דֶעקְל פוּנֶעם סֵפֶר וֶועט זַיין אַ מְנִיעָה. דָאס הֵייסְט אוֹיפְצוּמַאכְן דֶעם סֵפֶר וֶועט זַיין דִי שְׁוֶוערִיקֵייט, אָבֶּער אֵיינְמָאל אַז אַ

מֶענְטְשׁ מַאכְט דָאס אוֹיף, לֶערְנְט עֶר שׂוֹין, וַוייל אַזוֹי אִיז בַּיי יֶעדֶע זַאךְ אַז מֶען הֵייבְּט אָן קוּמְט מֶען אָן בַּיים סוֹף.

## ב.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן רֶעדְט אַרוּם אִין דִי עֶרְשְׁטֶע הֲלָכָה (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, הַשְׁכָּמַת הַבּוֹקֶר הֲלָכָה א, מְיוּסָד עַל הַתּוֹרָה שֶׁל ׳אַזַמְרָה׳, לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רפ״ב) : דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַן זַיין יֶעדְן אִיד לְכַף זְכוּת, וָואס דוּרְךְ דֶעם קֶען מֶען צוּרִיק בְּרֶענְגְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בְּרֶענְגְן דִי גְאוּלָה, אָבֶּער דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען זִיךְ אַלֵיין דַן זַיין לְכַף זְכוּת, וַוייל דִי אַלֶע וָואס קְרִיטִיקִירְן יֶענֶעם, זֶענֶען אַלֵיין פַארְבִּיטֶערְטֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן קֶענֶען נֶעבֶּעךְ זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ נִישְׁט דַן זַיין לְכַף זְכוּת אוּן טְרֶעפְן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע נְקוּדָה, מִמֵילָא אִיז מֶען בַּיי זִיךְ אַרָאפּ גֶעקְלַאפְּט אוּן אָפְּגֶעפְּרֶעגְט, אוּן מֶען גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין זִיךְ, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין ׳סֶעלְף קַאנְפִידֶענְץ׳, אִיז עֶר יֶענֶעם אַוַודַאי נִישְׁט דַן לְכַף זְכוּת, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ

## זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

הֵייבְּט זִיךְ אָן דַן זַיין לְכַף זְכוּת: עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט עֶק וֶועלְט, עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט, אִיךְ בִּין נָאךְ נִישְׁט דֶער עֶרְגְסְטֶער, אִיךְ הָאבּ נָאךְ דָאךְ אַסַאךְ גוּטְס אִין מִיר! דָאס הֵייבְּט אִים אוּן בּוֹיעֶט אִים אוֹיף, וֶועגְן דֶעם זָאגְן חַזַ"ל (נִדָה, ל ע"ב): אֲפִילוּ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאגְט אַז דוּ בִּיסְט אַ צַדִיק, זָאלְסְטוּ זַיין אִין דַיין אוֹיגְן 'אַזוֹי וִוי' אַ רָשָׁע. וַוייל אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ נָאר אַז עֶר אִיז 'אַזוֹי וִוי' אַ רָשָׁע, אָבֶער נִישְׁט אַ רָשָׁע מַמָשׁ; מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן פַאר אַ רָשָׁע, וַוייל מֶען קֶען זִיךְ אַלֵיין אַרָאפְּוַוארְפְן חָלִילָה, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט קַיין מִצְוָה זִיךְ אַלֵיין אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן!

עֶס שְׁטֵייט אַ לַאו אִין דִי תּוֹרָה (וַיִקְרָא יט יז): **לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ** - מֶען טָאר נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ אוֹיף קַיין שׁוּם פַאל [אוּן אוֹיבּ הָאט מֶען עֶפֶּעס אַ טַעֲנָה קֶעגְן אַ צְוֵוייטְן אַז עֶר טוּט אַקֶעגְן שׁוּלְחָן עָרוּךְ אָדֶער אַקֶעגְן דִי תּוֹרָה, דַארְף מֶען אִים דָאס זָאגְן אָפֶען,

# זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער (שָׁם): **הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ.** אָבֶּער נִישְׁט הַאלְטְן בַּיי זִיךְ, אוּן רַחְמָנָא לִצְלָן אוֹיפְבּוֹיעֶן נָאכְדֶעם אַ קִנְאָה אוּן שִׂנְאָה, וַוייל אַז מֶען זָאגְט עֶס נִישְׁט אַרוֹיס, טְרָאגְט מֶען זִיךְ נָאכְדֶעם אַרוּם מִיט שִׂנְאָה, וָואס יֶעדֶע רֶגַע וָואס מֶען הָאט פַּיינְט אַ צְוֵוייטְן, אִיז מֶען עוֹבֵר אוֹיף דֶעם בִּיטֶערְן לַאוו פוּן '**לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ**' רַחְמָנָא לִצְלָן].

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ טָאר אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן אוּן אַרָאפְּקְלַאפְּן, נָאר שְׁטֶענְדִיג זִיךְ אוֹיפְלֶעבְּן אוּן זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט יֶעדֶע בִּיסְל גוּטְס וָואס עֶר טְרֶעפְט בַּיי זִיךְ, אַזוֹי אַרוּם וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם בִּיטֶערְנִישׁ אִין וָואס עֶר לִיגְט, אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין קֶענֶען זֶעהְן אוּן טְרֶעפְן בַּיי אַן אַנְדֶערְן אוֹיךְ דָאס גוּטְס, אוּן לִיבּ הָאבְּן אוּן זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, וָואס דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אוֹיסְגֶעלֵייזְט צוּ וֶוערְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת.

# זיךְ לִיבּ הָאבְּן.

## ג.

דֶער לֶעצְטֶער פְרַייטִיג צוּנַאכְטְס (פַּרְשַׁת מִקֵּץ שְׁנַת תר"ה) אַ וָואךְ פַאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט (עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ), הָאט עֶר אַרוּם גֶערֶעדְט פוּן דִי 'מְנוֹרָה' (עַיֵּין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ הֲלָכָה ז בְּסוֹפוֹ), וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן נַיין אוּן פֶערְצִיג טֵיילְן [זִיבְּן רֶערְן, צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג בֶּעכֶערְס, עֶלֶעף קְנֶעפְּלֶעךְ, נַיין בְּלוּמֶען], פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז עֶס אָבֶּער גֶעוֶוען גֶעמַאכְט פוּן אֵיין שְׁטִיק גָאלְד. דָאס הָאט זִיךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעוואוּנְדֶערְט אוּן עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער גֶעוֶוען, וִוי אַזוֹי קְלַאפְּט מֶען אוֹיס נַיין אוּן פֶערְצִיג חֲלָקִים פוּן אֵיין שְׁטִיק גָאלְד? הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: וַוארְף עֶס אַרַיין אִין פַייעֶר אוּן עֶס וֶועט אַרוֹיס קוּמֶען אַ מְנוֹרָה.

אִיז דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן מַסְבִּיר: וָואס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דִי שְׁוֶוערִיקַייט דֶערְפוּן?! נָאר אִין דִי נֶעמֶען פוּן דִי אַלֶע צְוֶועלֶעף שְׁבָטִים: רְאוּבֵן שִׁמְעוֹן וְכוּ', אִיז דָא

# זיך ליב האבן.

נַיין און פֶערְצִיג אוֹתִיוֹת; און וִוי בַּאוואוּסְט הָאט יֶעדֶער שֵׁבֶט גֶעהַאט אַן אַנְדֶערֶע קָאלִיר אוֹיף זַיין פָּאן לוֹיט דִי קָאלִיר פון זַיין שְׁטֵיין אוֹיפְן חוֹשֶׁן. וֶועגְן דֶעם שְׁטֵייט טַאקֶע אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן צ, סְעִיף ד, עַל פִּי זֹהַר פִּקוּדֵי רנא ע״א): וֶוען מֶען בּוֹיעֶט אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ זָאל מֶען בּוֹיעֶן צְוֶועלֶעף פֶענְסְטֶערְס. וָואס דָאס אִיז מְרוּמָז אַקֶעגְן דִי צְוֶועלֶעף **נִסְחָאוֹת הַתְּפִלָּה** וָואס אִיז אַקֶעגְן דִי צְוֶועלֶעף שְׁבָטִים (שַׁעַר הַכַּוָּנוֹת לְהָאֲרִיזַ״ל, עִנְיָן נוּסַח הַתְּפִלָּה).

קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדֶער שֵׁבֶט הָאט אַ אַנְדֶערֶע נוּסַח און אַ אַנְדֶערֶער טוֹיעֶר, אָבֶער דִי שְׁלֵימוּת אִיז, אַז מֶען זָאל דִינֶען דֶעם זֶעלְבְּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וַוייל אַלֶע אִידְן זָאגְן דֶעם זֶעלְבְּן: **שְׁמַע יִשְׂרָאֵל הֲוָיָ־ה אֱלֹקֵינוּ הֲוָיָ־ה אֶחָד**. דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי חִידוּשׁ בַּיי דִי מְנוֹרָה, כָּאטְשִׁיג עֶס אִיז גֶעוֶוען פוּן נַיין און פֶערְצִיג שְׁטִיקְלֶעךְ אַקֶעגְן דִי נַיין און פֶערְצִיג אוֹתִיוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע שְׁבָטִים, דָאךְ אִיז עֶס גֶעוֶוען

# זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט פוּן אֵיין שְׁטִיק גָאלְד, צוּ וַוייזְן אַז כְּלַל יִשְׂרָאֵל דַארְפְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען.

דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז יֶעדֶער מוּז הַאלְטְן דִי זֶעלְבֶּע מֵיינוּנְג אוּן דִי זֶעלְבֶּע שִׁיטָה, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ אַרוֹיף צוּ צְוִוינְגֶען אֵיין שֵׂכֶל אוֹיף יֶעדֶעם [אַזוֹי וִוי לְהַבְדִיל דִי קָאמֶענִיסְטְן, וָואס זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ צוּפַאלְן נָאךְ זִיבֶּעצִיג יָאר], וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיין אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל (עַיֵין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן סא), אוּן עֶר הָאט רֶעכְט צוּ הָאבְּן זַיין שֵׂכֶל, אָבֶּער דָאךְ דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן, אַזוֹי וַוייט אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן מְשַׁדֵךְ זַיין אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן, נָאר וַוייל יֶענֶער הַאלְט נִישְׁט פוּנֶעם זֶעלְבְּן רֶבִּי'ן פוּן וֶועם עֶר הַאלְט, אוּן אוֹיפְהַאלְטְן דִי קִינְדֶער צוּלִיבּ דֶעם רַחְמָנָא לִצְלָן רַחְמָנָא לִישֵׁזְבָן.

מֶען דַארְף וִויסְן אַז מִיר זֶענֶען אַלֶע אִין אֵיין גְרוֹיסְן שִׁיף אִינֶעם שְׁטוּרְמִישְׁן יַם, וֵויי אוּן בִּיטֶער אִיז אַז אִינֶעם

# זיךּ ליבּ האָבּן.

זעלבּן שיף שלאָגט מען זיךּ אַרום, ווייל די גוים האָבּן אונז אַלע פיינט, און אַפילו אין אַמעריקע איז מען אויךּ נישט פאַרזיכערט קיין איין מינוט, און זיי קוקן נישט וועמענס חסיד מען איז, און צו וועלעכן קרייז מען געהערט.

איךּ זאָג שטענדיג פאַר די פרייע וואָס זיי האָבּן נאָר טענות אויף די פרומע וכו׳, אַז דער אַשמדאי-עמלק האָט קודם גענומען די אַלע אַסעמעלירטע, זיי זענען געווען די ערשטע קרבּנות, עס האָט נישט געהאָלפן אַז מען האָט געוויזן דעם צלם, זיי האָבּן געשריגן: דו בּיסט אַ איד! און איר זענט אַזוי זיכער מיט זיךּ, און מיט ענקער גאַנצע טמא׳נע מדינה?!

עס האָט פאַרציילט אַ גר וואָס פאַר פינעף און צוואַנציג יאָר צוריק האָט מען אים אַרויסגעלאָזט פון אוקריינאַ און ער איז אָנגעקומען אויף ארץ ישראל, האָט ער דערציילט: ער קומט פון אַ דערפל לעבּן אומאַן, וואָס

## זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

דֶער גַאנְצֶער דָארְף זֶענֶען גֶעוֶוען גֵרִים, און בַּיי דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה הָאט מֶען קוֹדֶם צַאם-גֶענוּמֶען אַלֶע אִידְן, הָאט מֶען אוֹיךְ גֶעכַאפְּט זַיין וַוייבּ - וָואס זִי אִיז גֶעוֶוען אַ אִידִישֶׁע פְּרוֹי - און אִיר גֶעשָׁאסְן פַּאר זַיינֶע אוֹיגְן רַחְמָנָא לִצְלָן, אָבֶּער אִים - וְוִיבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוֶוען פַארְשְׁרִיבְּן אַלְץ אַ רוּס - הָאבְּן זֵיי גֶעלָאזְט לֶעבְּן, הָאט עֶר זִיךְ גֶעבֶּעטְן: שִׁיסְט מִיךְ אוֹיךְ! אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַ 'אִיד'! הָאט דֶער רָשָׁע גֶעעֶנְטְפֶערְט: נֵיין, דוּ בִּיסְט אַ 'רוּס' און נִישְׁט קַיין אִיד! אַזוֹי אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן.

פוּן וואוּ קוּמְט טַאקֶע דִי אַלֶע מַחְלוֹקֶת? נָאר וְוִיבַּאלְד מֶענְטְשְׁן זֶענֶען צוּבְּרָאכְן און עֶס אִיז זֵיי פִּינְסְטֶער פַּאר דִי אוֹיגְן, קְלַאפְּט מֶען זִיךְ אָן אֵיינֶער אִינֶעם אַנְדֶערְן, וַוייל אַז עֶס אִיז פִּינְסְטֶער זֶעהְט מֶען נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין.

אַזוֹי וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב בְּרֶענְגְט (קְדוּשַּׁת לֵוִי פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, דִבּוּר הַמַתְחִיל וְהִנֵה), וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן זַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶער גְרוֹיסֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער

# זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: אַזוֹי וִוי אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז דָא לִיכְטִיקֵייט אוּן פִינְסְטֶערְנִיש, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז דָא בַּיי יֶעדְן מֶענְטְש אִין קָאפּ פִינְסְטֶערְנִיש אוּן לִיכְטִיקֵייט. דָאס הֵייסְט, אַמָאל אִיז פַארְן מֶענְטְש לִיכְטִיג, אוּן פְּלוּצְלִינְג וֶוערְט אִים פִינְסְטֶער, אוּן עֶר טְרַאכְט וִוי אַזוֹי וֶועט עֶר אַמָאל אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַזַא צָרָה?! אוּן וָואס אִיז טַאקֶע דִי עֵצָה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּנֶעם חוֹשֶׁךְ, עֶס זָאל אִים וֶוערְן לִיכְטִיג?! אַז מֶען גֵייט צוּם צַדִיק, עֶר שַׁיינְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְש שֵׂכֶל, בִּיז עֶר נֶעמְט אִים אַרוֹיס פוּן זַיין פִינְסְטֶערְנִיש.

וַוייל דֶער גַאנְצֶער אַרְבֶּעט פוּן אַ צַדִיק אִיז צוּ מַאכְן לִיכְטִיג פַאר מֶענְטְשְׁן, וַוייל אַז עֶס אִיז אִים לִיכְטִיג, פַארְוָואס זָאל עֶר נִישְׁט מַאכְן לֶעכְטִיג פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אוֹיךְ, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קו): אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִים מא, ב): **אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל** - ווּאוֹיל

# זיך ליב האבן.

איז דער מענטש וואס גייט אריין שכל פאר אן ארימאן; וואס הייסט אן ארימאן? איינער וואס האט נעבעך נישט קיין שכל, ער דארף אנקומען צו יענעם, אזוי ווי חז"ל זאגן (נדרים מא, ע"א): **אין עני אלא מדעת.** אויך זאגן חז"ל (ויקרא רבה א, ו): **דעת קנית מה חסרת.** ווייל אז א מענטש האט שכל פעלט אים גארנישט, און שכל איז איין זאך (דברים ד, לה): **אתה הראת לדעת כי הויה הוא האלקים אין עוד מלבדו**, עס איז נאר דא דער באשעפער, און אויסער אים איז גארנישט דא. און ווי נאר א מענטש האט אמונה האט ער שוין אלעס, און עס איז אים שוין לעכטיג, ממילא קריגט ער זיך שוין נישט מיט קיינעם נישט, אבער א מענטש וואס האט נישט קיין אמונה און ער איז נישט צוגעקלעבט צום אייבערשטן, איז ער א פשוט'ער חיה וואס זעהט נאר אויס ווי א מענטש (ליקוטי מוהר"ן חלק ב' סימן ז).

## **זיך ליב האבן.**

מען זעהט מענטשן וואס זיי זענען זייער מדקדק אויף די מצוות 'בין **אדם למקום**', אלע מצות וואס ער טוט פארן אייבערשטן טוט ער מיט אלע **חומרות** און **הידורים**, אבער ווען עס קומט צו די מצות פון '**בין אדם לחבירו**' – די הלכות ווי אזוי מען דארף זיך אויפירען מיט אנדערע. פירט ער זיך אויף ווי א פשוט'ער חיה רחמנא לצלן, ער כאפט נישט אז דאס איז די זעלבע מצות וואס דער אייבערשטער האט געהייסן טוהן, פארקערט גאר, די מצות פון **בין אדם לחבירו** איז נאך אסאך מער הארבער, ווייל **בין אדם למקום**, אז א מענטש האט זיך פארזינדיגט פארן בורא כל עולמים, ער האט געטוהן וואס מען דארף נישט, ווען עס קומט דער הייליגער טאג **יום כיפור**, און ער גלייבט אז אין דעם טאג איז דער באשעפער מוחל פאר יעדן, דעמאלס איז אים דער באשעפער אלעס מוחל (רמב"ם הלכות תשובה פרק א, ג), אבער אז מען טשעפעט א צווייטן איד העלפט נישט **יום כיפור**, ביז מען בעט יענעם

## זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

אִיבֶּער, עֶס נוּצְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, דָאס אִיז דִי טָעוּת וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן, מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז מֶען אִיז עוֹבֵר אַן עֲבֵירָה וֶוען מֶען רוֹדֶפְ׳ט יֶענֶעם און מֶען אִיז אִים מְצַעֵר רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן מֶען וֶועט בַּאצָאלְן דֶערְפַאר זֵייעֶר טֵייעֶר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן.

דָאס זָאגְן חֲזַ״ל (תַּעֲנִית כו ע״ב): **לֹא הָיוּ יָמִים טוֹבִים לְיִשְׂרָאֵל כַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב וּכְיוֹם הַכִּפּוּרִים** - עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי אִידְן אַזֶעלֶעכֶע יָמִים טוֹבִים אַזוֹי וִוי ׳חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב׳ אוּן ׳יוֹם כִּפּוּר׳. וִוי קוּמְט חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב צוּ יוֹם כִּפּוּר אַז עֶס זָאל זַיין דִי זֶעלְבֶּע גְרוֹיס?! נָאר חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב הָאט מֶען מַתִּיר גֶעוֶוען שֵׁבֶט בִּנְיָמִין צוּרִיק אַרַיינְצוּקוּמֶען אִין **כְּלַל יִשְׂרָאֵל**, אוּן זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט זֵיי, נָאכְדֶעם וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אָפְּגֶעטֵיילְט פַאר אַ לֶענְגֶערֶע צַייט וְכוּ׳ (עַיֵין שׁוֹפְטִים כא, א), דֶערְפַאר אִיז עֶס אַזוֹי גְרוֹיס וִוי יוֹם כִּפּוּר, וַוייל **יוֹם כִּפּוּר** אִיז טַאקֶע מְכַפֵּר אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּהְן **בֵּין אָדָם**

## זיךְ ליבּ האָבּן.

לַמָקוֹם, וַוייל דֶעמָאלְס טוּט אַ מֶענְטְש תְּשׁוּבָה, אָבֶּער נִישְׁט אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת פוּן בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ, וֶועגְן דֶעם חֲמִשָׁה עָשָׂר בְּאָב וֶוען מֶען הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת פוּן בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ, וַוייל מֶען הָאט דֶעמָאלְס מַתִּיר גֶעוֶוען חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן, אוּן מֶען הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִיט דִי שִׂנְאָה, אִיז דִי שִׂמְחָה גֶעוֶוען פּוּנְקְט אַזוֹי גְרוֹיס וִוי יוֹם כִּפּוּר.

דִי גְמָרָא זָאגְט (יְבָמוֹת יג ע״ב): כָאטְשִׁיג שַׁמַאי אוּן הִלֵל זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטְרֶענְג אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן אִין הֲלָכָה, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעהַאלְטְן לוֹיט זַיין שִׁיטָה, אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט אָוֶועקְרִירְן בְּשׁוּם אוֹפָן, דָאךְ אָבֶּער צְווִישְׁן זִיךְ הָאט מֶען זִיךְ לִיבּ גֶעהַאט, אוּן זִיךְ מְשַׁדֵךְ גֶעוֶוען. וַוייל פֶּערְזֶענְלִיךְ הָאט קֵיינֶער נִישְׁט גֶעהַאט אַקֶעגְן דֶעם אַנְדֶערְן.

מִיט דֶעם קֶען מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין דָאס וָואס חֲזַ״ל זָאגְן (עַיֵין תִּקוּנֵי זֹהַר תִּקוּן כא, דַף נז ע״ב), אַ מוֹרָא׳דִיגֶע לָשׁוֹן:

# זיך ליב האבן.

׳פורים׳ איז נאך אסאך גרעסער ווי ׳יום כפור׳ וואס עס הייסט נאר ׳יום כ׳פורים - א טאג אזוי ווי ׳פורים׳. ווייל וויבאלד דער גאנצער יום טוב פורים איז נאר געשטעלט זיך ליב צו האבן איינער מיטן אנדערן, ווייל די מצוה פון פורים איז ׳משלוח מנות׳ - מען שיקט איינער פארן אנדערן עסן און גוטע זאכן, און מען גיט פאר אלע ארימעלייט ׳מתנות לאביונים׳, אידן באהעפטן זיך איינער מיטן אנדערן און מען מאכט שלום, ווער רעדט נאך ווען מען טרינקט זיך אביסל אן, גייט מען ארויס פון אלע צמצומים, און מען הייבט אן צו קישן יענעם, וועגן דעם איז פורים נאך גרעסער פון יום כפור, ווייל דעמאלס איז דער עיקר מצוה: בין אדם לחבירו, און מען איז זוכה דאס צו פארעכטן, וואס דאס איז דער גרעסטע זאך ביים אייבערשטן, כאטשיג יום כפור איז דער העכסטער טאג פון יאר ווייל יעדער איד טוט דעמאלטס תשובה און רעדט זיך אויס דאס הארץ פארן באשעפער, אז ער האט

אַ גְרוֹיסְן יֵצֶר הָרַע וְכוּ׳, און דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז אִים דַן לְכַף זְכוּת און עֶר אִיז אִים אַלֶעס מוֹחֵל, אִיז עֶס אָבֶּער נָאר ׳בֵּין אָדָם לַמָּקוֹם׳.

ד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אִין זַיין לֶעצְטְן טָאג דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן יוֹם כִּיפּוּר, און וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶונֶען מִנְחָה, עֶרֶב שַׁבָּת, הָאט מֶען גֶעהֶערְט וִוי עֶר דַאוֶונְט שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, און עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז דִי וֶוערְטֶער פוּן: ׳חַנּוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלֹחַ׳ און עֶר הָאט דָאס אִיבֶּער גֶעזָאגְט בִּיז עֶס אִיז אַרוֹיס זַיין נְשָׁמָה מִיט דִי וֶוערְטֶער.

בֶּאֱמֶת וָואלְט מֶען אִים נָאךְ גֶעקֶענְט בַּאעֶרְדִיגְן פַּאר שַׁבָּת וַוייל עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן צְוֵויי שָׁעָה בִּיז לֶעכְט צִינְדְן, און גַאנְץ בְּרֶסְלֶב אִיז אַ קְלֵיין שְׁטֶעטֶעלֶע און עֶס אִיז נִישְׁט וַוייט בִּיזְן בֵּית הַחַיִּים, נָאר מֶען הָאט גֶעהֶערְט

# זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

אַמָאל פוּן רֶבִּי נָתָן "אַז אֵיין נַאכְט וִויל עֶר נָאךְ בְּלַייבְּן דָא אוֹיף דִי וֶועלְט פַאר עֶר גֵייט אַרוֹיף". הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט אַז מֶען הָאט שׁוֹין גֶעצִינְדְן לֶעכְט אִין שְׁטוּבּ, וַוייל בַּיי רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט מֶען פְרִי לֶעכְט צִינְדְן.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער גַאנְצֶע זַאךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען: 'חַנוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלֹחַ', אַרַיינְצוּבְּרֶענְגְן אִין דֶער וֶועלְט: "אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַ 'רַחוּם וְחַנוּן', אוּן עֶר הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ז): אַ מַנְהִיג קֶען זַיין נָאר דֶער וָואס הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה מט, י): כִּי מְרַחֲמָם יְנַהֲגֵם; דָאס הֵייסְט, מֶען דַארְף פַארְשְׁטֵיין אַ צְוֵוייטְן אוֹיךְ, אוּן אִים דַן זַיין לְכַף זְכוּת, כָאטְשִׁיג אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אַז יֶענֶער זָאל זִיךְ פִירְן לוֹיט מַיין שֵׂכֶל אוּן וִוי אַזוֹי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי, אָבֶער וָואס וֵוייסְטוּ וָואס אוֹיף יֶענֶעם גֵייט

# זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

אִיבֶּער, וֶועגְן דֶעם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן א): וֶוער קֶען מַאכְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דַן זַיין אַ צְוֵוייטְן? דֶער תַּנָא זָאגְט דָאךְ (אָבוֹת ב, ד): **אַל תָּדִין חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִּיעַ לִמְקוֹמוֹ** – זָאלְסְט נִישְׁט דַן זַיין אַ מֶענְטְשׁ, בִּיז דוּ וֶועסְט נִישְׁט קוּמֶען צוּ זַיין פְּלַאץ. אוֹיבּ אַזוֹי וִוי קֶען אַ מֶענְטְשׁ קוּמֶען אוֹיף יֶענֶעמְס פְּלַאץ?! [מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט ווִיסְן פוּן וָואס מֶען זֶעהְט אִינְדְרוֹיסְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ טַאקֶע בַּיי יֶענֶעם אִין שְׁטוּבּ רַחְמָנָא לִצְלָן, אַמָאל אִיז נִישְׁט דָא קַיין שָׁלוֹם בַּית דָארְט, אָדֶער עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין קִינְדֶער, אָדֶער עֶס אִיז דָא קְרַאנְקֶע קִינְדֶער, אָדֶער אִיז נִישְׁט דָא קַיין פַּרְנָסָה וְכוּ׳ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן], אָבֶּער דֶער צַדִיק עֶר וֵוייסְט יָא וָואס טוּט זִיךְ בַּיי יֶענֶעם, מְמֵילָא קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם דַן זַיין לְכַף זְכוּת; הַלְוַואי הַלְוַואי וָואלְטְן מִיר אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין זִיךְ דֶעם לִימוּד, אוּן אָנְגֶעפַאנְגְן כָאטְשׁ זִיךְ אַלֵיין דַן צוּ זַיין לְכַף זְכוּת.

# זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

אַ עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט מִיר אַמָאל נָאכְגֶעזָאגְט פוּן אֵיינֶעם, אַז אֵיינֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעבֶּעטְן: אֶפְשָׁר נֶעמְט אִיר מִיר פַאר אַ תַּלְמִיד? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: גְלֵייבְּט מִיר אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ גֶעפַּאקְטֶע יְשִׁיבָה פוּן זֶעקְס הוּנְדֶערְט אוּן דְרַייצְן (613) תַּלְמִידִים, אוּן אִיךְ וֶוער מְשׁוּגָע פוּן זֵיי, ווִי קֶען אִיךְ נֶעמֶען נָאךְ אֵיינֶעם? הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעווָאוּנְדֶערְט וֶוער זֶענֶען דִי תַּלְמִידִים?! הָאט עֶר אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען: אִיךְ הָאבּ צְוֵויי הוּנְדֶערְט אַכְט אוּן פֶערְצִיג [רַמַ"ח] **אֵיבָרִים**, אוּן דְרֵיי הוּנְדֶערְט פוּנֶעף אוּן זֶעכְצִיג [שְׁסָ"ה] **גִידִים**, אוּן מִיט יֶעדְן אֵיבָר אוּן גִיד דַארְף אִיךְ זִיךְ עֶקְסְטֶער שְׁלָאגְן, זָאל אִיךְ נָאךְ נֶעמֶען נָאךְ אֵיינֶעם?!

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן עט): דֶער סוֹד פַארְוָואס מֶען קֶען זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת? וַוייל בַּיי שַׁבָּת שְׁטֵייט (שְׁמוֹת טז, כט): **שְׁבוּ אִישׁ תַּחְתָּיו** וְגוֹ׳, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיצְן אִינְטֶער זִיךְ, אוּן אַוַודַאי נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין

# זיך ליב האבן.

העכער פון זיין פלאץ. דאס הייסט אמאל טוט א מענטש רחמנא לצלן די ערגסטע זאכן פון ניאוף אזוי ווי 'זמרי', אבער ער פארפירט אז עס קומט אים שכר אזוי ווי 'פנחס'. אבער שבת קען א מענטש זוכה זיין צו זיצן אפילו נאך נידריגער פון וואו ער איז באמת, ממילא לויבט ער און דאנקט ער דעם בורא כל עולמים אז ער קען זיך דערהאלטן, אוודאי פאלט אים נישט ביי, נאך צו גיין זיכן ביי יענעם פעלערס, און ווען א איד נעמט אין זיך דאס אריין, איז שוין זיין גאנצער לעבן אן אנדער סארט לעבן.

דערפאר דארפן מיר זיך זייער פרייען מיט די ירושה וואס מיר האבן באקומען פון הייליגן רבי נתן, וואס ער האט דאס מקבל געווען פון הייליגן רבין, ווי אזוי אידן דארפן זיך מחיה זיין, און מחזק זיין איינער דעם אנדערן, וואס דאס איז די גרעסטע צדקה, און אמאל נאך מער פון אלע געלטער אין דער וועלט, ווייל ווען א מענטש איז

# זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

שׁוֹין נֶעבֶּעךְ אַרַייְנְגֶעפַאלְן אִין אַ דִיפְּרֶעשָׂא״ן, אִין אַ מוֹרָא׳דִיגֶע יִאוּשׁ, דַארְף עֶר שׁוֹין נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אוּן גֶעלְט וֶועט אִים שׁוֹין נִישְׁט הֶעלְפְן, אָבֶּער אֵיין גוּט וָוארְט אַז מֶען רֶעדְט מִיט אִים, קֶען מֶען אִים רַאטֶעוֶועֶן, אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת קיא ע״ב): **טוֹב הַמַּלְבִּין שִׁינַּיִם לַחֲבֵירוֹ יוֹתֵר מִמַּשְׁקֵהוּ חָלָב**, אַז מֶען גֶעט אַ שְׁמֵייכְל פַּאר אַ צְוֵוייטְן, אַז יֶענֶער זָאל זֶעהְן דַיינֶע וַוייסֶע צֵיינֶער, אִיז מֶער וֶוערְד וִוי דוּ גִיבְּסְט אִים אַ פַיינֶע גְלֶעזְל מִילֶעךְ. וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיין צָרָה אוּן אַז מֶען אִיז אִים מְחַזֵק אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף זִיךְ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין מְחַזֵק זַיין אוּן נִישְׁט זִיךְ צוּבְּרֶעכְן חַס וְשָׁלוֹם.

## זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אִין דֶעם זְכוּת וָואס מִיר וֶועלְן זִיךְ מְחַזֵק זַיין, און מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע אִידְן אוֹיךְ, זָאלְן מִיר שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

~ תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם ~

בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גָעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַּׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת וִויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## פַּרְשַׁת וַיְחִי תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָארְכְטִיגֶער רֶבִּי, דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט, וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהֶם,

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְּמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן? אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען גֵיין אוֹף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס גַאנְצֶע הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן בֶּעטְן אוּן וֵויינֶען עֶר זָאל אוֹיף דִיר רַחְמָנוּת הָאבְּן. בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן, כָאטְשׁ עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶּער וִויסְן זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דָאס אִיז דַיין פְּרָאבֶּע, מֶען פְּרוּבִּירְט דִיךְ אוֹיס צוּ וֶועמֶען דוּ וֶועסְט זִיךְ בֵּייגְן וֶוען דוּ בִּיסְט אִין אַן עֵת צָרָה.

(אשר בנחל באידיש חלק א׳ מכתב כ״ח)

# קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

## א.

חַזַ"ל זָאגְן (יַלְקוּט אִיוֹב רֶמֶז תתקח): אוֹיבּ 'אִיוֹב' וָואלְט זִיךְ וֶועןְ אַיינְגֶעהַאלְטְן, אוּן זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעֶרעדְט אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶוערֶע יִסוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעלִיטְן, דֶעמָאלְטְס אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט: אֱלֹקֵי אַבְרָהָם, אֱלֹקֵי יִצְחָק, וֵאלֹקֵי יַעֲקֹב, וָואלְט מֶען אוֹיךְ

# קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

גֶעזָאגְט אֱלֹקֵי אִיוֹב; זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם, אַז דֶער עִיקָר וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ גֶעמָאסְטְן לוֹיט וִויפִיל עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן עֶר פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, נָאר עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים; אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲלָה פוּן דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים וָואס הָאבְּן מִיטְגֶעמַאכְט בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן יִסוּרִים, אוּן זֵיי הָאבְּן אַלֶעס מְקַבֵּל גֶעוֶוען בְּאַהֲבָה.

מִיר גֶעפוּנֶען אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מז, ז-ט): וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעטְרָאפְן פַּרְעֹה, אוּן פַּרְעֹה הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וִוי אַלְט עֶר אִיז, וָואלְט עֶר נָאר גֶעדַארְפְט עֶנְטְפֶערְן וִוי אַלְט עֶר אִיז, בִּיז דֶערְוַוייל הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר אִיז אַלְט הוּנְדֶערְט אוּן דְרַייסִיג יָאר, אוּן עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט: מְעַט וְרָעִים הָיוּ שְׁנֵי יְמֵי חַיַּי וְכוּ׳, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶעבְּט אַבִּיסְל אוּן שְׁלֶעכְטֶע לֶעבְּן;

# קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

וַוייל יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט מֶען אוֹיךְ אוֹיסְגֶעפְּרִיוְוט מִיט מוֹרָא׳דִיגֶע שְׁוֶועֶרֶע נִסְיוֹנוֹת.

כָאטְשִׁיג עֶס אִיז גֶעוֶועְן נָאךְ צַדִיקִים אוֹיסֶער דִי דְרֵיי אָבוֹת וָואס הָאבְּן מִיטְגֶעמַאכְט שְׁוֶועֶרֶע צָרוֹת, צוּם בַּיישְׁפִּיל: ׳מֹשֶׁה רַבֵּינוּ׳, הָאט שׁוֹין גֶעלִיטְן גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, מֶען הָאט אִים אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין אַ קֶעסְטֶעלֶע אוּן אַרַיין גֶעוָוארְפְּן אִין טַייךְ, אוּן גֶעלָאזְט שְׁוִוימֶען, בִּיז פַּרְעֹה הָאט אִים אוֹיפְגֶעצוֹיגְן, נָאכְדֶעם וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין גְרוֹיס גֶעוָוארְן אוּן עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען קוּקְן וָואס דִי אִידְן מַאכְן, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וִוי מֶען שְׁלָאגְט אִידְן, אוּן עֶר הָאט גֶע׳הַרְגֶ׳עט דֶעם מִצְרִי, הָאט מֶען אִים אוֹיסְגֶעזָאגְט פַאר פַּרְעֹה, הָאט עֶר גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעדַארְפְט זַיין בַּיי יִתְרוֹ, חֲזַ״ל זָאגְן (תַּרְגּוּם יוֹנָתָן בֶּן עוּזִיאֵל שְׁמוֹת ב, כא): יִתְרוֹ הָאט אִים אַרַיינְגֶעזֶעצְט אִין תְּפִיסָה פַאר צֶען יָאר. נָאכְדֶעם אִיז עֶר אַנְטְלָאפְן בִּיז עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט

מִיט צִפּוֹרָה וְכוּ׳, וֶוער רֶעדְט נָאךְ שְׁפֶּעטֶער הָאט זִיךְ הֶערְשְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי מַחְלוֹקֶת אוֹיף אִים פוּן דָתָן אוּן אֲבִירָם, וָואס זֵיי הָאבְּן אִים נָאךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רוֹדֶפְ׳ן גְלַייךְ פוּן אָנְפַאנְג גָלוּת, אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אִים דֶערְגַאנְגֶען דָאס לֶעבְּן דִי גַאנְצֶע צַייט, אוּן אִים נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט, אוּן וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נָאר בַּאוִויזְן אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים, הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט דֶערְפוּן לֵיצָנוּת, אוּן אִים אוֹיסְגֶעפַּיינִיגְט.

נָאכְדֶעם אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ׳קֹרַח וַעֲדָתוֹ׳, מִיט נָאךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג רַבָּנִים, אַזוֹי הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעלִיטְן בִּיז זַיין הִסְתַּלְקוּת, אוּן אֲפִילוּ דֶעמָאלְטְס בְּרֶענְגְט דֶער מִדְרָשׁ (דְבָרִים רַבָּה ז, י; סִפְרִי הַאֲזִינוּ פֶּרֶק ש״ט): אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט דִי מוּסָר, וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין גַאנְץ חוּמָשׁ דְבָרִים, אוּן עֶר הָאט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט פַאר דִי אִידְן וָואס עֶר הָאט אַלְץ גֶעטוּעֶן אוּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן פַאר זֵיי בְּמֶשֶׁךְ דִי גַאנְצֶע

# קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

פֶּערְצִיג יָאר, וָואס אִין זַיין זְכוּת הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט 'מָן' צוּ עֶסְן, אַ 'בְּאֵר' צוּ טְרִינְקֶען, אוּן דִי 'עַנְנֵי הַכָּבוֹד' זִיךְ צוּ בַּאשִׁיצְן, (תַּעֲנִית ט ע"א), אוּן דָאס אַלֶעס הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַז זֵיי זָאלְן נִתְעוֹרֵר וֶוערְן מִתְפַּלֵל צוּ זַיין פַּאר אִים, זָאגְן חַזַ"ל (דְבָרִים רַבָּה שָׁם; סִפְרֵי פִּנְחָס פֶּרֶק קלה): אַז וֶוען אַלֶע אִידְן עַקְשְׁנֶ'ען זִיךְ אַיין, אוּן זָאגְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! מִיר גֵייעֶן נִישְׁט אַרַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן מִיר וֶועלְן עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִין מִדְבָּר אוֹיבּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ קוּמְט נִישְׁט מִיט אוּנְז, וָואלְטְן זֵיי גֶע'פּוֹעֵלְ'ט. אָבֶער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶע'טַעֲנֶה'ט דִי טַעֲנָה.

אוֹיךְ גֶעפִינֶען מִיר אַ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע מִדְרָשׁ, וָואס עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין (דְבָרִים רַבָּה ט, ט): אִין דֶעם טָאג וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעדַארְפְט נִסְתַּלֵק וֶוערְן, הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶערֶעדְט צוּ יְהוֹשֻׁעַ, אוּן וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: וָואס הָאט דִיר דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעזָאגְט? הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: וֶוען

# קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶערֶעדְט מִיט דִיר הָאסְטוּ מִיר אוֹיסְגֶעזָאגְט ?! הָאט זִיךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אָנְגֶערוּפְן: עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ שְׁטַארְבְּן הוּנְדֶערְט מָאל, אָבֶּער נִישְׁט הֶערְן אַזַא זַאךְ; וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין אוֹיף יְהוֹשֻׁעַ וָואס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס וְכוּ', אוּן אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גֶעטְרֵיי אוּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַגַאנְץ לֶעבְּן צוּ זַיין רֶבִּי'ן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

נָאכְדֶעם 'אַהֲרֹן הַכֹּהֵן' הָאט אוֹיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מִיטְגֶעמַאכְט, ווייל מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן אִידְן, אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ, בִּפְרַט אַז מֶען דַארְף עוֹסֵק זַיין אִין שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן וְכוּ', אוֹיךְ זֶעהְט מֶען אַז דֶער עִיקָר קִנְאָה פוּן קֹרַח אִיז גֶעוֶוען אוֹיף דִי כְּהוּנָה.

אַזוֹי אוֹיךְ 'יוֹסֵף הַצַדִיק' הָאט מִיטְגֶעמַאכְט מוֹרָא'דִיג אַסַאךְ, דִי בְּרוּדֶער הָאבְּן אִים פַיינְט גֶעהַאט, אוּן מֶען הָאט אִים פַארְקוֹיפְט אוֹיף מִצְרַיִם וְכוּ'.

# קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ ׳דָוִד הַמֶּלֶךְ׳ וָואס עֶר הָאט שׁוֹין מִיטְגֶעמַאכְט פוּן אַלְץ קִינְד, אוּן אַזוֹי בְּמֶשֶׁךְ זַיין גַאנְצְן לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי שְׁקָלִים סוֹף פֶּרֶק ב): עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַ דוֹר וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין לֵיצִים, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ דוֹר וָואס עֶס זָאל זַיין אַזַאלֶעכֶע לֵיצִים אַזוֹי וִוי אִין דֶער דוֹר פוּן דָוִד; וָואס מֶען הָאט גֶעמַאכְט מוֹרָא׳דִיגֶע לֵיצָנוּת פוּן אִים. [דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז מֶען טַאקֶע יָא מַזְכִּיר אוּן מֶען זָאגְט: מָגֵן דָוִד, בַּיי דִי בְּרָכוֹת פוּן דִי הַפְטוֹרָה.]

אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס דֶערְמַאנְט מֶען נִישְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען דִי אַלֶע צַדִיקִים, אַזוֹי וִוי מֶען דֶערְמַאנְט דִי דְרַיי אָבוֹת: אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב? ! נָאר וַוייזְט אוֹיס אַז זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט גָאר שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת. אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (אָבוֹת ה, ג): **עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָּה אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וְעָמַד בְּכֻלָּם**, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי אִיבֶּעריִגֶע אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים.

## קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

### ב.

רַשִׁ״י בְּרֶענְגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צו, א), אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מז, כח): וַיְחִי יַעֲקֹב: לָמָּה פַּרְשָׁה זוּ סְתוּמָה? [דָאס הֵייסְט אַז גֶעוֶוענְלִיךְ בַּיי אַ סֵפֶר תּוֹרָה אִיז דָא אַ צְווִישְׁן שֵׁייד צְווִישְׁן אֵיין פַּרְשָׁה מִיטְן אַנְדֶערְן, אַז מֶען זָאל זֶעהְן אַז עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ נֵייעֶ פַּרְשָׁה, אָבֶער פַּרְשַׁת וַיְחִי אִיז צוּזַאמֶען מִיט פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, אָן קַיין שׁוּם צְווִישְׁן שֵׁייד] עֶנְטְפֶערְט רַשִׁ״י: אֵיין טַעַם, וְוִיבַּאלְד יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן, אִיז פַארְמַאכְט גֶעוָוארְן דִי אוֹיגְן אוּן דִי הַארְץ פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן דִי פִיעֶל צָרוֹת וָואס מֶען הָאט זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ אוּנְטֶערְטֶענִיגְן. אָבֶער אוֹיף דֶעם טַעַם אִיז שְׁוֶוער, וַוייל מֶען רֶעדְט דָאךְ דָא יֶעצְט פוּן דָאס לֶעבְּן פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ אִין מִצְרַיִם?! דִי צְוֵוייטֶע טַעַם זָאגְט רַשִׁ״י: אַז עֶר הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְזָאגְן פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וֶוען עֶס וֶועט זַיין אַ סוֹף צוּ זֵייעֶרֶע צָרוֹת, אוּן דָאס אִיז פַארְמַאכְט גֶעוָוארְן פוּן אִים,

# קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

דֶערְפַאר אִיז דִי פַּרְשָׁה פַארְמַאכְט - סְתוּמָה; דָאס הֵייסְט, עֶס אִיז צוּגֶעבוּנְדְן צוּ דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע פַּרְשָׁה, וָואס עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיט דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מז, כז): **וַיֵּשֶׁב יִשְׂרָאֵל וְכוּ׳ בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד.**

דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי עִנְיָן פוּן ׳פְּרִיָה וְרִבְיָה׳; דָאס הֵייסְט, אַז אִידְן הָאבְּן זִיךְ פַארְמֶערְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, וֶועגְן דֶעם אִיז דָאס גֶעוֶוען דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה אוּן דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע יָארְן פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ, וֶועגְן דֶעם גְלַייךְ נָאכְדֶעם וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט: **וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד**, אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעזֶעהְן נַחַת, וִוי אַזוֹי אַלֶע הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעמַאכְט דִי קִינְדֶער, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען אֵיינִיקְלֶעךְ אוּן אוּר אֵיינִיקְלֶעךְ, אוּן דִי דוֹרוֹת מֶערְן זִיךְ, הֵייבְּט דֶער פָּסוּק גְלַייךְ אָן: **וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם שְׁבַע עֶשְׂרֵה שָׁנָה.** אַז דִי זִיבֶּעצְן יָאר [וָואס בַּאטְרֶעפְט אוֹיךְ ׳טוֹב׳] וָואס יַעֲקֹב הָאט גֶעלֶעבְּט אִין מִצְרַיִם, אִיז גֶעוֶוען זַיינֶע שֶׁענְסְטֶע יָארְן. (עַיֵּין מִדְרָשׁ לֶקַח

# קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

טוֹב פַּרְשַׁת וַיְחִי; זוֹהַר וַיְחִי רטז ע״ב), אוּן דָאס אִיז אִים גֶעוֶוען דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה אִיז וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, פַּארְקֶערְט אוֹיךְ, עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזָא צַעַר וִוי דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר אָדֶער אַ מֵיידְל, וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז מֶען אַ ׳פְּלַג גוּף׳, אוּן מֶען אִיז נִישְׁט קַיין גַאנְצֶע מֶענְטְש (זוֹהַר וַיִקְרָא, ז ע״ב וְעוֹד).

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ב) : דֶעם חֲזַ״ל (קִידוּשִׁין מט ע״ב): צֶען מָאס רֵייד אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, נַיין דֶערְפוּן הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי פְּרוֹיעֶן, אוּן אֵיין מָאס הָאט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גֶענוּמֶען; דָאס הֵייסְט, דֶער מַאן הָאט נָאר אֵיין מָאס שִׂיחָה, אוּן דִי פְּרוֹי הָאט נַיין מָאס. וֶועגְן דֶעם - אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מַסְבִּיר - פַאר מֶען הָאט חֲתוּנָה הַאלְט מֶען

# קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

נָאךְ פַאְרן שְׁלֵימוּת, אוּן וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁלֵימוּת אִינֶעם דִיבּוּר.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"ה): אוֹיבְן אִין הִימְל זֶענֶען דִי מַאן אוּן וַוייבּ אֵיין נְשָׁמָה, אוּן וֶוען זֵיי קוּמֶען אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט, קוּמְט 'עֶר' אַרָאפּ דוּרְךְ אֵיין פָּאר עֶלְטֶערְן, אוּן 'זִי' דוּרְךְ אַ אַנְדֶערֶע פָּאר עֶלְטֶערְן, אוּן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּרִיק צוּזַאם קוּמֶען דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, וַוייל עֶס אִיז דָא אַסַאךְ קִטְרוּגִים, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי 'קְרִיעַת יַם סוּף', אָבֶּער דָאךְ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְדֶעם גֶעהָאלְפְן לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶבַע, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ בַּיי אַ שִׁידוּךְ, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (עַיֵין סוֹטָה ב ע"א): **קָשֶׁה זִוּוּגוֹ שֶׁל אָדָם כִּקְרִיעַת יַם סוּף**; וֶועגְן דֶעם אִיז דָאס דֶער גְרֶעסְטֶער שִׂמְחָה.

## קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

דָאס זָאגְט מֶען בַּיי דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת: 'שַׂמֵּחַ תְּשַׂמַּח רֵעִים הָאֲהוּבִים, כְּשַׂמֵּחֲךָ יְצִירְךָ בְּגַן עֵדֶן מִקֶּדֶם'; מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי מַאן אוּן וַוייבּ, וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן 'רֵעִים הָאֲהוּבִים', זָאלְן זַיין אַזוֹי פְּרֵיילֶעךְ, אַזוֹי וִוי וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִין הִימְל, וָואס דָארְטְן זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען אֵיין נְשָׁמָה, זָאלְן זֵיי יֶעצְט וַוייטֶער זַיין אֵיין נְשָׁמָה, אוּן זַיין מוֹרָא'דִיג פְּרֵיילֶעךְ.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶעהְן חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער וָואס יוּנְגֶער, וָואס דָאס אִיז דֶער לֶעזוּנְג פַאר אַלֶע צָרוֹת, חֲזַ"ל זָאגְן (מְנָחוֹת קי ע"א): **הַלּוֹמֵד תּוֹרָה בְּטָהֳרָה זֶה הַנּוֹשֵׂא אִשָּׁה וְאַחַר כַּךְ לוֹמֵד תּוֹרָה**; וֶוער לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אַ רֵיינֶעם מֹחַ אָן קַיין עֲבֵירוֹת? דֶער וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט; אוּן מֶען זֶעהְט טַאקֶע אַז בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע דוֹרוֹת, פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ בִּיז אוּנְזֶערֶע צַייטְן בַּיי אַלֶע רֶבִּי'ס אוּן רַבָּנִים הָאט מֶען מַקְפִּיד גֶעוֶוען צוּ חַתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער גָאר יוּנְג, דֶערְפַאר הַיינְט וֶוען

# קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

עֶס גֵייט אִיבֶּער אַזַאלֶעכֶע שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אוֹיף בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, אִיז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ זֵיי חֲתוּנָה צוּ מַאכְן וָואס יוּנְגֶער, אוּן אַזוֹי אַרוּם וֶועט מֶען זֵיי קֶענֶען רַאטֶעוֶועןְ פוּן חַטֹאת נְעוּרִים, אוּן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער תִּיקוּן פוּן 'שׁוֹבָבִים', וָואס קוּמֶען יֶעצְט אַרַיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ז): אַ מַנְהִיג קֶען נָאר זַיין אֵיינֶער וָואס אִיז אַ רַחֲמָן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה מט, י): **כִּי מְרַחֲמָם יְנַהֲגֵם**; אוּן דֶער עִיקָר רַחְמָנוּת דַארְף מֶען הָאבְּן, צוּ רַאטֶעוֶועןְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן עֲווֹנוֹת, ווַייל לוֹיט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי נְשָׁמָה פוּן אַ אִיד, וָואס אִיז אַ **'חֵלֶק אֱלוֹקַ מִמַּעַל'** - כִּבְיָכוֹל אַ שְׁטִיק בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אֵיינְס מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ פַאר אִים קַיין עֲבֵירוֹת אוּן עֶר קֶען דָאס גָארְנִישְׁט פַארְנֶעמֶען, קוּמְט אוֹיס, אַז דֶער עִיקָר דַארְף אַ מַנְהִיג זֶעהְן, רַחְמָנוּת צוּ הָאבְּן אוּן

# קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

רַאטֶעוֶועט דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים, אוּן מַאכְן שִׁידוּכִים, אוּן נָאר אַזוֹי הֵייסְט עֶר אַ מַנְהִיג.

אָבֶער אַז אַ מֶענְטְש אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר הָאט חֲתוּנָה, הָאט עֶר שׁוֹין כָאטְש 'פַּת בְּסַלּוֹ', כָאטְשִׁיג דֶעמָאלְטְס קֶען זִיךְ אוֹיךְ מַאכְן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אָבֶער דֶער זֶעלְבֶּער צַדִיק וָואס הָאט דִיר מְשַׁדֵךְ גֶעוֶועט, אוּן חֲתוּנָה גֶעמַאכְט, וֶועט דִיר אוֹיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען לֶעבְּט וְכוּ', אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן (בְּרָכוֹת ד ע"א): בִּין אִיךְ דֶען נִישְׁט קַיין חָסִיד?! אַלֶע מְלָכִים שְׁלָאפְן זִיךְ גוּט אוֹיס בִּיז דְרֵיי שָׁעָה אִין טָאג אַרַיין, אוּן זִיצְן אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד וְכוּ', **וַאֲנִי יָדַי מְלֻכְלָכוֹת בְּדַם וּבְשָׁפִיר וּבְשִׁלְיָא, כְּדֵי לְטַהֵר אִשָּׁה לְבַעְלָהּ** וְכוּ', דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דֶער צַדִיק, וֶועט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין, אוּן זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן אוּן טוּהְן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם צוּ מַאכְן שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ שְׁטוּב, אוּן לֶעבְּן אַ גוּט עֶרְלִיךְ לֶעבְּן.

## קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

### ג.

וַיְהִי אַחֲרֵי הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה, וַיֹּאמֶר לְיוֹסֵף הִנֵּה אָבִיךָ חֹלֶה וְגוֹ׳ (בְּרֵאשִׁית מח, א), מֶען הָאט גֶעזָאגְט פַאר יוֹסֵף זָאלְסְט וִויסְן אַז דַיין טַאטֶע אִיז קְרַאנְק, זָאגְט רַשִׁ״י: ׳אֶחָד מִן הַמְּגִידִים׳ אֵיינֶער פוּן דִי ׳מַגִּידִים׳ הָאט דָאס גֶעזָאגְט פַאר יוֹסֵף.

דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף (פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים), בְּרֶענְגְט פוּן זַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז עֶר אִיז גֶעוֶועזְן זֵייעֶר שַׁארְף קֶעגְן דִי מַגִּידִים וָואס זֵיי פְלֶעגְן זָאגְן דְרָשׁוֹת, צוּ דֶערְשְׁרֶעקְן אוּן צוּבְּרֶעכְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן זֵיי שְׁטַארְק אוֹיס׳מוּסָרְ׳ן, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן, אוּן עֶר הָאט מִיט דֶעם גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר כא, ו): וַיְשַׁלַּח ה׳ בָּעָם אֵת הַנְּחָשִׁים הַשְּׂרָפִים וַיְנַשְּׁכוּ אֶת הָעָם וְכוּ׳, נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן זִיךְ

## קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

אָפְּגֶערֶעדְט אִין מִדְבָּר, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעשִׁיקְט בְּרֶענֶעדִיגֶע שְׁלֶענְג, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעבִּיסְן דֶעם פָּאלְק; אַז דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי מַגִּידִים, וָואס זֶענֶען אַרוּמְגֶעפָארְן אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעבִּיסְן אִידְן מִיט זֵייעֶרֶע שְׁוֶוערֶע מוּסָר דְרָשׁוֹת, וָואס הָאט אַוֶועק גֶע׳הַרְגֶ׳עט אַסַאךְ אִידְן לֵיידֶער.

דָאס זָאגְט רַשִׁ״י: ׳אֶחָד מִן הַמְגִּידִים׳, וַוייל וֶועלְכֶער אִיד וֶועט גֵיין זָאגְן פַאר אַ צְוֵוייטְן: דַיין טַאטֶע אִיז קְרַאנְק! ווִי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ אַרוֹיסְזָאגְן אַ שְׁלֶעכְט וָוארְט פַאר אַ צְוֵוייטְן?! נָאר זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ״י: אֶחָד מִן הַמְגִּידִים, אַז דִי מַגִּידִים זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין מוֹרָא צוּ דֶערְשְׁרֶעקְן מֶענְטְשְׁן מִיטְן יוֹם הַמִּיתָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ח): כָאטְשִׁיג ׳תּוֹכָחָה׳ אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (וַיִּקְרָא יט, יז): **הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ.**

## קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

קֶען אָבֶער נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער זָאגְן 'תּוֹכָחָה', וַוייל אַז מֶען זָאגְט פַאר אַ צְוֵוייטְן מוּסָר אוּן תּוֹכָחָה נִישְׁט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע אוֹפָן, שְׁנַיידְט מֶען אִים אָפּ פוּן זַיין שׁוֹרֶשׁ, אוּן מֶען אִיז מַמָּשׁ אַ רוֹצֵחַ, וַוייל דֶער עִיקָר תּוֹכָחָה דַארְף זַיין אַזוֹי וְוִי דִי תּוֹכָחָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת פח): אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען נָאךְ אַזַא שִׂמְחָה וְוִי דֶער טָאג פוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה, וָואס אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ חֲתוּנָה (תַּעֲנִית כו ע"ב), אוּן גְלַייךְ בַּיי קַבָּלַת הַתּוֹרָה זֶענֶען דִי אִידְן דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיטְן עֵגֶל, אַזוֹי וְוִי דִי גְמָרָא דְרוּקְט זִיךְ אוֹיס (שָׁם): עֲלוּבָה כַּלָּה, מְזַנָּה בְּתוֹךְ חֻפָּתָהּ, וַוייל דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע בִּזָיוֹן אַז מֶען שְׁטֵייט אוּנְטֶער דִי חוּפָּה אוּן דִי כַּלָּה אַנְטְלוֹיפְט, [לֵיידֶער הָאבּ אִיךְ אַמָאל מִיטְגֶעהַאלְטְן אַזַא זַאךְ רַחְמָנָא לִצְלָן, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי צַעַר וָואס דָארְט הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּהְן וְכוּ', בֵּיידֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעוֵויינְט, אוּן מֶען הָאט זֵיי גֶעדַארְפְט טְרֵייסְטְן וְכוּ'], דִי

## קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז גֶעוֶוען בַּיים חֵטְא הָעֵגֶל, אוּן וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַן עֵגֶל, וָואס אִיז דָארְט גֶעוֶוען דִי דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת: **עֲבוֹדָה זָרָה, גִלוּי עֲרָיוֹת, שְׁפִיכוּת דָמִים** (תַּנְחוּמָא כִּי תִשָּׂא, כ); וָואלְט דָאךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעדַארְפְט מַאכְן אַ רַעַשׁ, אוּן שְׁרֵייעֶן גֶעוַואלְד! וָואס הָאט אִיר דָא גֶעטוּהְן?! בִּיז דֶערְוַוייל הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גְלַייךְ גֶעזָאגְט: **'עֲדַיִין חֲבִיבוּתָא גַּבָּן'**, טַייעֶרֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער: דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט עֶנְק נָאךְ אַלְץ לִיבּ! אוּן וִוי נָאר דִי אִידְן הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט הָאבְּן זֵיי אַלֶע תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן פוּן גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז דֶער לִימוּד פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶערוּפְן אוּן אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגְן קוֹל (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן עח): **גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ! אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלַל**, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי יֵאוּשׁ. אוּן אֲפִילוּ אַ

# קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן גֶעטוּהְן וָואס עֶר זָאל הָאבְּן גֶעטוּהְן, קֶען עֶר אַלְץ צוּרִיקוּמֶען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר קֶען אַלֶעס פַּארֶעכְטְן.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד: רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זַצַ״ל [עֶר לִיגְט אִין טְבֶרְיָה] הָאט עֶר גֶעזָאגְט: הַיינְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט אַזַא דִיבּוּר: **אֵין שׁוּם יִאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלַל.** קֶען דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם טַאנְצְן פוּן דֶער עֶרְד בִּיזְן הִימְל, אוּן פוּנֶעם הִימְל בִּיזְן עֶרְד, עֶס וֶועט אִים שׁוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן, וַוייל מֶען הֶערְט נָאךְ דֶעם קוֹל אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. בָּרוּךְ הַשֵּׁם יֶעצְט אִיז שׁוֹין אִיבֶּער צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר פוּנֶעם רֶבִּינְ׳ס הִסְתַּלְקוּת אוּן דֶעם רוּף פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן: **אֵין שׁוּם יִאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלַל,** קֵיינֶער קֶען נִישְׁט - אוּן טָאר נִישְׁט - מְיַיאֵשׁ זַיין דֶעם צְוֵוייטְן! הֶערְט זִיךְ אַלְץ שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער.

## קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן א): אוֹיף דֶעם וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת ב, ד): **אַל תָּדִין אֶת חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִּיעַ לִמְקוֹמוֹ**, זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט דַן דַיין חַבֶר, בִּיז דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין אוֹיף זַיין פְּלַאץ; אוּן וֶוער אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען דֶען פַארְשְׁטֵיין אוּן זַיין אִין יֶענֶעמְס פְּלַאץ?! אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים נד ע"ב): אֵיינְס פוּן דִי זַאכְן וָואס אִיז פַארְהוֹילְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אַ צְוֵוייטֶער טְרַאכְט; דֶערְפַאר קֶען נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַן זַיין אַ מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶער רַחֲמָן, וֶועט עֶר אַוַודַאי דַן זַיין יֶעדֶער מֶענְטְשׁ לְכַף זְכוּת.

אַזוֹי אוֹיךְ דֶער צַדִיק - פִּירְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיס - וִויבַּאלְד עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן בָּטֵל צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וֵוייסְט עֶר אוֹיךְ יֶעדְנְס פְּלַאץ, אוּן עֶר קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם דַן זַיין לְכַף זְכוּת, בְּמֵילָא קֶען עֶר מַאכְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

## קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (עַיֵין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תג): 'גָאר מַיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה'; וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם דַן זַיין לְכַף זְכוּת, און עֶר הָאט דִיבּוּרִים פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, און עֶר אִיז יֶעדְן מְחַזֵק און עֶר הֵייבְּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, און עֶר וַוייזְט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז אַ דֵיימַאנְט בַּיים בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו): אַז יֶעדֶער אִיד אִיז אַ דֵיימַאנְט אִינֶעם בַּאשֶׁעפֶערְס קְרוֹין; אָבֶער אַ דֵיימַאנְט וֶוען מֶען נֶעמְט דָאס אַרוֹיס פוּן דֶער עֶרְד זֶעהְט עֶס אוֹיס וִוי אַ שְׁטִיק בְּלָאטֶע, און עֶס נֶעמְט צַייט בִּיז מֶען רֵיינִיגְט דָאס און מֶען פּוּצְט דָאס שֵׁיין אוֹיס, און דֶעמָאלְטְס וֶוערְט עֶס אַ שֵׁיינֶע דֵיימַאנְט וָואס אִיז וֶוערְד זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט.

דֶערְפַאר הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט דִי מַגִידִים, און עֶר הָאט אָנְגֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן, צוּ צוּבְּרֶעכְן און אָפְּשְׁרֶעקְן דִי

פַארְיָאגְטֶע און פַארְפְלָאגְטֶע אִידְן, און אַזוֹי הָאט עֶר אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם 'דֶרֶךְ הַחֲסִידוּת' וָואס דָאס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט נָאר מְקַרֵב צוּ זַיין אִידְן.

ד.

מֶען זֶעהְט וֶוען יוֹסֵף הַצַּדִיק אִיז גֶעקוּמֶען מִיט זַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶער: מְנַשֶּׁה און אֶפְרַיִם, אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ זָאל זֵיי בֶּענְטְשְׁן, פַאר עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, הָאט יוֹסֵף הַצַּדִיק גֶענוּמֶען דֶעם בְּכוֹר - מְנַשֶּׁה, און גֶעלֵייגְט צוּ דִי רֶעכְטֶע הַאנְט פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ און אֶפְרַיִם צוּ דִי לִינְקֶע הַאנְט, בִּיז דֶערְוַוייל הָאט יַעֲקֹב אָבִינוּ גֶעבֶּענְטְשְׁט קוֹדֶם מִיט דִי רֶעכְטֶע הַאנְט אֶפְרַיִם און נָאכְדֶעם מִיט דִי לִינְקֶע הַאנְט מְנַשֶּׁה, פַאר יוֹסֵף הַצַּדִיק הָאט דָאס וֵוייגֶעטוּהְן, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: טַאטֶע, נִישְׁט אַזוֹי! מְנַשֶּׁה אִיז דֶער בְּכוֹר, און עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרָאפְּנֶעמֶען דִי הַאנְט פוּן יַעֲקֹב און דָאס טוֹישְׁן, הָאט זִיךְ יַעֲקֹב אָבִינוּ

## קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: **יָדַעְתִּי בְנִי יָדַעְתִּי**, אִיךְ וֵוייס מַיין קִינְד וְכוּ׳.

וָואס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דֶער וִויכּוּחַ צְוִוישְׁן יַעֲקֹב אוּן יוֹסֵף?! נָאר עֶס אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן בַּיים דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז דָא אַ וֶועג, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַרְבֶּעטְן אַרָאפּ צוּנֶעמֶען פוּן זִיךְ דֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט עֶר טוּהְן גוּטְס, אַזוֹי וִוי דֶער נָבִיא זָאגְט (יִרְמְיָהוּ ד, ג): **נִירוּ לָכֶם נִיר וְאַל תִּזְרְעוּ אֶל קוֹצִים**, קוֹדֶם זָאלְט עֶטְץ גוּט אוֹיפְּאַקֶערְן, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט וַואקְסְן גוּטֶע תְּבוּאָה; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף מֶען זֶעהְן קוֹדֶם אָפְּצוּטוּהְן דִי שְׁלֶעכְטְס - **׳סוּר מֵרָע׳**, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט מֶען קֶענֶען טוּהְן גוּטְס - **׳עֲשֵׂה טוֹב׳**, וָואס דָאס אִיז דֶער **׳דֶרֶךְ הַמוּסָר׳**.

אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶועט אַרְבֶּעטְן אָפְּצוּטוּהְן זַיין שְׁלֶעכְטְס, וֶועט עֶר דַארְפְן לֶעבְן זִיבֶּעצִיג יָאר, אוּן נָאךְ

## קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

אַלֶעם וֶועט עֶר בְּלַייבְּן מִיט זַיין שְׁלֶעכְטְס, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אִים. וֶועגְן דֶעם אִיז דָא דֶער וֶועג פוּן 'עֲשֵׂה טוֹב', מֶען זָאל טוּהְן גוּטְס, אוּן דִי שְׁלֶעכְטְס וֶועט מְמֵילָא אַוֶועק פַאלְן. וָואס דָאס אִיז דֶער 'דֶרֶךְ הַחֲסִידוּת', מְחַזֵק צוּ זַיין אִידְן, אוּן זֵיי וַוייזְן אַז זֵיי זֶענֶען פוּל מִיט גוּטְס, מְמֵילָא וֶועט פוּן זֵיי צוּבִּיסְלֶעךְ אַוֶועקְפַאלְן דִי שְׁלֶעכְטְס, אָבֶּער נִישְׁט מְעוֹרֵר זַיין קַיין עֲבֵירוֹת אוֹיף אִידְן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר וִויכּוּחַ, יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעהַאלְטְן דִי שִׁיטָה פוּן 'עֲשֵׂה טוֹב', אַז קוֹדֶם זָאל מֶען טוּהְן אַסַאךְ גוּטְס, דֶערְפַאר הָאט עֶר קוֹדֶם גֶעבֶּענְטְשְׁט אֶפְרַיִם, וָואס אֶפְרַיִם אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן פַארְמֶערְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית מא, נב): **כִּי הִפְרַנִי אֱלֹקִים בְּאֶרֶץ עָנְיִי**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעמֶערְט (עַיֵין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן צז); דָאס הֵייסְט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג פַארְמֶערְן אַרַיינְצוּכַאפְּן וָואס מֶער גוּטְס, אוּן

## קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס, מְמֵילָא מִיט דִי צַייט וֶועט דִי סַאךְ גוּטְס אִים אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, אוּן דָאס שְׁלֶעכְטְס וֶועט זִיךְ אָפְּטוּהְן פוּן אִים.

אָבֶּער יוֹסֵף הַצַּדִיק וָואס עֶר אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דִי אַלֶע שְׁוֶועְרֶע אוּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין מִצְרַיִם, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר, אוּן מֶען הָאט אִים צוּגֶערֶעדְט צוּ עֲבֵירוֹת אוּן עֶר אִיז דָאס אַלֶעס בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען, הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן דִי שִׁיטָה פוּן 'סוּר מֵרָע', אַז מֶען דַארְף קוֹדֶם אִינְגַאנְצְן אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט דָאס בַּאוִויזְן, וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר גֶעוָואלְט אַז יַעֲקֹב זָאל קוֹדֶם בֶּענְטְשְׁן מְנַשֶּׁה, וָואס דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן פַארְגֶעסְן אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מא, נא): כִּי נַשַּׁנִי אֱלֹקִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעמַאכְט פַארְגֶעסְן (עַיֵין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' שָׁם); וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם עִנְיָן פוּן 'סוּר מֵרָע', קוֹדֶם זָאל מֶען מַאכְן פַארְגֶעסְן דֶעם שְׁלֶעכְטְס, אָבֶּער יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט

# קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

אַנְדֶערְשׁ פַּארְשְׁטַאנֶען, אַז דֶער עִיקָר פוּן אַ אִיד, אִיז צוּ טוּהְן נָאר גוּטְס, אוּן טְרֶעפְן דִי גוּטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן יֶעדְן אֵיינֶעם דַן זַיין לְכַף זְכוּת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תמז): דוּ טוּה אִין אִידִישְׁקַייט, גוּטְס וֶועט בְּלַייבְן, אוּן שְׁלֶעכְטְס וֶועט מְמֵילָא אַרָאפּ פַאלְן.

וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַזוֹי אָנְגֶעוָוארְנְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן רפב): אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג זוּכְן בַּיי זִיךְ דָאס גוּטְס, אוּן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אַ עֲבֵירָה פַּיינְט צוּ הָאבְן אַ צְוֵוייטְן, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ אַן עֲבֵירָה זִיךְ פַּיינְט צוּ הָאבְן, אוּן פוּנְקְט אַזוֹי וִוי מֶען טָאר נִישְׁט אַרָאפְּקְלַאפְּן אַ צְוֵוייטְן, [בִּפְרַט אַ מְלַמֵּד דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן נִישְׁט אַרָאפּ צוּ קְלַאפְּן אַ קִינְד], אַזוֹי אוֹיךְ טָאר מֶען זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ נִישְׁט אַרָאפְּקְלַאפְּן.

## ה.

דֶערְפַאר יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט אַרַיין דִי פֶּערְצִיג טֶעג פוּן 'שׁוֹבָבִים', וָואס אִין דִי טֶעג אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע סְגוּלָה צוּ פַארֶעכְטְן אַלֶעס, דַארְף מֶען זֶעהְן צוּ טוּהְן אַסַאךְ גוּטְס, חַזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת ו, ג): **אֵין טוֹב אֶלָא תּוֹרָה.** דֶערְפַאר אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּמִישְׁט אוּן מְבוּלְבָּל, אוּן עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ פַארְשִׁידֶענֶע שְׁוֶוערִיקַייטְן, זָאל עֶר אַרַיינְכַאפְּן יֶעדְן טָאג אוּן לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, אַזוֹי אַרוּם וֶועט עֶר מַעֲבִיר סִדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר אַ לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע לֶעבְן (עַיֵין בְּרָכוֹת ח), אַזוֹי אוֹיךְ אַרַיינְכַאפְּן מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, וָואס דִי לִימוּדִים: מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא, אִיז דִי גְרֶעסְטֶע עֲשִׁירוּת פַאר אַ מֶענְטְשׁ (עַיֵין חֲגִיגָה יד ע"א), אַזוֹי אוֹיךְ אֲפִילוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ נִישְׁט צַאמְנֶעמֶען אוּן עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער צָרוֹת מִיט יִסוּרִים, זָאל עֶר דָאךְ אַרוֹיסְכַאפְּן צוּ גֵיין דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלוֹת

שַׁחְרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, אַזוֹי פּוּלְט עֶר זִיךְ צוּבִּיסְלֶעךְ אָן מִיט מֶער און מֶער גוּטְס.

## ו.

מֶען דַארְף וויסְן אַז אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אִיבֶּער פַארְשִׁידֶענֶע שְׁוֶועֶרעקַייטְן, און אַז אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אוֹיךְ אַסַאךְ מִיטְגֶעמַאכְט אִין זֵייעֶר לֶעבְּן, און עֶס אִיז זֵיי נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען אַזוֹי גְרִינְג.

מַיין בְּרוּדֶער עָלָיו הַשָּׁלוֹם [הַגָּאוֹן הַמְפוּרְסָם רֶבִּי בִּנְיָמִין שִׁיק, אֲבַ״ד טָאקַאי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ,] פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: מֶען דְרוּקְט אָן אַ שִׁיעוּר מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, אָבֶער קֵיינֶער הָאט נָאךְ נִישְׁט גֶעדְרוּקְט אַ סֵפֶר, פוּן דִי דוּרְכְּפֶעלֶער און צָרוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אִין לֶעבְּן, און ווִי רְשָׁעִים הָאבְּן זֵיי גֶע׳רוֹדֶפְ׳ט, אַזוֹי וַוייט אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִּיקִים וָואס מֶען הָאט זֵיי אַרַיין גֶעזֶעצְט אִין תְּפִיסָה, אָבֶער אִין דִי סְפָרִים שְׁטֵייט נָאר דִי

מוֹפְתִים וָואס זֵיי הָאבְּן בַּאוִויזְן וְכוּ׳, אָבֶּער בֶּאֱמֶת הָאבְּן אַלֶע צַדִיקִים מִיטְגֶעמַאכְט שְׁוֶועֶרֶע רְדִיפוֹת אוּן אַנְדֶערֶע פַאְרְשִׁידֶענֶע שְׁוֶועֶרֶעקַייטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל אַרְיֵה דְבֵּי עִילָאָה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, [עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, מֶען זָאגְט אוֹיף אִים נִפְלָאוֹת, מֶענְטְשְׁן פַאְרְצֵיילְן פַאְרְשִׁידֶענֶע מוֹפְתִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶע׳פּוֹעֵלְ׳ט, אֲפִילוּ בַּיי זַיין צִיּוּן, עֶר לִיגְט אִין בְּרִיגְל,] אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיידֶעם בַּיים הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָבֶּער קוֹדֶם אִיז עֶר גֶעוֶוען אַן אֵיידֶעם בַּיי אַ גְבִיר, אוּן עֶר אִיז גֶעזֶעצְן אוּן גֶעלֶערְנְט, אוּן זַיין וַוייבּ הָאט גֶעהַאט אַ סְטָאר, וַוייל זִי אִיז גֶעוֶוען אַ גְבִיר׳ס טָאכְטֶער, אוּן זִי הָאט גוּט פַאְרְשְׁטַאנֶען צוּ בִּיזְנֶעס, אֵיינְמָאל אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אַ גוֹי׳טֶע אוּן אַיינְגֶעקוֹיפְט דָארְטְן סְחוֹרָה, אוּן וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ בַּאצָאלְן, הָאט זִי נָאר גֶעהַאט גְרוֹיס גֶעלְט, אוּן זַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט צוּ גֶעבְּן רֶעשְׁט [טְשֶׁענְדְזְשׁ],

# קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

הָאט זִי גֶעבֶּעטְן אִיר מַאן: זַיי מוֹחֵל, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיפְן גֶעשֶׁעפְט, אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער צוּם שָׁכֵן׳ס גֶעשֶׁעפְט דָאס אוֹיפְצוּטוֹישְׁן, אִיז עֶר וַוייטֶער גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט דָארְט, פְּלוּצְלִינְג בַּאמֶערְקְט עֶר רַחְמָנָא לִצְּלָן, אַז אַן עֲרֵלִית אִיז אִין שְׁטוּבּ, אִיז עֶר גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעטַאנְצְן פוּן פֶּענְצְטֶער, [וַוייל ׳אִיסוּר יִחוּד׳ אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ, אוּן עֶס אִיז דָא וָואס זָאגְן אֲפִילוּ אַז דָאס אִיז אַ ׳אִיסוּר דְאוֹרַיְיתָא׳], וֶוען זִי קוּמְט צוּרִיק, זֶעהְט זִי אַז דִי גוֹי׳טֶע דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אוּן בַּאטְרַאכְט דִי סְחוֹרָה, פְרֶעגְט זִי: וואוּ אִיז מַיין מַאן דֶער בַּטְלָן?! וַוייזְט אִיר דִי עֲרֵלִית אַז עֶר אִיז אִינְדְרוֹיסְן, הָאט זִי זִיךְ גֶענוּמֶען שְׁרַייעֶן אוֹיף אִים: הָאסְט מִיר דָאךְ מַפְקִיר גֶעוֶוען דָאס גַאנְצֶע פַּארְמֶעגְן! זִי וָואלְט גֶעקֶענְט צוּזַאם נֶעמֶען אַלֶע סְחוֹרוֹת וְכוּ׳ אוּן נֶעְלָם וֶוערְן! אוּן זִי הָאט גֶעזָאגְט אַז זִי ווִיל זִיךְ גֶעט׳ן, זִי דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, זִי הָאט זִיךְ פוּן אִים גֶע׳גֶט רַחְמָנָא לִצְּלָן.

# קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט גָאר אַ גֶערָאטֶענֶע טָאכְטֶער, אַ בַּת יְחִידָה, הָאט עֶר אִים גֶעוָואלְט נֶעמֶען פַּאר אַן אֵיידֶעם, אָבֶּער דִי רֶעבֶּעצִין הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט, זִי הָאט גֶע׳טַעְנֶה׳ט: מַיין בַּת יְחִידָה זָאל נֶעמֶען אַ גָרוּשׁ?! אָבֶּער דִי טָאכְטֶער הָאט גֶעזָאגְט: מַאמֶע! דָאס אִיז מַיין זִיווּג. אוּן וְוִיבַּאלְד דִי טָאכְטֶער הָאט זִיךְ אַיין גֶע׳עַקְשְׁנֶ׳ט אִיז גֶעוָוארְן דִי שִׁידוּךְ, אוּן זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ אֵיידֶעם בַּיים הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶעמָאלְטְס אִיז נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן זַיין גְרוֹיסְקֵייט.

אָבֶּער וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן מֵיידְלֶעךְ הָאט מֶען אִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט: דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען אַ גָרוּשׁ! פְלֶעגְט זִי זָאגְן אוּן פַארְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה: דֶער סֵדֶר פוּנֶעם יַם אִיז אַז עֶס גֵייט אַלְץ צוּם בְּרֶעג, אוּן נָאכְדֶעם גֵייט דָאס צוּרִיק, אִין יַם אִיז דָא דֵיימַאנְטְן שְׁטֵיינֶער, וָואס עֶס קוּמְט פוּן אוּנְטְן אַרוֹיף, אוּן דֶער יַם וַוארְפְט דָאס אַרוֹיס.

# קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

וַיְהִי הַיּוֹם, אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַ גוֹי, זֶעהְט עֶר דָארְט לִיגְן בָּאנְדְלֶעךְ, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ דֶער מְצִיאָה: דֶער יַם הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן בָּאנְדְלֶעךְ. עֶר קְלוֹיבְּט דָאס צוּזַאם, עֶר גֵייט אַהֵיים, און עֶר שְׁטֶעלְט צוּ קָאכְן דִי בָּאנְדְלֶעךְ, אָבֶּער עֶס קָאכְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ, עֶר פְּרוּבִּירְט דָאס צוּ קֵייעֶן, און עֶס גֵייט נִישְׁט, גֵייט עֶר אַרַיין צוּם שָׁכֵן אַ אִיד, און בַּאקְלָאגְט זִיךְ: דֶער יַם הָאט מִיר אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן בָּאנְדְלֶעךְ, אָבֶּער עֶס קָאכְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ. זָאגְט אִים דֶער אִיד: וָואס דַארְפְסְטוּ דָאס הָאבְּן, גֶעבּ דָאס פַאר מִיר, און אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן אַנְשְׁטָאטְס דֶעם בֶּעסֶערֶע בָּאנְדְלֶעךְ, וָואס דָאס וֶועסְטוּ קֶענֶען אָפְּקָאכְן און קֶענֶען עֶסְן, עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּהְן און דֶער אִיד אִיז גֶעגַאנְגֶען און פַארְקוֹיפְט דִי טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער און אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר. פְלֶעגְט זִי אוֹיסְפִירְן און זִיךְ בַּארִימֶען: וָואס אַן אַנְדֶערֶער הָאט

## קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

אַוֶועק גֶעוָוארְפְן, דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעכַאפְּט. וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער אַרְיֵה דְבֵי עִילָאָה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעהַאט זַיינֶע דוּרְכְפֶעלֶער, אוּן זַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין לֶעבְּן, אוּן וְויפִּיל מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נָאךְ יֶעצְט לֵיידֶער זֵייעֶרֶע דוּרְכְפֶּעלֶער אוּן נִסְיוֹנוֹת, וֶועגְן דֶעם אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה צוּ גִיסְן זַאלְץ אוֹיף יֶענֶעמְס וואוּנְדְן, אוּן יֶענֶעם אַרָאפּ וַוארְפְן, פַּארְקֶערְט דִי חָכְמָה אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַ מֶענְטְשׁ.

אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן: רֶבִּי יִצְחָק לֵייבּ, עֶר הָאט זִיךְ בַּאנוּצְט מִיט ׳קַבָּלָה מַעֲשִׂיוֹת׳, וָואס דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט: אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט בַּאנוּצְן מִיט דֶעם חָלִילָה, אוּן מֶען קֶען בַּאקוּמֶען דֶערְפַּאר שְׁוֶוערֶע

עוֹנְשִׁים. און עֶר הָאט בַּאוִויזְן דוּרְכְדֶעם אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים.

אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס עֶר הָאט גֶעהֵייסְן זַיינֶע חֲסִידִים: מֶען זָאל אִים נֶעמֶען און אִיבֶּער לֵייגְן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ אוֹיפְן בִּימָה, מַאכְן אַ 'מַשְׁכַּנְתָּא', און גֶעבְּן מַלְקוֹת בָּרַבִּים, מֶען הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּהְן, און מֶען הָאט אִים דוּרְכְדֶעם צוּגֶענוּמֶען אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת, [וַוייל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ קֶענֶען מִשְׁתַּמֵשׁ זַיין מִיט קַבָּלָה מַעֲשִׂיוֹת דַארְף מֶען זַיין אַ מוֹרָא'דִיגֶער בַּעַל מַדְרֵיגָה, בִּפְרַט אַז עֶר הָאט דוּרְכְדֶעם גֶעהָאלְפְן עֲקָרוֹת, און קְרַאנְקֶע זֶענֶען גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן וְכוּ', און פְּלוּצְלוּנְג הָאט מֶען אִים דָאס אַלֶעס צוּגֶענוּמֶען,] אִיז עֶר אַרַיין גֶעפַאלְן אִין אַ 'מָרָה שְׁחוֹרָה', עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁלָאסְן אִין שְׁטוּב וְכוּ', אִיז דִי מִשְׁפָּחָה גֶעגַאנְגֶען מַזְכִּיר זַיין זֵייעֶר פְּרָאבְּלֶעם צוּ אַסַאךְ צַדִיקִים, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: דָאס אִיז אַ

# קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

הַקְפָּדָה פוּן אַ צַדִיק, וָואס דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אַ בִּיס פוּן אַ שְׁלַאנְג - ׳חִוְיָא דְרַבָּנָן׳, וָואס מֶען קֶען דָאס נִישְׁט הֵיילְן.

אַזוֹי וִוי דֶעמָאלְטְס אִיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס נָאמֶען נִתְפַּרְסֵם גֶעוָוארְן, הָאט זִיךְ דִי מִשְׁפָּחָה מְיַישֵׁב גֶעוֶועְן, אַז מֶען וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן, וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן אוּן עֶר הָאט אַלֶעס פַארְצֵיילְט, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט, דִי וֶוערְטֶער: אִיז דֶען אַ קוּנְץ אַ אִיד אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן?! אַ קוּנְץ אִיז, אַ אִיד אוֹיפְצוּהֵייבְן! אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ מִיט אִים פַארְשְׁלָאסְן, אוּן עֶר הָאט אִים צוּרִיק גֶעגֶעבְן אַלֶע מַדְרֵיגוֹת בִּקְדוּשָׁה; אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן, אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַזַאלֶעכֶע מַדְרֵיגוֹת, אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט תּוֹרָה, הָאט עֶר זִיךְ גֶעדַארְפְט פַארְמַאכְן דִי אוֹיעֶרְן, וַוייל בַּיי אַ יֶעדֶע וָוארְט

## קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן הָאט עֶר גֶעשְׁפִּירְט מַמָּשׁ וִוי עֶר גֵייט אוֹיס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָּאל גֶעזָאגְט פַּאר רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן שעא): וֶוען אִיךְ זָאל אִים זָאגְן הֶעלְפְט פוּן דִי שִׂיחוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט, וָואלְט עֶר פַארְבְּרֶענְט זִיךְ מִיט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע גֶעפִיל אִינֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

אַמָּאל אִיז עֶר מִיט רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן נָאךְ פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט גֶעפָארְן אוֹיפְן וָואגְן צוּזַאמֶען מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אִינְמִיטְן וֶועג גֶעט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַ טְרֵייסְל, אוּן פְרֶעגְט: וֶוער הָאט גֶעזֶעהְן?! קֵיינֶער הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזֶעהְן, נָאר רֶבִּי יִצְחָק לֵייבּ רוּפְט זִיךְ אָן: אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוִויזְן עֶר זָאל זַיין שְׁטִיל.

## קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

אוֹיךְ הָאט אַמָאל פַּאסִירְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעפָארְן אוֹיפְן וֶועג אִינְמִיטְן וַואלְד, אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַ מִקְוֶה, אִיז רֶבִּי יִצְחָק לֵייבּ אַרָאפּ אוּן גֶעמַאכְט אַ רִינְג, אוּן הָאט דָארְט אוֹיפְגֶעגְרָאבְן, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן דָארְט אַ קְוַואל, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַרָאפּ זִיךְ טוֹבֵל׳ען דָארְט, אוּן רֶבִּי יִצְחָק לֵייבּ הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעוָואלְט טוֹבֵל׳ען, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: יִצְחָק לֵייבּ, דוּ נִישְׁט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אִים זֵייעֶר מְקַנֵא גֶעוֶועזְן, אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן דוּרְכ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן צוּ אַזֶעלְכֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן הַשָׂגוֹת, הָאט רֶבִּי יִצְחָק לֵייבּ אַמָאל גֶעזָאגְט פַּאר רֶבִּי נָתָן, דִי וֶוערְטֶער: גְלֵייבּ מִיר, אַז אַלֶע מַיינֶע הַשָׂגוֹת אוּן מַדְרֵיגוֹת, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מִיר צוּרִיק גֶעגֶעבְן בִּקְדוּשָׁה, קוּמְט נִישְׁט צוּ, צוּ דַיינֶע דִיבּוּרִים; וַוייל צוּ הֶעלְפְן אַ בַּעַל בְּחִירָה אִיז מֶער פוּן אַלֶע הַשָׂגוֹת מִיט אַלֶע מַדְרֵיגוֹת וְכוּ׳.

## קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

וֶוער עֶס לֶערְנְט לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת זֶעהְט עֶר וִוי אַלֶע וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן אִיז נָאר הִתְחַזְקוּת, מְחַיֶּה זַיין אוּן מְחַזֵּק זַיין יֶעדְן אִיד, וַוייל דָאס אִיז דֶער שְׁלִיסְל וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, נָאר מְחַזֵּק זַיין אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן.

אוּן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה, מְחַזֵּק זַיין אַ צְוֵוייטְן אִיד, אוּן אֲפִילוּ אִיךְ אַלֵיין בִּין צוּבְּרָאכְן, אָבֶּער דוּרְכְדֶעם וָואס אִיךְ בִּין מְחַזֵּק אַ צְוֵוייטְן, וֶועט עֶס מִיר אוֹיךְ מְחַזֵּק זַיין, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ק״ו): כְּדֵי אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַלֵיין קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן קוּמֶען צוּ ׳גַּדְלוּת הַמּוֹחִין׳, אִיז דִי עֵצָה, עֶר זָאל מְחַזֵּק זַיין אַן אַנְדֶערְן. אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קפ״ד): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט מִיט אַנְדֶערֶע, קוּמֶען דִי וֶוערְטֶער צוּרִיק צוּ זִיךְ, אוּן אֲפִילוּ יֶענֶער וֶועט נִישְׁט

## קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

אָנְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער, וֶועט דָאס אָבֶּער אִים אַלֵיין מְחַזֵק זַיין.

דֶערְפַאר יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן 'שׁוֹבָבִים', אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער תִּיקוּן מְקַרֵב צוּ זַיין נָאךְ אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן יד): אוֹיפְן פָּסוּק (יִרְמְיָהוּ טו, יט): **אִם תּוֹצִיא יָקָ"ר מִזּוֹלֵל.** וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף, אַז מֶען זָאל מְקַרֵב זַיין אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (בָּבָא מְצִיעָא פה ע"א), אַז דִי אוֹתִיוֹת יָקָ"ר אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיוֹת וִוי קֶרִ"י, וַוייל דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער תִּיקוּן אוֹיף **'פְּגַם הַבְּרִית'**, מְקַרֵב צוּ זַיין אַנְדֶערֶע אִידְן.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל הֶעלְפְן, אַז מִיר זָאלְן אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סֵפֶר מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַתְמָדָה, אוּן מֶען דַארְף אַזוֹיפִיל לֶערְנֶען לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן בִּיז עֶס זָאל לִיגְן אִין דִי בְּלוּט, אַז מֶען

# קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

זָאל אוֹיפְשְׁנַיידְן אַ אָדֶער, זָאל נִישְׁט קוּמֶען קַיין בְּלוּט נָאר עֶס זָאל קוּמֶען לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. אוּן דָאס זָאל אִים זַיין אַזוֹי וִוי דִי 'אוּרִים וְתוּמִים', אוּן אַזוֹי אוֹיךְ זָאל מֶען לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל לִקוּטֵי הֲלָכוֹת, בִּיז מֶען זָאל שׁוֹין הָאבְּן אַזוֹיפִיל הִתְחַזְקוּת, אַז מֶען זָאל נָאךְ קֶענֶען אִיבֶּערְגִיסְן פַאר יֶענֶעם אוֹיךְ הִתְחַזְקוּת, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת ד, א): אֵיזֶהוּ מְכוּבָּד? הַמְכַבֵּד אֶת הַבְּרִיוֹת; דָאס הֵייסְט, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַזוֹיפִיל חִיזוּק אוּן כָּבוֹד, אַז עֶר דַארְף שׁוֹין נִישְׁט אַז מֶען זָאל אִים מְכַבֵּד זַיין, נָאר פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, עֶר וֶועט גֶעבְּן כָּבוֹד פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, וַוייל בַּיי אִים גִיסְט זִיךְ שׁוֹין אִיבֶּער דִי כָּבוֹד, וֶועגְן דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז יֶעדְן מְכַבֵּד אוּן מְחַזֵּק, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע כָּבוֹד.

# קְלַאפּ מִיר נִישְׁט אַרָאפּ

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין קוּמֶען צוּ דֶעם.

**~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~**

# מַפְתֵּחַ שְׁמוֹת אֲנָשִׁים וּסְפָרִים

**הָרֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ מְלִיזֶענְסְק זי״ע**
עָמוּד..................18
עָמוּד..................91

**רֶבִּי אַייזִיקְל קַאלוּבֶער זי״ע**
עָמוּד..................371

**רֶבִּי אִיסָר זַלְמָן מֶעלְצֶער זי״ע**
עָמוּד..................289

**רֶבִּי אַהֲרֹן רָאטְה זי״ע**
עָמוּד.................. 354

**אַנְשֵׁי יְרוּשַׁלְמִיִּים**
עָמוּד..................290

**אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ**
עָמוּד..................134
עָמוּד..................159
עָמוּד.................. 384

**אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִטְשֶׁערִין**
עָמוּד..................374

**אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ זי״ע**
עָמוּד......................7
עָמוּד.................. 47
עָמוּד..................200
עָמוּד..................221
עָמוּד..................222
עָמוּד..................298
עָמוּד.................. 318
עָמוּד.................. 443

**אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ זי״ע**
עָמוּד..................53

**אוֹר הַגָּנוּז**
עָמוּד..................39

**אַגְרָא דְפִרְקָא**
עָמוּד..................32

## מַפְתֵּחַ שְׁמוֹת אֲנָשִׁים וּסְפָרִים ב


**אָדְל בַּת הבעש״ט זי״ע**
עָמוּד..................188
עָמוּד................. 359

**ר׳ אֲבִיגְדוֹר חֲתַן הַגָּאוֹן רֶבִּי אַלְטָר מִפּוֹילִן**
עָמוּד..................112

**אֶחָד מֵאַנַ״שׁ מֵאוּמַאן**
עָמוּד..................274

**רֶבִּי אַלְטָר בֶּנְצִיוֹן זַ״ל**
עָמוּד....................76

**רֶבִּי אֵלִיָּהוּ רָאטְה זַ״ל**
עָמוּד..................234

**אַרְיֵה דְּבֵי עִילָאָה זי״ע**
עָמוּד ..................439

**רֶבִּי אֶלְעָזָר מִלִּיזֶ׳ענְסְק זי״ע**
עָמוּד....................19

**בְּאֵר הֵיטֵב**
עָמוּד..................200

**רֶבִּי בִּנְיָמִין שִׁיק אֲבַ״ד טָאקַאי זי״ע**
עָמוּד..................438

**בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי״ע**
עָמוּד....................39
עָמוּד....................80
עָמוּד..................181
עָמוּד..................198
עָמוּד..................258
עָמוּד..................259
עָמוּד..................323
עָמוּד..................335
עָמוּד.................. 353
עָמוּד..................359
עָמוּד..................425

**בְּאֵר מַיִם חַיִּים זי״ע**
עָמוּד..................249
עָמוּד..................351

**בַּעֲלֵי מוּסָר**
עָמוּד...................64

**רֶבִּי בָּרוּךְ אֶפְרָיִם זַ"ל מְחַבֵּר סֵפֶר "בְּאִבֵּי הַנַּחַל"**
עָמוּד..................385

**בְּנֵי יִשָּׂשְׂכָר**
עָמוּד..................269
עָמוּד..................275

**בַּעַל הַתַּנְיָא זי"ע**
עָמוּד...................4
עָמוּד ................143
עָמוּד..................158
עָמוּד..................335

**גָּלְיַת הַפְּלִישְׁתִּי**
עָמוּד..................170

**גֵּר צֶדֶק**
עָמוּד..................394

**רֶבִּי דָוִד אֲבַ"ד קַארְלִין זי"ע**
עָמוּד ................243

**רֶבִּי דָוִד צְבִי מֵאַנַ"שׁ**
עָמוּד ................100

**הַיְהוּדִי בְּמַדְרֵגַת רֶבִּי עֲקִיבָא**
עָמוּד ................266

**הַיְהוּדִי שֶׁעָשָׂה סִיּוּם הַגָּדוֹל**
עָמוּד..................263

**הַלַּמְדָן וְהַחָרִיף שֶׁהִתְנַגֵּד עַל בעש"ט זי"ע**
עָמוּד..................259

**הַמְשׁוּלָּח מִיְשִׁיבַת נֶעוָואַרְדִיק**
עָמוּד..................243

**אֲבַ״ד וואוֹידֶעסְלָאוו זי״ע**
עָמוּד..................242
עָמוּד ................. 383

**רֶבִּי זֶעלִיג רְאוּבֵן בֶּענְגִיס זי״ע**
עָמוּד ................288

**חֲזוֹן אִישׁ זי״ע**
עָמוּד..................285

**חִידוּשֵׁי הָרִי״ם זי״ע**
עָמוּד..................229

**רֵבִּי חַיִּים צַאנְזֶער זי״ע**
עָמוּד..................239

**חִידָ״א זי״ע**
עָמוּד...........225, 230

**חַכְמֵי בְּרָאד**
עָמוּד..................237

**רֶבִּי חַיִּים בִּנְיָמִין בְּרָאד ז״ל**
עָמוּד..................300

**רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל זי״ע**
עָמוּד..................131
עָמוּד ................. 222

**חָסִיד בְּרֶסְלֶב**
עָמוּד..................122
עָמוּד ................. 152
עָמוּד..................330

**חָפֵץ חַיִּים זי״ע**
עָמוּד..................205
עָמוּד ................. 244

**חַתַם סוֹפֵר זי״ע**
עָמוּד....................13

**רֵבִּי יוֹסֵף יִצְחָק מְלִיוּבַּאוִויטְשׁ זי״ע**
עָמוּד ................. 215

רֶבִּי יְשַׁעְיָה מְאַלֶעסְק זי״ע
עָמוּד ................. 440

רֶבִּי יַעֲקֹב קָאפְּל זי״ע
עָמוּד.................353

רֶבִּי יַעֲקֹב גַאלִינְסְקִי שְׁלִיטָ״א
עָמוּד.................302
עָמוּד.................303

רֶבִּי יִשָּׂכָר דֹּב מִבֶּעלְז זי״ע
עָמוּד ..................... 6

רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זַצַ״ל
עָמוּד...................76
עָמוּד ................ 429

יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי״ע
עָמוּד.................439

רֶבִּי יוֹסֵף שְׁמוּאֵל מִפְרַאנְקְפוּרְט זי״ע
עָמוּד.................148

יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל הָאַדְמוֹ״ר מֵאַלֶכְּסַנְדֶר זי״ע
עָמוּד.................112

רֶבִּי יִצְחָק לֵייבּ תַּלְמוּד רַבֵּנוּ זי״ע
עָמוּד.................443
עָמוּד ................ 446
עָמוּד.................447

כּוֹס הַיְשׁוּעוֹת
עָמוּד.................148

כִּתְבֵי אֲרִ״י זַ״ל
עָמוּד...................39

רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק מִבַּארְדִיטְשׁוּב זי״ע
עָמוּד...................18

# מַפְתֵּחַ שְׁמוֹת אֲנָשִׁים וּסְפָרִים ו


עָמוּד..................19
עָמוּד..................33
עָמוּד..................221
עָמוּד..................395

**לִיקוּטֵי אֲמָרִים**
עָמוּד..................158

**רֶבִּי מֵאִיר שַׁפִּירָא זצ״ל**
עָמוּד..................14
עָמוּד..................384

**מַהֲרַ״ל מִפְּרָאג זי״ע**
עָמוּד..................185

**רֶבִּי מִיכְל (בֶּן רֶבִּי יִצְחָק בֶּן מוֹהַרְנַ״ת)**
עָמוּד..................146

**מַהַרְשָׁ״א זי״ע**
עָמוּד..................197

**הַמַּגִּיד הַגָּדוֹל מִמֶּעזְרִיטְשׁ זי״ע**
עָמוּד..................4
עָמוּד..................34
עָמוּד..................198
עָמוּד..................335
עָמוּד.................. 395

**מַגִּיד אֶחָד**
עָמוּד..................107

**רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל מֵרִימֶענָאוו זי״ע**
עָמוּד..................213

**רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל מְוִויטֶעפְּסְק זי״ע**
עָמוּד..................251

**הַמִּנְחַת אֶלְעָזָר מִמּוּנְקַאטְשׁ זי״ע**
עָמוּד..................319

**מַלְבִּי״ם זי״ע**
עָמוּד.................12

**מְסוֹרֶת הַשַׁ״ס**
עָמוּד.................148

**רֶבִּי מֹשֶׁה מַאנְטִיפְיוּרִי זַ״ל**
עָמוּד.................17

**אֲבַ״ד נַאסוֹיד זי״ע**
עָמוּד.................227

**נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ**
עָמוּד.................278

**רֶבִּי נַחְמָן מִטוּלְטְשִׁין זי״ע**
עָמוּד.................153

**רֶבִּי נַחְמָן אֲבַ״ד טְשֶׁערִין זי״ע**
עָמוּד.................374

**נַעֲמָה שָׂרָה ע״ה אֵם מוֹהֲרְנַ״ת זי״ע**
עָמוּד.................218

**רֶבִּי נַפְתָּלִי תַּלְמוּד רַבֵּינוּ זי״ע**
עָמוּד ................382

**רֶבִּי נָתָן בֶּן רֶבִּי יְהוּדָה זַצַ״ל תַּלְמוּד רֶבִּי נָתָן זי״ע**
עָמוּד.................385

**אַדְמוּ״ר מִסַּאטְמַאר זי״ע**
עָמוּד.................227
עָמוּד.................349

**סֵפֶר יְצִירָה**
עָמוּד.................139

**סִיפּוּרִים מֵאַנַ״שׁ**
עָמוּד.................330
עָמוּד.................351

# מַפְתֵּחַ שְׁמוֹת אֲנָשִׁים וּסְפָרִים

**סֵפֶר הַחַיִּים אָחִי מַהֲרַ״ל מִפְּרָאג**
עָמוּד................. 234

**פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ זי״ע**
עָמוּד................. 198

**הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִצַּאנְז זי״ע**
עָמוּד................. 312

**רֶבִּי צְבִי בֶּן הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע**
עָמוּד................ 359

**הַצֶּמַח צֶדֶק מְלִיבַּאוִויטְשׁ זי״ע**
עָמוּד..................384

**גַּאֲבַ״ד צֶעלִים זי״ע**
עָמוּד..................349

**צַדִּיק גָּדוֹל**
עָמוּד..................444

**קַב הַיָּשָׁר**
עָמוּד....................60

**אַדְמוֹ״ר מְרוּזִין זי״ע**
עָמוּד..................154

**רַמְבַּ״ם זי״ע**
עָמוּד..................311
עָמוּד..................398

**הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִרָאפְּשִׁיץ זי״ע**
עָמוּד..................188

**הַשַּׂר שָׁלוֹם מִבֶּעלְז זי״ע**
עָמוּד....................49
עָמוּד..................114

**רֶבִּי שְׁמוּאֵל שָׁאטִין זי״ע**
עָמוּד..................148

**רֶבִּי שְׁלֹמֹה'קֶע זֶעוִוילֶער זי"ע**
עָמוּד..................186
עָמוּד..................234

**רֶבִּי שָׁלוֹם דוּבֶּער מְלִיבַּאוִויטְשׁ זי"ע**
עָמוּד..................215

**הָרַב שַׁ"ךְ זצ"ל**
עָמוּד..................303

**שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ**
עָמוּד..................326

**שִׁמְעוֹן הַחַזָּן בְּטְשֶׁערְנָאוִויץ**
עָמוּד..................352

**שַׁעֲרֵי אוֹרָה**
עָמוּד..................138

**תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף זי"ע**
עָמוּד..................425

**תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע**
עָמוּד.................. 323

**תַּלְמִידֵי חַתַם סוֹפֵר זי"ע**
עָמוּד....................15

# הספר
# הקדוש הזה

נדפס לטובת נשמת בעל מחבר
של הספר הזה מאור עינינו,
חיות נפשינו, עטרת ראשינו, כבוד
קדושת מרן הגה"ק רבי

## אליעזר שלמה

בן רבי

## מנחם זאב

זצוקללה"ה
נלב"ע י"ד שבט תשע"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**

**איר קֶענְט יֶעצְט הָאבְּן דִי זֶעלְטֶענֶע זְכוּת צוּ מְקָרֵב זַיין אִידְן לְאָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם**
**אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג, דוּרְךְ מְנַדֵב זַיין צוּ דְרוּקְן אַ סֵפֶר אִינֶעם "בֵּית הַדְפוּס".**

# צוּ וֵוייסְט אִיר???

...אַז דִי חָשׁוּב'סְטֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז צוּ מְקָרֵב זַיין אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (זוֹהַר הַקָדוֹשׁ תְּרוּמָה קכ"ח:)?

...אַז דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים זֶענֶען דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן דֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר (אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ג' מִכְתָּב שנ"ב)?

...אַז הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן זֶענֶען שׁוֹין צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים (אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק א' מִכְתָּב נ')?

...אַז יֶעדֶע דָאלֶער וָואס אִיר גֶעבְּט פַארְן בֵּית הַדְפוּס, זֶענְט אִיר מְקָרֵב מִיט דֶעם נָאךְ אַ אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק א' מִכְתָּב נ')?

...אַז וֶוען אֵיינֶער מַאכְט אַז אַ צְוֵוייטֶער אִיד זָאל תְּשׁוּבָה טוּהן, אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תמ"ז)?

...אַז מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א זָאגְט צוּ אַז וֶוער עֶס וֶועט מְנַדֵב זַיין צוּ דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה מִיט וָואס עֶר דַארְף (אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק א' מִכְתָּב כ"ב)?

...אַז הוּנְדֶערְטֶער אִידְן זָאגְן עֵדוּת אוֹיף גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶבַע וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן דוּרְכְ'ן מְנַדֵב זַיין צוּ דְרוּקְן "אֲשֶׁר בַּנַּחַל"?

ברסלב
קרן הדפסה מהיכל הקודש
להדפסת והפצת ספרי רבינו ותלמידיו הקדושים בעולם

## לָאזְט נִישְׁט אַרוֹיס דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גֶעלֶעגְנְהַייט,

רוּפְט שׁוֹין אַרַיין אִין אָפִּיס, מִיט אַ שֵׁיינֶע נְדָבָה, אוּן הָאט דֶעם גְרוֹיסְן זְכוּת צוּ מְקָרֵב זַיין אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גְלַייכְצַייטִיג וֶועט אִיר אִין דֶעם זְכוּת גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט

**יְשׁוּעוֹת וּרְפוּאוֹת, נַחַת פוּן קִינְדֶער, שִׁידוּכִים, אוּן נָאךְ.**

**רוּפְט שׁוֹין 845-481-3321**

סוד ה׳ ליראיו ובריתו להודיעם זה שמו נאה לו

תקון נורא ונפלא מאד מאד
לכלליות החטאים
והוא פגם הברית, רחמנא לצלן

ברסלב

ומסגל מאד גם לפרנסה ולהצלחה
בכל הענינים בגשמיות וברוחניות
אשרי מי שיאמרם בכל יום

# תיקון הכללי

יסדו, תקנו, גלו וצוה לפרסמו לכל ישראל
רבנו הקדוש והנורא אור הגנוז והצפון
בוצינא קדישא עלאה, אדוננו, מורנו ורבינו
**רבי נחמן מברסלב, זכותו יגן עלינו**

הובא לדפוס על-ידי
חסידי ברסלב
עיה"ק ירושלים תובב"א

היכל הקודש

טוב לומר זאת לפני אמירת העשרה מזמורים:

הֲרֵינִי מְקַשֵּׁר עַצְמִי בַּאֲמִירַת הָעֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים אֵלּוּ לְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ, וּלְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שׁוֹכְנֵי עָפָר, קְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה, וּבִפְרָט לְרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, **רַבֵּנוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא**, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שֶׁגִּלָּה תִּקּוּן זֶה.

לְכוּ נְרַנְּנָה לַיהוָה נָרִיעָה לְצוּר יִשְׁעֵנוּ: נְקַדְּמָה פָנָיו בְּתוֹדָה בִּזְמִירוֹת נָרִיעַ לוֹ: כִּי אֵל גָּדוֹל יְהוָה וּמֶלֶךְ גָּדוֹל עַל כָּל אֱלֹהִים:

קודם שיתחיל תהלים יאמר זה:

הֲרֵינִי מְזַמֵּן אֶת פִּי לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל וּלְשַׁבֵּחַ אֶת בּוֹרְאִי לְשֵׁם יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ עַל־יְדֵי הַהוּא טָמִיר וְנֶעְלָם בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל:

טז א מִכְתָּם לְדָוִד שָׁמְרֵנִי אֵל כִּי־חָסִיתִי בָךְ:
ב אָמַרְתְּ לַיהוָה אֲדֹנָי אָתָּה טוֹבָתִי בַּל־עָלֶיךָ:
ג לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר־בָּאָרֶץ הֵמָּה וְאַדִּירֵי כָּל־חֶפְצִי־
בָם: ד יִרְבּוּ עַצְּבוֹתָם אַחֵר מָהָרוּ בַּל־אַסִּיךְ
נִסְכֵּיהֶם מִדָּם וּבַל־אֶשָּׂא אֶת־שְׁמוֹתָם עַל־שְׂפָתָי:
ה יְהוָה מְנָת־חֶלְקִי וְכוֹסִי אַתָּה תּוֹמִיךְ גּוֹרָלִי:
ו חֲבָלִים נָפְלוּ־לִי בַּנְּעִמִים אַף־נַחֲלָת שָׁפְרָה עָלָי:
ז אֲבָרֵךְ אֶת־יְהוָה אֲשֶׁר יְעָצָנִי אַף־לֵילוֹת יִסְּרוּנִי
כִלְיוֹתָי: ח שִׁוִּיתִי יְהוָה לְנֶגְדִּי תָמִיד כִּי מִימִינִי
בַּל־אֶמּוֹט: ט לָכֵן | שָׂמַח לִבִּי וַיָּגֶל כְּבוֹדִי אַף־
בְּשָׂרִי יִשְׁכֹּן לָבֶטַח: י כִּי | לֹא־תַעֲזֹב נַפְשִׁי לִשְׁאוֹל
לֹא־תִתֵּן חֲסִידְךָ לִרְאוֹת שָׁחַת: יא תּוֹדִיעֵנִי אֹרַח
חַיִּים שֹׂבַע שְׂמָחוֹת אֶת־פָּנֶיךָ נְעִמוֹת בִּימִינְךָ
נֶצַח:

לב א לְדָוִד מַשְׂכִּיל אַשְׁרֵי נְשׂוּי־פֶּשַׁע כְּסוּי חֲטָאָה׃
ב אַשְׁרֵי־אָדָם לֹא יַחְשֹׁב יְהוָה לוֹ עָוֺן וְאֵין
בְּרוּחוֹ רְמִיָּה׃ ג כִּי־הֶחֱרַשְׁתִּי בָּלוּ עֲצָמָי בְּשַׁאֲגָתִי
כָּל־הַיּוֹם׃ ד כִּי ׀ יוֹמָם וָלַיְלָה תִּכְבַּד עָלַי יָדֶךָ נֶהְפַּךְ
לְשַׁדִּי בְּחַרְבֹנֵי קַיִץ סֶלָה׃ ה חַטָּאתִי אוֹדִיעֲךָ וַעֲוֺנִי
לֹא־כִסִּיתִי אָמַרְתִּי אוֹדֶה עֲלֵי פְשָׁעַי לַיהוָה וְאַתָּה
נָשָׂאתָ עֲוֺן חַטָּאתִי סֶלָה׃ ו עַל־זֹאת יִתְפַּלֵּל
כָּל־חָסִיד ׀ אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹא רַק לְשֵׁטֶף מַיִם רַבִּים
אֵלָיו לֹא יַגִּיעוּ׃ ז אַתָּה ׀ סֵתֶר לִי *) מִצַּר תִּצְּרֵנִי
רָנֵּי פַלֵּט תְּסוֹבְבֵנִי סֶלָה׃ ח אַשְׂכִּילְךָ ׀ וְאוֹרְךָ
בְּדֶרֶךְ־זוּ תֵלֵךְ אִיעֲצָה עָלֶיךָ עֵינִי׃ ט אַל־תִּהְיוּ ׀
כְּסוּס כְּפֶרֶד אֵין הָבִין בְּמֶתֶג־וָרֶסֶן עֶדְיוֹ לִבְלוֹם
בַּל קְרֹב אֵלֶיךָ׃ י רַבִּים מַכְאוֹבִים לָרָשָׁע וְהַבּוֹטֵחַ
בַּיהוָה חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ׃ יא שִׂמְחוּ בַיהוָה וְגִילוּ
צַדִּיקִים וְהַרְנִינוּ כָּל־יִשְׁרֵי־לֵב׃

מא א לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד׃ ב אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל־
דָּל בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ יְהוָה׃ ג יְהוָה ׀ יִשְׁמְרֵהוּ
וִיחַיֵּהוּ וְאֻשַּׁר בָּאָרֶץ וְאַל־תִּתְּנֵהוּ בְּנֶפֶשׁ אֹיְבָיו׃
ד יְהוָה יִסְעָדֶנּוּ עַל־עֶרֶשׂ דְּוָי כָּל־מִשְׁכָּבוֹ הָפַכְתָּ
בְחָלְיוֹ׃ ה אֲנִי־אָמַרְתִּי יְהוָה חָנֵּנִי רְפָאָה נַפְשִׁי
כִּי־חָטָאתִי לָךְ׃ ו אוֹיְבַי יֹאמְרוּ רַע לִי מָתַי יָמוּת
וְאָבַד שְׁמוֹ׃ ז וְאִם־בָּא לִרְאוֹת ׀ שָׁוְא יְדַבֵּר לִבּוֹ

---

*) אחר אתה סתר לי — צריך להפסיק מעט (עיין בלקו״מ ח״א סי׳ ריג)

יִקְבָּץ־אָוֶן לוֹ יֵצֵא לַחוּץ יְדַבֵּר: ח יַחַד עָלַי יִתְלַחֲשׁוּ
כָּל־שֹׂנְאָי עָלַי | יַחְשְׁבוּ רָעָה לִי: ט דְּבַר־בְּלִיַּעַל
יָצוּק בּוֹ וַאֲשֶׁר שָׁכַב לֹא־יוֹסִיף לָקוּם: י גַּם־אִישׁ
שְׁלוֹמִי | אֲשֶׁר־בָּטַחְתִּי בוֹ אוֹכֵל לַחְמִי הִגְדִּיל עָלַי
עָקֵב: יא וְאַתָּה יְהֹוָה חָנֵּנִי וַהֲקִימֵנִי וַאֲשַׁלְּמָה לָהֶם:
יב בְּזֹאת יָדַעְתִּי כִּי־חָפַצְתָּ בִּי כִּי לֹא־יָרִיעַ אֹיְבִי
עָלָי: יג וַאֲנִי בְּתֻמִּי תָּמַכְתָּ בִּי וַתַּצִּיבֵנִי לְפָנֶיךָ
לְעוֹלָם: יד בָּרוּךְ יְהֹוָה | אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מֵהָעוֹלָם
וְעַד־הָעוֹלָם אָמֵן | וְאָמֵן:

מב א לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לִבְנֵי־קֹרַח: ב כְּאַיָּל תַּעֲרֹג
עַל־אֲפִיקֵי־מָיִם כֵּן נַפְשִׁי תַעֲרֹג אֵלֶיךָ אֱלֹהִים:
ג צָמְאָה נַפְשִׁי | לֵאלֹהִים לְאֵל חָי מָתַי אָבוֹא
וְאֵרָאֶה פְּנֵי אֱלֹהִים: ד הָיְתָה־לִּי דִמְעָתִי לֶחֶם יוֹמָם
וָלָיְלָה בֶּאֱמֹר אֵלַי כָּל־הַיּוֹם אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: ה אֵלֶּה
אֶזְכְּרָה | וְאֶשְׁפְּכָה עָלַי | נַפְשִׁי כִּי אֶעֱבֹר | בַּסָּךְ
אֶדַּדֵּם עַד־בֵּית אֱלֹהִים בְּקוֹל־רִנָּה וְתוֹדָה הָמוֹן
חוֹגֵג: ו מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי | נַפְשִׁי וַתֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִלִי
לֵאלֹהִים כִּי־עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעוֹת פָּנָיו: ז אֱלֹהַי עָלַי
נַפְשִׁי תִשְׁתּוֹחָח עַל־כֵּן אֶזְכָּרְךָ מֵאֶרֶץ יַרְדֵּן
וְחֶרְמוֹנִים מֵהַר מִצְעָר: ח תְּהוֹם־אֶל־תְּהוֹם קוֹרֵא
לְקוֹל צִנּוֹרֶיךָ כָּל־מִשְׁבָּרֶיךָ וְגַלֶּיךָ עָלַי עָבָרוּ:
ט יוֹמָם | יְצַוֶּה יְהֹוָה | חַסְדּוֹ וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי
תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי: י אוֹמְרָה | לְאֵל סַלְעִי לָמָה

שְׁכַחְתָּנִי לָמָּה־קֹדֵר אֵלֵךְ בְּלַחַץ אוֹיֵב׃ יא בְּרֶצַח ׀
בְּעַצְמוֹתַי חֵרְפוּנִי צוֹרְרָי בְּאָמְרָם אֵלַי כָּל־הַיּוֹם
אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ׃ יב מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי ׀ נַפְשִׁי וּמַה־תֶּהֱמִי
עָלָי הוֹחִילִי לֵאלֹהִים כִּי־עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעֹת פָּנַי
וֵאלֹהָי׃

נט א לַמְנַצֵּחַ אַל־תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם בִּשְׁלֹחַ
שָׁאוּל וַיִּשְׁמְרוּ אֶת־הַבַּיִת לַהֲמִיתוֹ׃ ב הַצִּילֵנִי
מֵאֹיְבַי ׀ אֱלֹהָי מִמִּתְקוֹמְמַי תְּשַׂגְּבֵנִי׃ ג הַצִּילֵנִי
מִפֹּעֲלֵי אָוֶן וּמֵאַנְשֵׁי דָמִים הוֹשִׁיעֵנִי׃ ד כִּי הִנֵּה
אָרְבוּ לְנַפְשִׁי יָגוּרוּ עָלַי עַזִּים לֹא־פִשְׁעִי וְלֹא־
חַטָּאתִי יְהוָה׃ ה בְּלִי־עָוֺן יְרֻצוּן וְיִכּוֹנָנוּ עוּרָה
לִקְרָאתִי וּרְאֵה׃ ו וְאַתָּה יְהוָה־אֱלֹהִים ׀ צְבָאוֹת
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הָקִיצָה לִפְקֹד כָּל־הַגּוֹיִם אַל־תָּחֹן
כָּל־בֹּגְדֵי אָוֶן סֶלָה׃ ז יָשׁוּבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב
וִיסוֹבְבוּ עִיר׃ ח הִנֵּה ׀ יַבִּיעוּן בְּפִיהֶם חֲרָבוֹת
בְּשִׂפְתוֹתֵיהֶם כִּי־מִי שֹׁמֵעַ׃ ט וְאַתָּה יְהוָה תִּשְׂחַק־
לָמוֹ תִּלְעַג לְכָל־גּוֹיִם׃ י עֻזּוֹ אֵלֶיךָ אֶשְׁמֹרָה כִּי־
אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי׃ יא אֱלֹהֵי חַסְדִּי יְקַדְּמֵנִי אֱלֹהִים
יַרְאֵנִי בְשֹׁרְרָי׃ יב אַל־תַּהַרְגֵם ׀ פֶּן־יִשְׁכְּחוּ עַמִּי
הֲנִיעֵמוֹ בְחֵילְךָ וְהוֹרִידֵמוֹ מָגִנֵּנוּ אֲדֹנָי׃ יג חַטַּאת־
פִּימוֹ דְּבַר־שְׂפָתֵימוֹ וְיִלָּכְדוּ בִגְאוֹנָם וּמֵאָלָה
וּמִכַּחַשׁ יְסַפֵּרוּ׃ יד כַּלֵּה בְחֵמָה כַּלֵּה וְאֵינֵמוֹ וְיֵדְעוּ
כִּי־אֱלֹהִים מֹשֵׁל בְּיַעֲקֹב לְאַפְסֵי הָאָרֶץ סֶלָה׃

טו וְיָשֻׁבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב וִיסוֹבְבוּ עִיר: טז הֵמָּה
יְנִיעוּן לֶאֱכֹל אִם־לֹא יִשְׂבְּעוּ וַיָּלִינוּ: יז וַאֲנִי ׀
אָשִׁיר עֻזֶּךָ וַאֲרַנֵּן לַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ כִּי־הָיִיתָ מִשְׂגָּב לִי
וּמָנוֹס בְּיוֹם צַר־לִי: יח עֻזִּי אֵלֶיךָ אֲזַמֵּרָה כִּי־אֱלֹהִים
מִשְׂגַּבִּי אֱלֹהֵי חַסְדִּי:

עז א לַמְנַצֵּחַ עַל־ יְדוּתוּן לְאָסָף מִזְמוֹר: ב קוֹלִי *)
אֶל־אֱלֹהִים וְאֶצְעָקָה קוֹלִי אֶל־אֱלֹהִים וְהַאֲזִין
אֵלָי: ג בְּיוֹם צָרָתִי אֲדֹנָי דָּרָשְׁתִּי יָדִי ׀ לַיְלָה נִגְּרָה
וְלֹא תָפוּג מֵאֲנָה הִנָּחֵם נַפְשִׁי: ד אֶזְכְּרָה אֱלֹהִים
וְאֶהֱמָיָה אָשִׂיחָה ׀ וְתִתְעַטֵּף רוּחִי סֶלָה: ה אָחַזְתָּ
שְׁמֻרוֹת עֵינָי נִפְעַמְתִּי וְלֹא אֲדַבֵּר: ו חִשַּׁבְתִּי יָמִים
מִקֶּדֶם שְׁנוֹת עוֹלָמִים: ז אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה
עִם־לְבָבִי אָשִׂיחָה וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי: ח הַלְעוֹלָמִים
יִזְנַח ׀ אֲדֹנָי וְלֹא־יֹסִיף לִרְצוֹת עוֹד: ט הֶאָפֵס לָנֶצַח
חַסְדּוֹ גָּמַר אֹמֶר לְדֹר וָדֹר: י הֲשָׁכַח חַנּוֹת אֵל
אִם־קָפַץ בְּאַף רַחֲמָיו סֶלָה: יא וָאֹמַר חַלּוֹתִי הִיא
שְׁנוֹת יְמִין עֶלְיוֹן: יב אֶזְכּוֹר מַעַלְלֵי־יָהּ כִּי־אֶזְכְּרָה
מִקֶּדֶם פִּלְאֶךָ: יג וְהָגִיתִי בְכָל־פָּעֳלֶךָ וּבַעֲלִילוֹתֶיךָ
אָשִׂיחָה: יד אֱלֹהִים בַּקֹּדֶשׁ דַּרְכֶּךָ מִי־אֵל גָּדוֹל
כֵּאלֹהִים: טו אַתָּה הָאֵל עֹשֵׂה פֶלֶא הוֹדַעְתָּ בָעַמִּים
עֻזֶּךָ: טז גָּאַלְתָּ בִּזְרוֹעַ עַמֶּךָ בְּנֵי־יַעֲקֹב וְיוֹסֵף סֶלָה:
יז רָאוּךָ מַּיִם ׀ אֱלֹהִים רָאוּךָ מַּיִם יָחִילוּ אַף יִרְגְּזוּ

---

*) באמרך אל אלהים תכוין המילוי כזה אל״ף למ״ד אל״ף למ״ד ה״י יו״ד מ״ם

תְהֹמוֹת: יח זֹרְמוּ מַיִם | עָבוֹת קוֹל נָתְנוּ שְׁחָקִים
אַף־חֲצָצֶיךָ יִתְהַלָּכוּ: יט קוֹל רַעַמְךָ | בַּגַּלְגַּל הֵאִירוּ
בְרָקִים תֵּבֵל רָגְזָה וַתִּרְעַשׁ הָאָרֶץ: כ בַּיָּם דַּרְכֶּךָ
וּשְׁבִילְךָ בְּמַיִם רַבִּים וְעִקְּבוֹתֶיךָ לֹא נֹדָעוּ:
כא נָחִיתָ כַצֹּאן עַמֶּךָ בְּיַד־מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן:

צ א תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה אִישׁ־הָאֱלֹהִים אֲדֹנָי מָעוֹן אַתָּה
הָיִיתָ לָּנוּ בְּדֹר וָדֹר: ב בְּטֶרֶם | הָרִים יֻלָּדוּ
וַתְּחוֹלֵל אֶרֶץ וְתֵבֵל וּמֵעוֹלָם עַד־עוֹלָם אַתָּה אֵל:
ג תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד־דַּכָּא וַתֹּאמֶר שׁוּבוּ בְנֵי־אָדָם:
ד כִּי אֶלֶף שָׁנִים בְּעֵינֶיךָ כְּיוֹם אֶתְמוֹל כִּי יַעֲבֹר
וְאַשְׁמוּרָה בַלָּיְלָה: ה זְרַמְתָּם שֵׁנָה יִהְיוּ בַּבֹּקֶר
כֶּחָצִיר יַחֲלֹף: ו בַּבֹּקֶר יָצִיץ וְחָלָף לָעֶרֶב יְמוֹלֵל
וְיָבֵשׁ: ז כִּי־כָלִינוּ בְאַפֶּךָ וּבַחֲמָתְךָ נִבְהָלְנוּ:
ח שַׁתָּה עֲוֹנֹתֵינוּ לְנֶגְדֶּךָ עֲלֻמֵנוּ לִמְאוֹר פָּנֶיךָ: ט כִּי
כָל־יָמֵינוּ פָּנוּ בְעֶבְרָתֶךָ כִּלִּינוּ שָׁנֵינוּ כְמוֹ־הֶגֶה:
י יְמֵי־שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה וְאִם בִּגְבוּרֹת |
שְׁמוֹנִים שָׁנָה וְרָהְבָּם עָמָל וָאָוֶן כִּי־גָז חִישׁ וַנָּעֻפָה:
יא מִי־יוֹדֵעַ עֹז אַפֶּךָ וּכְיִרְאָתְךָ עֶבְרָתֶךָ: יב לִמְנוֹת
יָמֵינוּ כֵּן הוֹדַע וְנָבִא לְבַב חָכְמָה: יג שׁוּבָה יְהֹוָה
עַד־מָתָי וְהִנָּחֵם עַל־עֲבָדֶיךָ: יד שַׂבְּעֵנוּ בַבֹּקֶר
חַסְדֶּךָ וּנְרַנְּנָה וְנִשְׂמְחָה בְּכָל־יָמֵינוּ: טו שַׂמְּחֵנוּ
כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה: טז יֵרָאֶה אֶל־
עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ וַהֲדָרְךָ עַל־בְּנֵיהֶם: יז וִיהִי | נֹעַם

אֲדֹנָי אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ
וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ׃

קה א הוֹדוּ לַיהֹוָה קִרְאוּ בִשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים
עֲלִילוֹתָיו׃ ב שִׁירוּ־לוֹ זַמְּרוּ־לוֹ שִׂיחוּ בְּכָל־
נִפְלְאוֹתָיו׃ ג הִתְהַלְלוּ בְּשֵׁם קָדְשׁוֹ יִשְׂמַח לֵב ׀
מְבַקְשֵׁי יְהֹוָה׃ ד דִּרְשׁוּ יְהֹוָה וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו
תָּמִיד׃ ה זִכְרוּ נִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר־עָשָׂה מֹפְתָיו
וּמִשְׁפְּטֵי־פִיו׃ ו זֶרַע אַבְרָהָם עַבְדּוֹ בְּנֵי יַעֲקֹב
בְּחִירָיו׃ ז הוּא יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ בְּכָל־הָאָרֶץ
מִשְׁפָּטָיו׃ ח זָכַר לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ דָּבָר צִוָּה לְאֶלֶף
דּוֹר׃ ט אֲשֶׁר כָּרַת אֶת־אַבְרָהָם וּשְׁבוּעָתוֹ לְיִשְׂחָק׃
י וַיַּעֲמִידֶהָ לְיַעֲקֹב לְחֹק לְיִשְׂרָאֵל בְּרִית עוֹלָם׃
יא לֵאמֹר לְךָ אֶתֵּן אֶת־אֶרֶץ־כְּנָעַן חֶבֶל נַחֲלַתְכֶם׃
יב בִּהְיוֹתָם מְתֵי מִסְפָּר כִּמְעַט וְגָרִים בָּהּ׃
יג וַיִּתְהַלְּכוּ מִגּוֹי אֶל־גּוֹי מִמַּמְלָכָה אֶל־עַם אַחֵר׃
יד לֹא־הִנִּיחַ אָדָם לְעָשְׁקָם וַיּוֹכַח עֲלֵיהֶם מְלָכִים׃
טו אַל־תִּגְּעוּ בִמְשִׁיחָי וְלִנְבִיאַי אַל־תָּרֵעוּ׃
טז וַיִּקְרָא רָעָב עַל־הָאָרֶץ כָּל־מַטֵּה־לֶחֶם שָׁבָר׃
יז שָׁלַח לִפְנֵיהֶם אִישׁ לְעֶבֶד נִמְכַּר יוֹסֵף׃ יח עִנּוּ
בַכֶּבֶל רַגְלוֹ בַּרְזֶל בָּאָה נַפְשׁוֹ׃ יט עַד־עֵת
בֹּא־דְבָרוֹ אִמְרַת יְהֹוָה צְרָפָתְהוּ׃ כ שָׁלַח מֶלֶךְ
וַיַּתִּירֵהוּ מֹשֵׁל עַמִּים וַיְפַתְּחֵהוּ׃ כא שָׂמוֹ אָדוֹן
לְבֵיתוֹ וּמֹשֵׁל בְּכָל־קִנְיָנוֹ׃ כב לֶאְסֹר שָׂרָיו בְּנַפְשׁוֹ

וּזְקֵנָיו יְחַכֵּם: כג וַיָּבֹא יִשְׂרָאֵל מִצְרָיִם וְיַעֲקֹב גָּר
בְּאֶרֶץ־חָם: כד וַיֶּפֶר אֶת־עַמּוֹ מְאֹד וַיַּעֲצִמֵהוּ
מִצָּרָיו: כה הָפַךְ לִבָּם לִשְׂנֹא עַמּוֹ לְהִתְנַכֵּל בַּעֲבָדָיו:
כו שָׁלַח מֹשֶׁה עַבְדּוֹ אַהֲרֹן אֲשֶׁר בָּחַר־בּוֹ: כז שָׂמוּ־
בָם דִּבְרֵי אֹתוֹתָיו וּמֹפְתִים בְּאֶרֶץ חָם: כח שָׁלַח
חֹשֶׁךְ וַיַּחְשִׁךְ וְלֹא־מָרוּ אֶת־דְּבָרוֹ: כט הָפַךְ אֶת־
מֵימֵיהֶם לְדָם וַיָּמֶת אֶת־דְּגָתָם: ל שָׁרַץ אַרְצָם
צְפַרְדְּעִים בְּחַדְרֵי מַלְכֵיהֶם: לא אָמַר וַיָּבֹא עָרֹב
כִּנִּים בְּכָל־גְּבוּלָם: לב נָתַן גִּשְׁמֵיהֶם בָּרָד אֵשׁ
לֶהָבוֹת בְּאַרְצָם: לג וַיַּךְ גַּפְנָם וּתְאֵנָתָם וַיְשַׁבֵּר עֵץ
גְּבוּלָם: לד אָמַר וַיָּבֹא אַרְבֶּה וְיֶלֶק וְאֵין מִסְפָּר:
לה וַיֹּאכַל כָּל־עֵשֶׂב בְּאַרְצָם וַיֹּאכַל פְּרִי אַדְמָתָם:
לו וַיַּךְ כָּל־בְּכוֹר בְּאַרְצָם רֵאשִׁית לְכָל־אוֹנָם:
לז וַיּוֹצִיאֵם בְּכֶסֶף וְזָהָב וְאֵין בִּשְׁבָטָיו כּוֹשֵׁל:
לח שָׂמַח מִצְרַיִם בְּצֵאתָם כִּי־נָפַל פַּחְדָּם עֲלֵיהֶם:
לט פָּרַשׂ עָנָן לְמָסָךְ וְאֵשׁ לְהָאִיר לָיְלָה: מ שָׁאַל
וַיָּבֵא שְׂלָו וְלֶחֶם שָׁמַיִם יַשְׂבִּיעֵם: מא פָּתַח צוּר
וַיָּזוּבוּ מָיִם הָלְכוּ בַּצִּיּוֹת נָהָר: מב כִּי־זָכַר אֶת־
דְּבַר קָדְשׁוֹ אֶת־אַבְרָהָם עַבְדּוֹ: מג וַיּוֹצִא עַמּוֹ
בְשָׂשׂוֹן בְּרִנָּה אֶת־בְּחִירָיו: מד וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת
גּוֹיִם וַעֲמַל לְאֻמִּים יִירָשׁוּ: מה בַּעֲבוּר | יִשְׁמְרוּ
חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו יִנְצֹרוּ הַלְלוּיָהּ:

קלז א עַל־נַהֲרוֹת | בָּבֶל שָׁם יָשַׁבְנוּ גַּם־בָּכִינוּ
בְּזָכְרֵנוּ אֶת־צִיּוֹן: ב עַל־עֲרָבִים בְּתוֹכָהּ תָּלִינוּ
כִּנֹּרוֹתֵינוּ: ג כִּי שָׁם שְׁאֵלוּנוּ שׁוֹבֵינוּ דִּבְרֵי־שִׁיר
וְתוֹלָלֵינוּ שִׂמְחָה שִׁירוּ לָנוּ מִשִּׁיר צִיּוֹן: ד אֵיךְ נָשִׁיר
אֶת־שִׁיר־יְהֹוָה עַל אַדְמַת נֵכָר: ה אִם־אֶשְׁכָּחֵךְ
יְרוּשָׁלָםִ תִּשְׁכַּח יְמִינִי: ו תִּדְבַּק לְשׁוֹנִי | לְחִכִּי
אִם־לֹא אֶזְכְּרֵכִי אִם־לֹא אַעֲלֶה אֶת־יְרוּשָׁלַםִ עַל
רֹאשׁ שִׂמְחָתִי: ז זְכֹר יְהֹוָה | לִבְנֵי אֱדוֹם אֵת יוֹם
יְרוּשָׁלָםִ הָאֹמְרִים עָרוּ | עָרוּ עַד הַיְסוֹד בָּהּ:
ח בַּת־בָּבֶל הַשְּׁדוּדָה אַשְׁרֵי שֶׁיְשַׁלֶּם־לָךְ אֶת־
גְּמוּלֵךְ שֶׁגָּמַלְתְּ לָנוּ: ט אַשְׁרֵי | שֶׁיֹּאחֵז וְנִפֵּץ אֶת־
עֹלָלַיִךְ אֶל־הַסָּלַע:

קנ א הַלְלוּיָהּ | הַלְלוּ־אֵל בְּקָדְשׁוֹ הַלְלוּהוּ בִּרְקִיעַ
עֻזּוֹ: ב הַלְלוּהוּ בִגְבוּרֹתָיו הַלְלוּהוּ כְּרֹב גֻּדְלוֹ:
ג הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר הַלְלוּהוּ בְּנֵבֶל וְכִנּוֹר:
ד הַלְלוּהוּ בְתֹף וּמָחוֹל הַלְלוּהוּ בְּמִנִּים וְעֻגָב:
ה הַלְלוּהוּ בְצִלְצְלֵי־שָׁמַע הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי תְרוּעָה:
ו כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ הַלְלוּיָהּ:

אחר שסיים תהלים יאמר זה:

מִי יִתֵּן מִצִּיּוֹן יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּב יְהֹוָה שְׁבוּת עַמּוֹ יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל: וּתְשׁוּעַת צַדִּיקִים מֵיְהֹוָה מָעוּזָּם בְּעֵת צָרָה: וַיַּעְזְרֵם יְהֹוָה וַיְפַלְּטֵם יְפַלְּטֵם מֵרְשָׁעִים וְיוֹשִׁיעֵם כִּי חָסוּ בוֹ: